מוטל היה צועד לאיטו בשובה ובנחת, וצעדיו מדודים. ממושקף היה וזקנו השחרחר מסורק ומטופח תמיד. שיער מכסיף המוסיף לווית חן וסבר של שיקול דעת והדרת כבוד. לבוש קאפוטה שחורה וארוכה ומטריה ביד, נעול מגפיים מבריקים ומחודדים, היה צועד בגאון ולא הסב את פניו לא לימין ולא לשמאל, אלא הסתכל ניכחו. הילת מסתורין אפפה את האיש הזה, שתקן מטבעו ומכונס בתוך עצמו, תמיד מהורהר ולא הרבה שיחה עם בני אדם. ובכל זאת הוקירוהו והעריצוהו כולם, כי מוטל־מלמד היה מסור כל כולו ליעוד הגדול: להרביץ תורה בתלמידיו.

מוטל היה שונה מכל שאר המלמדים בעירנו, הן באישיותו והן בשיטת לימודיו. שאלתי וחקרתי מה מקורו בדיוק ואיפה נולד, ובאיזה מקום עוד מלמדים בשיטה זו, אך אף אחד לא ידע לענות לי. זאת היתה שיטה המיוחדת לו, ורק לו. עד היום, כשקוראים אחד מתלמידיו למפטיר והוא מברך על התורה ומקריא בניגון של מוטל־מלמד, פוערים כולם פה: מאיפה זה, איזה חסיד אתה? אכן, היו לו מנגינות נפלאות לשיר השירים, לאקדמות ולשירה שבתוכה, שהיו מיוחדות לו ורק לו.

התלמידים, וביחוד הלצים שביניהם, היו מתפארים בסיפוריהם הדימיוניים, איך „סידרו״ את מלמדיהם:

אחד סיפר שהדביק את זקנו של הרבי לשולחן בעת שנימנם וכשהתעורר היה מרים את השולחן אל על; השני סיפר שקשר את רגל הרבי לשולחן וכשקם להרביץ לאיזה תלמי דהיה סוחב אותו את השולחן; השלישי סיפר שקבע מסמרים בתוך הכסא וכשהתיישב הרבי זינק ממקומו כאילו אחזהו שגעון.

על מוטל־מלמד לא סיפרו מעשיות דומות, כי נהגו בו יחס של דרך־ארץ ויראת כבוד. תלמיד מעולם לא התחצף ולא הרים קול כנגדו; מוטל ידע להראות לתלמיד כזה נחת זרועו, מתלמיד שסטה לא חסך את שבטו, והפליא את מכותיו למען ידעו.

שולף אני ממגירת זיכרוני תמונות מהחדר. כאילו מתוך ערפל מופיע נגד עיני „החדר" על כל יופיו והדרו וגם על כל מגרעותיו. חדר גדול ומעורפל מלא אבק וזוהמה, אשר היה ברובו הגדול תפוש ספסלים, והמוני תלמידים מכל הגילים מצטופפים, מפטפטים בקולותיהם הרכים. תמיד שאון, רעש והמולה. בעוד שמעבר לספסלים היו בוקעים קולות ערבים של התלמידים הלומדים, היו יתר התלמידים עומדים בפינת החדר ועוסקים בפרקמטיה, שטופים בכל מיני משחקים, מתקוטטים על מה בכך.

כמה היינו מקנאים — בלכתנו לחדר — בתלמידים הגויים, שהיו מצוחצחים, לבושים בלבוש אחיד מהודר, ועל שכמם ילקוט מלא ספרי לימוד ומכשירי כתיבה. ובתי הספר שלהם מה יפים הם! שוכנים בבתים יפים עם חלונות גבוהים, שדרכם חודר הרבה אור, ובפנים, הכל נקי ומצוחצח, הקירות מקושטים בתמונות ובמפות ויש לוח כתיבה שחור וגדול.

וזו היתה שיטת הלימודים בחדר: ביום ראשון היו מתחילים ללמוד את פרשת השבוע. התלמידים ישבו צפופים ודחוקים על הספסלים שבראשם עמד שולחן קטן שעל ידו ישב מוטל־מלמד. מוטל היה מקריא פסוק מהחומש ומפרש כל מילה ביידיש ואחריו כולם במקהלה: „ויאמר — האט געזאגט — ד' — גאט — אל משה — צו משה" וכו'.

יום רביעי היה יום המבחן לתלמידים המצטיינים. ביום זה היו התלמידים מסתדרים בשורה סביב לשולחן, הראשון היה מקריא פסוק ומבארו ביידיש ואחריו כל תלמיד אותו פסוק. ניכשל התלמיד — היה מוטל־מלמד מעניש בכל חומר הדין, והעונש לפי מידת השגיאה. מוטל היה מקפיד בשגיאה קלה כבחמורה. עבור שגיאה קלה היה מסתפק ב„אַ געמקעלע" (לחיצת סנטר), שגיאה גסה — מריטת אוזן, ושגיאה חמורה — מכת כף יד בסרגל.

ערך רב ומכריע לגבי התלמידים היה לבעיה: מי יעמוד הראשון בשורה? אם ידע הראשון, שמע ממנו השני והשלישי שמע מהשניים הקודמים וכו'. לא ידע הראשון, היה מקבל את עונשו והשני היה חייב לחזור על הפסוק, לא ידע השני קיבל את עונשו והשלישי היה חייב לחזור על אותו הפסוק. אם הראשון לא ידע, עלולים היו כל התלמידים להיענש, לכן לרוב עמד בראש תלמיד ותיק ומצטיין, היודע היטב את החומש. מוטל־מלמד אף פעם לא התערב ולא קבע את סדר העמידה שבשורה, זה היה עניינם הפנימי של התלמידים.

כשבא היום הרביעי הגורלי, היו התלמידים משכימים קום, מיהרו לחדר כשדאגה מכרסמת בלבם, התדיינו ביניהם בקולי קולות: מי יעמוד הראשון — השני — וכו'.

אחד התלמידים המצטיינים היה יהושע מיידמאן „באבע", יהושע „באבע" משום מה? משום אפו הארוך המעוגל ובאמצע בליטה. יהושע באבע זה, היה כל תקוותם של התלמידים: יעמוד הוא בראש השורה — יש כל הסיכויים להיות פטורים מעונשים כבדים, יסרב — צפוי להם יום מר — לספוג מכות כהלכה.

יהושע ידע יפה את מעמדו, לכן היה יהיר, התנשא על יתר התלמידים, קינטרם והקניטם, והיתל בהם בשובבות. לרוב נתבקש לעמוד בראש השורה, אולם לא מיהר להסכים לכך, כי למרות היותו תלמיד מצטיין, בכל זאת עתיד היה לספוג כמה מכות כף הגונות, ורק אחרי שידולים, הפצרות ותחנונים, ולאחר שקיבל מתנות לרוב הסכים.

כשהגיעה שעת המיבחן התישב מוטל־מלמד על יד השולחן בכל הדרת תפארתו, והקיש שלוש נקישות על השולחן.

רטט עבר בתלמידים, והחלו להתרוצץ ולכרכר כאחוזי תזזית. החמישיה המצטיינת התקרבה לשולחן, בפיק ברכיים, רועדים מהתרגשות, הסתדרו סביב לשולחן ובראשם יהושע באבע. יהושע היה נער מגודל, פניו חוורים ומנומשים, עיניו התרוצצו אנה ואנה באי־שקט והביעו חרדה. שחוח עמד, ראשו רכון ועיניו נעוצות לתוך החומש.

בחדר הושלך הס, רישרוש קל לא נשמע, אוירה מתוחה השתררה ופני כולם הופנו לעבר החמישיה המצטיינת. אלה היו הגיבורים ההולכים ראשונים לקו האש.

לפתע בקע מתוך הדומיה, קול רועד וחנוק: „אלה תולדות נוח" ואחריו השני והשלישי עד סוף השורה.

הפסוק הראשון עבר עליו בשלום, אך כשהגיע לפסוק השני ניכשל יהושע, החל לגמגם ולנחש ולבסוף לא ידע. מוטל הרים את הסרגל ויהושע החזיק את היד הרועדת סמוך לחזה, הושיט והחזיר, הושיט והחזיר. הפעם החטיא מוטל־מלמד את המטרה, הסרגל פגע בשולחן ונשבר.

התלמידים לא הסתירו את שמחתם, סבורים היו שהיום הזה יעבור בלי מכות עונשין, אולם לא כך חשב מוטל־מלמד. הוא התכופף, חיטט, חיפש ומצא: מתוך המגף הוציא סרגל חדש ומבריק ונופף באוויר להפתעתם ולמגינת לבם של התלמידים. מוטל ידע שהסרגל פגום, והכין לו שני לרזרבה. „קוטערס (חתולים) שכמותכם", הרעים, "מה חשבתם, שהיום יעבור בלי עונשין? לזה דאגתי יום קודם לכן!" ובאומרו כך, אחז את כף ידו של יהושע בקצה אצבעותיו, הרימה במקצת, והנחית מהלומה כדבעי. יהושע נענע את ידו, כאילו רצה לנער ממנה את המכות, נשף לתוך היד, כדי לצנן אותה קצת, שפשף את הכף באחוריו, ואחר החזיק את היד הכואבת בידו השניה והמשיך. הפעם גמר את הפסוק בחסד. רק "א געמקעלע" (לחיצת סנטר) ושתי מריטות אוזן.

כשנתרבו המכות היה יהושע נוהג להושיט פעם יד ימנית ופעם יד שמאלית. יש והתבלבל, הושיט יד ימין, נזכר כי טעה, וטרם הספיק להחזירה, וחבטה אדירה נפלה על יד ימין.

אחרי המבחן התקבצו התלמידים בפינת החדר ולקקו את פצעיהם. המוכים הושיטו כל אחד את כפות ידיו לראוה; הן היו אדומות כאש. כולם נדחקו לראות את כפות ידיו של יהושע, משׁשו את עורן, ניסו לצבוט ולא הצליחו, כי עור כף ידו היה קשה כסוליה מרוב מכות.

ובכל זאת לא העלה איש מהחמישיה המצטיינת בדעתו לוותר על מקומם על יד השולחן בעת המיבחן, המעשה הביא להם כבוד והעלה את היוקרה. רק יהושע רמז כי לא יוסיף לעמוד בראש השורה, וזה הותיר מועקה בלב התלמידים.

ואשר יגורנו בא. ביום רביעי הבא, בבוקר השכם עת התאספו התלמידים לקבוע את סדר העמידה בתור, הודיע יהושע בפסקנות: „לא אוסיף לעמוד הראשון". הבשורה הרעה הזאת היכתה את התלמידים בתדהמה, וכשהתאוששו, גיסו לדבר על לבו בתחנונים, בדברי נועם, הבטיחו המון מתנות, אך ללא הועיל, יהושע הוסיף לעמוד במריו. „לא אהיה קרבן התמיד שלכם!" הכריז בהתרגשות, „יעמוד כל אחד מכם לפי התור בראש, ואז ירגיש על בשרו את הטעם המר. אני מוותר על כל המתנות שלכם, ואפילו תמלאו לי את כל החדר זהב, לא אתיצב הפעם בראש!"

לא הועילו כל הטענות והמענות, יהושע בשלו: „צדק! איפה הצדק והיושר?! הבעד נזיד עדשים אהיה תמיד המוכה עבורכם? צדק אני דורש!"

נגד סיסמת הצדק והיושר לא יכלו לעמוד אפילו הקשוחים מבין התלמידים. רגש הצדק והיושר היה מושרש עמוק בתלמידים, הלא שיננו כל הימים: „צדק, צדק תרדוף", אבל לא יכלנו לבוא לעמק השווה מי יעמוד הפעם בראש, כל אחד התחמק, לכן הוחלט להפיל פור.

אומר ועושה, לקחו מטפחת, קשרו קשר ומי שיוציא את הקשר, יעמוד הראשון. ואת הקשר הגורלי הוציא יענקעלע גרובאייזן. התלמידים קיבלוהו בקבלת פנים צוהלת, טפחו על כתפיו, הרימוהו אל־על ובר־כוהו בהצלחה.

תהיה זאת הפעם הראשונה שיענקעלע גרובאייזן יעמוד הראשון בשורה בעת המיבחן. יענקעלע גרובאייזן היה ילד קטן מידות, בעל ארשת פנים חביבה וידוע כילד טוב ומיטיב וגם מצטיין בלימודיו. לבוש היה כתונת מרוכסת עד לצווארו, והטלית קטן שלו מכסה על כותנתו, ומשתלשל בציציותיו מחוץ למכנסיו, בהרבה מעל חגורתו.

כשנשמעו שלוש הנקישות המבשרות את בוא זמן המיבחן, קמה בהלה בין התלמידים, אימה ופחד נפלו עליהם וברגלים כושלות התקרבו לשולחן. הפעם הסתדרה החמישיה בסדר דלקמן: יענקעלע הראשון, פנקס השני, יהושע באבע במקום השלישי וכו'. כל התלמידים רגשו ותפילה בלבם, שיענקעלע יעבור את טבילת האש הראשונה בשלום.

ואמנם בהתחלה זה הלך למישרין, יענקעלע הקריא בקולו הרך והצלול פסוק אחרי פסוק בשטף ובביטחון, פרש כהלכה מבלי שישגה אף פעם אחת.

אך לפתע קרתה לו תקלה והעגלה עמדה מלכת, כאילו נתקעה בבוץ. יענקעלע מתאמץ, גונח — ולא הולך לו.

מוטל־מלמד מניף את הסרגל, דרוך להנחית את המכה. בחדר השתררה דומיה מוזרה ומעיקה המכבידה על הנשמה, רק רחש הזבובים המעופפים נשמע.

נצלתי שניה עת מוטל גרש זבוב מעל אפו, לחשתי ליענקעלע לחישה, והעגלה כאילו יצאה מהבוץ והחלה לזוז. התלמידים נשמו לרווחה כאילו נגולה אבן כבדה מלבם.

אבל ממוטל־מלמד לא נעלם הדבר, ושתי מכות כף הדהדו בחדר ונסרו את הדממה. „קוטער שכמותך" הרעים עלי בקולו, „כשמגיע תורך ,צום אויסזאגן' (למיבחן) אתה עומד כבול עץ, כגולם, ולא יודע לפצות פה, וללחוש אתה יודע?" מוטל ממש יצא מכליו, לא נתקררה דעתו עד שנתן לי תוספת, מריטת אוזן. לא סתם מריטה, אלא מריטה כדבעי שלוש פעמים סיבב לי את האוזן בחזקה ולסיום אחז בסנטרי, לחץ בחזקה, הרים את ראשי ולא הרפה עד שגמר בקול ניגון ערב: „ככה ייעשה לתלמיד הלוחש לחברו בעת המיבחן"! ורק אז נרגע מוטל־מלמד באמרו שבעד חטא שכזה אלוהים לא סולח.

כבשתי את עיני בחומש בהרגשת אשמה וראשי סחרחר. לפתע החלו האותיות לנוע ולרצד ולרקוד מחול שדים פראי.

מאותה שעה ואילך, כאילו הסתלקה השכינה מעל יענקעלע, הוא שגה שגיאות גסות וחמורות והמכות עפו בלי רחמים ובלי הרף, מוטל־מלמד כאילו רצה בכוח הזרוע להכניס את התורה לתוך קודקדנו.

יענקעלע המסכן הושיט כל פעם את היד בהכנעה ולא הניד עפעף, פניו לא נעו ולא זעו ורק מעיניו הגדולות והכחולות ניגרו הדמעות באלפי פלגים, זלגו לאורך לחייו הורודות, נטפו על החומש והרטיבו את האותיות הקדושות.

אכן, היה זה „יום שחור" לתלמידים, שיזכרוהו לדראון, וכל זאת בגלל יהושע המרדן, אבל גם על יהושע לא פסחה הרעה, גם הוא ספג מכות הגונות לרוב.

אחרי המיבחן, כדרכם תמיד, פרשו התלמידים לפינת החדר בראש מורד, מאוכזבים על כשלונם, מוכים ופצועים בנפשם וברוחם. אהדת כולם נתונה היתה הפעם ליענקעלע, כולם התגודדו סביבו ורצו לראות את כף ידו, למששה ולצבוט את עורה. ואל יהושע וכף ידו לא שעו.

יהושע עמד מבודד. אולי הציק לו מוסר כליות על הצער שגרם לחבריו, ואולי חש כגיבור על שהיה לאל ידו לעולל להם מפח נפש כזה.

התלמידים, שכל רצונם היה להתנקם ביהושע ולהקניטו, עשו הכל כדי לעורר בו את קנאתו. הם העתירו רוב מחמאות על יענקעלע, פארוהו ורוממוהו לע אומץ ליבו, על עמידתו האיתנה והגאה — הוא לא פחד להושיט את היד כמו יהושע — חילקו לו דברי מתיקה ומתנות לרוב, ליטפוהו וניחמוהו. היה זה פצוי מה ליענקעלע על כל מה שעבר עליו בעת המיבחן, חיוך קל היה נסוך על פניו העדינים ועיניו הלחות נצצו והביעו אושר רב.

יום חורף בחדר

באותם הימים נהוג היה בחדרים יום לימודים ארוך, התלמידים — הפנויים מלימודיהם — משחקים בחצר, ואילו בחורף כלואים היו כל היום בחדר.

כשהתקרב הערב חיכו התלמידים בקוצר רוח ובכיליון נפש שהרבי ילך למנחה ומעריב, וכשהגיעה אותה שעה מיוחלת לא היה גבול לשמחתם, אז נתנו פורקן ליצריהם, השתוללו והשתובבו עד לשגעון.

יש והתלמידים התישבו במעגל על הריצפה וסיפרו מעשיות נוראות. לאור מנורת הנפט שהאירה באור קלוש ישבו התלמידים לחוצים ודחוקים ושמעו סיפורי מתח; על גנבים מפורסמים שחילקו את שללם לעניים, על ליסטים גיבורים, ששוטרים רדפו אחריהם בחוצות העיר והם ברחו דרך גגות הבתים ודילגו מגג לגג והרודפים לא יכלו להשיגם. סיפרו על שדים ורוחות, ולהבדיל, על האלוהים שרגליו נטויות על הרקיע הראשון וראשו מגיע עד לרקיע השביעי והוא כולו אש להבה, וסביבו מתעופפים מלאכים, ושרפים דרוכים לשמוע את פקודותיו, ואלפי אלפי נשמות מגיעות בלי הרף והאלוהים שולחם מי לגן עדן ומי לגיהינום. והגיהינום, מה נורא הוא, שמה צולים ושורפים את הרשעים שבע פעמים ביום. וסיפרו מעשה נורא המקפיא את הדם, ביהודי שעבר דרך בית הכנסת בלילה, והמתים קראוהו לעלות לתורה, ולמחרת מצאוהו מת מרוב פחד.

כל הסיפורים האלה השאירו על התלמידים רושם בל ימחה.

הגיעה השעה ללכת הביתה. החלו ההכנות. ראשית מעשה הכינו את פנסיהם, היו כאלה שהאירו את פנסיהם בנפט, והיו אחרים שהאירו בנר, לקחו תפוח אדמה עשו בו חור ותחבו לתוכו נר.

כשהפנסים דלקו החלו להתלבש, על מקטרניהם החמים עטו מעילים חמים, ועל צוואריהם קשרו רדידים שנסרגו על ידי אמותיהם הטובות. הם היו עטופים מכף רגל ועד ראש, על אזניהם שמו מגיני אזנים ועל ידיהם

כפפות מצמר סרוג, את כובע החורף הורידו עמוק על הראש והותירו רק סדק צר לעיניים, הילדים נראו כמו פקעת מצמר. לפני צאתם פלטו הבל מפיהם לבדוק את הקור. ואמנם קור כלבים שרר בחוץ.

בחוץ קיבלה אותם סופת שלג ששרקה מכל עבר, פתיתי שלג היכו בפניהם ורוח עזה עצרה את נשימתם ואילצתם בכל פעם להסתובב ולהפסיק את לכתם.

וחושך על פני הרחוב. ממש חושך. רק מעטה עבה של שלג לבן ציץ מתוך החשכה והרחוב ריק מאדם.

צעדו התלמידים מכורבלים במעיליהם כרואים ואינם נראים, רק אורות הפנסים נראו נוצצים ונעים לכל רוח ככוכבים קטנים. כשהשלג חרק מתחת למגפיהם, צעדו התלמידים אחוזי פחדים, כל צל נראה להם כשד נורא ואיום וכל רעש היה חשוד כרוח רפאים.

חרדו ביותר אותם התלמידים שהיו צריכים לעבור דרך בית הכנסת. פחדו שמה יקראום לעליה לתורה. אבל נגד זה היתה להם תרופה בדוקה: כשהתקרבו סמוך לבית הכנסת הוציאו את הציציות, אחזון ביד ועברו ביעף את כיברת הדרך והקריאה בפיהם: „שמע ישראל — שמע ישראל״! וראה זה פלא! הקריאה הו־עילה ואף פעם לא קרה שתלמיד, בעברו בלילה דרך בית הכנסת, יקרא לתורה. קריאת מילת הקסם: „שמע ישראל״ הצילתם תמיד מכל צרה, הגנה ושמרה עליהם מכל פגע ומכל רע, מהחיים ומהמתים.

באותו ערב חזרתי הביתה ובשורה בפי לאמא: היום התחלתי ללמוד גמרא. פתאום ניתך על ראשי מטר של צמוקים ושקדים, סגולה למזל וברכה לתורה ולחכמה, ואחר כך שמה אמי את ידה הענוגה על ראשי, לטפה אותו ברוך ואמרה: „חן חן בני, היה חרוץ והתמד בתורה ותחכים!״

את המחיר היקר ששלמתי עבור התורה העלמתי מעיני אמא, הדמעות כבר יבשו מזמן, ואת הידים האדומות כאש, שעורן קשה כסוליה מרוב מכות, ואת האזניים הלוהטות לא גיליתי לאמא.

ובכל זאת יקרת לי מוטל־מלמד! כל המכות הללו לא השאירו בי כל עקבות ואילו התורה שהירבצת בי חרשה חריץ עמוק בזכרוני; ״גירסא דינקותא לא משתכחין״, ועד היום אני מפזם לי להנאתי את נגינותיך הנפלאות.

קלמן ברקאי


ב„חדר"

(ר' מוטיל ווינרייך)

שליש אחד של חיי עבר עלי בעיר דומברובה, ואת הזכרונות מימי נעורי לא אשכח לעולם: גירסא דינקותא לא משתכחין.

מימי מלחמת העולם הראשונה זוכר אני רק שני פרטים: בהיותי ילד קטן העירו אותנו באמצע הלילה בכדי שנכין לנו מים ולחם; פעם אחרת היה עלי לעמוד בתור ללחם כל הלילה בבוקר בא איזה נער פולני ואמר שלא עמדתי בתור בכלל ולשברי לא השגתי את הלחם.

ב„חדר" התחלתי ללמוד בגיל צעיר מאד, אינני יודע אפילו בן כמה הייתי אז, רק את הרבי הראשון שלי אני זוכר. היה זה יהודי בשם יוסילה זלצברג



„חדר" ברחוב 3 במאי

ז"ל מרדן, אבל התגורר ברחוב „מיעסקה". היה לו זקן ארוך, נמוך קומה היה ומבוגר. למדתי אצלו עד שידעתי להתפלל. אחר־כך עברתי ללמוד אצל הרבי הידוע בעירנו, ר' מוטיל ווינרייך ז"ל. היה זה יהודי בעל קומה ממוצעת יפה תאר, בעל זקנקן חד, לבושו היה מסודר ונקי והיה תענוג להביט עליו. באופיו היה קשה. רגזן וקפדן ולא חס להעניש את תלמידיו. אבוי היה לתלמיד אשר בסוף השבוע, כנהוג ביום חמישי, לא ידע את פרקו אשר למד במשך כל השבוע.

שלש שיטות של מכות היו לו: נהג לצבוט בסנטרו של התלמיד צביטה הגונה, או שנתן סטירת לחי מצל־צלת, או שהלקה נמרצות על כף ידו של התלמיד בסר־גל מיוחד. למדנו אצלו מ־7 בבוקר עד 10 בלילה. בחורף חזרנו הביתה עם פנס ביד כי בחוץ היה חושך. היתה לו לר' מוטיל שיטה מיוחדת במינה ללימוד, הניגונים שלו היו יוצאים מן הכלל בטעמם הרב. מענין הדבר שכל התלמידים אשר רק למדו אצלו לא שכחו דבר ועד היום שרים את שיריו וזוכרים בעל פה את תלמודם. (בבית הכנסת, כשמכבדים אותי ב„מפטיר" נוהג אני לקרוא בניגונו של ר' מוטיל — כל המת־פללים מסתכלים בי ושואלים „היכן למדת ניגון כה יפה"?).

בסוף השבוע היה ר' מוטיל נוהג לבחור לו כמה תלמידים, שגם אני זכיתי להיות ביניהם, והזמין אותם לבוא בשבת לפני הרב שבעירנו בכדי להשמיע באז־ניו את מה שלמדנו במשך כל השבוע. הרב הקשיב לנו רב קשב והיה מלא התפעלות ממה ששמע. הוא שמח מאד וליטף כל תלמיד על לחיו, ולמחרת היום מסר לר' מוטיל את מלא השבחים על תלמידיו — ר' מוטיל היה אז ברקיע השביעי מרוב התרגשות.

הרבה ילדים למדו אצל ר' מוטיל. ישבנו על ספ־סלים ארוכים והוא ישב מולנו במקום מוגבה על יד השולחן וממרחק מה היה מסתכל בנו, שקט גמור היה בחדר אסור היה להוציא הגה יותר משנדרש ללימוד התורה.

בימי הקיץ, בשבתות אחרי הצהרים, היתה חובה עלינו לבוא לחדר וללמוד פרקי אבות, ובכדי שהדבר יענין אותנו היה ר' מוטיל נוהג לספר לנו סיפורים על גדולי התורה כמו על הבעל־שם־טוב, סיפר על ארץ ישראל, „ארץ זבת חלב ודבש", וגם סיפר שבפרי הרימון ישנם גרעינים בדיוק כמספר תר"יג מצוות.

ר' מוטיל ווינרייך היה יהודי בעל תפילה למופת, בעל תקיעה ובעל קריאה בתורה. למדתי אצלו בחדר עד שהתבגרתי והתחלתי לחפש דרך בחיים, „תכלית", למדתי תפרות. זה אז נחשב למקצוע „מיוחס".

אמנם עברו ונשכחו שנות הילדות והלימוד בחדר, אך את ר' מוטיל לא אשכח לעולם. זוכר אני כשפגש־

תיו לפעמים ברחוב עמדתי בנשימה עצורה מרוב דרך ארץ כלפיו. הייתי מושפע ממנו עמוקות ועד היום לא שכחתי דבר שלמדתי אצלו. בהיותי כבר בארץ הגיעו אלי ידיעות, כי ר׳ מוטיל היה מורה בבית הספר „מזרחי״. אך יום אחד בבוקר בלכתו לבית הספר צנח ארצה באמצע הרחוב מול בית הכנסת והשיב את נשמתו הטהורה לבוראו.

יהי זכרו ברוך! אנו התלמידים לא נשכח אותו לנצח.

ה מ ק ו ה

שלוש מקוואות היו בדומברובה, אחת ברחוב מיעסקא (אחר כך קראו לרחוב הזה „שאפענא״), והשניה בדמבניק אצל שיבק, אבל זה היה מחוץ לעיר. השלישית היתה ברדן. הרוב הלך לרחוב שאפענא אל ר׳ זישע לוקסנבורג ז״ל. היה זה יהודי גבה קומה בעל שרירים חזקים וזקן ארוך. אשתו שנקראה בפי כל בשם לייצ׳ע, היתה אשה בריאה ובעלת מרץ. שנים רבות היה הזוג גר בקצה העיר ליד שדות וליד ביתם היתה המקוה. ר׳ זישע לא הקפיד שמימי המקוה יהיו נקיים והתנאים הסאניטריים היו גרועים. פעמיים בשנה הכניס כלור לתוך המים, לכבוד פסח וראש השנה, וזה כל שעשה למען הנקיון.

זכורני שבהיותי ילד היה אבי לוקח אותי לרחוץ במקווה כל יום שישי, וזה נמשך עד גיל 15, כי עד אז לא חוייבתי לשלם. כשהתבגרתי הלכתי כבר לבדי ושילמתי דמי כניסה. ר׳ זישע בכבודו ובעצמו עמד על יד הדלת וקיבל כסף מהבאים. בעד התשלום היה כל אחד רשאי גם לבוא למקום בשבת בבוקר, גם בשבת עמד ר׳ זישע ליד הכניסה וזכר בדיוק מי שהיה ביום שישי ושילם את דמי הכניסה, ואם הבחין במישהו שלא ראה אותו יום קודם, לא נתן לו להכנס.

במקוה נפגשו יהודים מכל השכבות שבעירנו, ועל מה לא דיברו שם? על פוליטיקה על עניני מסחר, על בית הכנסת, על מוסדות, דיברו גם על אלה שהתחמקו ממתן צדקה, בקיצור — על הכל נודע במקוה.

לר׳ זישא היה גם בית תפילה משלו, מין „שטיבל״, והוא היה גם בעל התפילה. כיוון שהיה יהודי בן־תורה ואיש חכם, באו אליו בשאלות בעניני סיכסוכים, בירורים ועצות. אך אם באו אליו לשאול בעניני שידוכים או בענין חילוקי דעות בין איש ואשתו — בעניינים האלה לא אהב להתערב ותמיד אמר: בהחלט לא. ר׳ זישא היה גם בעל צדקה ואהב לעזור לזולת במתן הלואה בתור „גמילות חסד״.

השפה הפולנית לא היתה שגורה בפיו של ר׳ זישא והיה מעשה שבערב אחד נכנסו אליו שודדים ודרשו ממנו כסף. ר׳ זישא לא חשב הרבה וברח דרך חלון החוצה בצעקות „גוואלד״ אבל גם בחוץ עמד שודד אחד שהנחית מכה במוט ברזל על ראשו. ר׳ זישא לא שם לבו למכה, רץ קדימה בצעקות ואשתו לייצ׳ה אחריו גם היא מצעקת. השודדים נבהלו וברחו. ר׳ זישא הגיע בריצה עד למשטרה שברחוב 3 במאי. שמה פגש אותו הקצין התורן ביאלער מדומברובה העתיקה ושאל אותו: „אדון לוקסנבורג מה קרה?״ והוא מרים את עיניו ועונה לו בפולנית: „הרגו שני יהודים״. איפוה? שואל הקצין, עונה לו ר׳ זישא: „אחד זה אנוכי והשני תיכף יגיע״ ובאותו רגע הגיעה אשתו בריצה. הצביע עליה ר׳ זישא: „הנה היהודי השני!״ לקצין לא היתה ברירה אלא לחבוש את פצעיו, ושלח את שניהם הביתה בלווי שוטר. הבית היה מוקף אנשים סקרנים, שחיכו לשמוע מה קרה.

וככה ניצלו שניהם ממות בטוח בידי השודדים כי הם לא היו נותנים את כספם בקלות, ר׳ זישא לא היה פחדן, תמיד היה איש בריא בגופו וחזק ברוחו וחי שנים הרבה. וכפי ששמעתי, בהיותי כבר בארץ, שניהם נפטרו בשיבה טובה, כל אחד היה כבר קרוב לגיל מאה במותו.

קלמן ברקאי

מרדכי גאָטליב

זכרונות פון דאמבראָווע

„מה נורא המקום הזה"

אַרויסגייענדיק פון הויז אין אַ שבת'דיקן שפּאַציר מיט דער חברה מינדזשאַ נוסבאום און דוד קאַזשוך ז"ל אויף אַ זייטיקן געסל אויף „רעדען" אין דאָמבראָ־ווע, האָבן צו אונדז דערגרייכט אָפּגעהאַקטע טענער פון דעם גמרא־ניגון.

ווי־נען אין דעם הויז יידן וואָס זעצן זיך אַוועק אין מיטן טאָג לערנען? אין דעם הויז געפינט זיך דאָך — זאָגט דוד ז"ל — דאָס בית־המדרש פון אונדזער יידישן קיבוץ. באַלד קומט אָן אויסבעסערונג. אייגענטליך איז דאָס בית־המדרש נישט געבויט לשם בית־המדרש, נאָר געבליבן אַ ירושה פון אַן אָרטיקן תושב, וועלכער האָט געהאַט זיך אַן אייגענעם מנין, און שפּעטער איז געוואָרן אַ בית־המדרש ביזן היינ־טיקן טאָג. מיר באַטראַכטן דאָס בית־התפילה פאַר אומגעפער 200 יידישע משפחות, און איך גלויב נישט אין דעם וואָס איך זע. איז דען מעגלעך, אַז אַזאַ עדה יידן זאָלן נישט אַ טראַכט טון וועגן בויען אַ לייטיש בית־התפילה? ס'איז דאָך פּשוט אַ חרפה פאַר זיך אַליין. „איר זענט אַ ביסל שפּעט געקומען" — דער־קלערט אונדז דער גבאי פון דעם בית־המדרש, היינט איז דאָך לכל הפחות פאַרהאַן אין בית המדרש אַ פּאָדלאָגע, ס'זענען דאָך געווען צייטן — זאָגט ער, ווען דער עולם האָט בעת'ן דאַווענען זיך געבאָדן אין זאַמד און שטויב, און ס'איז אויך געווען גוט... — קומט אייך אַ יישר־כוח פאַר אייערע מי, אַז די מתפללים זאָלן נישט שפּרינגען „קדוש" אין אַ בלאָ־טע... אָבער זאָגטשע, זייט מוחל, פאַרוואָס זענען די בית־המדרש ווענט אַזוי שוואַרץ?... אונדזערע בעלי־בתים — דערקלערט אונדז דער גבאי" — זענען זייער „קורצזיכטיק", און ממילא זעען זיי נישט די שוואַרצע ווענט מיטן אָפּגעריסענעם סופיט... והשנית, לאָמיר אָננעמען, אַז זיי זעען יאָ דאָס שוואַרצקייט, טאָ וואָס זאָלן זיי טון דערצו, איר ווייסט אַז אויסמאָלן דעם בית המדרש דאַרף קאָסטן אַן ערך דרייסיק גילדן?...

אויף דעם „אַרגומענט" האָבן מיר דעם גבאי נישט געענטפערט. מיר זענען נאָר געקומען אויף דעם זכרון די ווערטער פונעם בענדינער רב הרב גרויבאַרד זצ"ל, וועלכער, אַריינקומענדיק איינמאָל אין אַזאַ בית־המדרש האָט אַרויסגעשריגן:

„מה נורא המקום הזה!.."

קלמן ברקאי

כיצד זכתה קהילת דומברובה לבית קברות משלה

לעיר דומברובה לא היה בית קברות משלה שנים רבות, עד שנת 1929. כל נפטר הביאו לעיר הסמוכה בנדין לקבורה, ולאחר זמן לעיר צ׳עלאדז׳, עד שיום אחד קרה מקרה עצוב שכתוצאה ממנו החליטו יהודי דומברובה להקים בית קברות משלהם.

מעשה שהיה כך היה. היה בדומברובה יהודי בשם אברהמעלע ברמן והיתה לו בת מבוגרת הראויה לחופה בשם פייגל, אך נדוניה לא היתה בידה. ר׳ אברהמעלע היה מודאג מאד וחיפש דרכים להשיג



אחד הקברים הראשונים בבית הקברות החדש בדומברובה
(המצבה של יהושע שביצ׳רצ׳יק ז״ל)
איינע פון די ערשטע מצבות אויף דעם דאָמבראָווער בית הקברות — די מצבה איז פון יהושע שוויטשאַרטשעק ז״ל.

בן־זוג לבתו היחידה. הוא התחיל להתענין ואחרי מאמצים רבים הצליח להביא בחור מבנדין אשר הס־כים לקחת את בתו לאשה. ר׳ אברהמעלע שמח מאד והזוג נישא בשעה טובה. אך הגורל אוהב להתאכזר לבני האדם; מגיפת טיפוס פרצה בעירנו, ולמזלו הרע של הזוג הצעיר נדבק הבעל במחלה וכעבור זמן קצר מת. התעוררה בעית הקבורה: בדומברובה אין בית קברות, החברא קדישא צריכה לקנות קרקע בבנדין, כסף אין, זהו יום שישי והרי אסור להחזיק בר מינן זמן רב, מה עושים? קם ה־באי של החברא קדישא והציע לשלוח את הנפטר ישר לבית הק־ברות של צ׳עלאדז׳, שכן קיים נוהג „מבית הקברות אין מחזירים״. אבל החברא קדישא הבנדינאית רצ־תה להראות לחברא קדישא מדומברובה שלא תתיר הפקרות ולא קוברים בלי קנית קרקע, על כן שלחו את הבר־מינן בחזרה לחצר בית מגוריו. קמה מהומה בעיר, אנשים התערבו ואחד מהם, מנעס לבקוביץ, לקח את העגלה עם הנפטר והביא אותה ישר לחצר ועד הקהילה. הדבר נודע למשטרה, והיות שהיתה זו תקופת המגיפה — המנוח שנפטר ממחלת הטיפוס היווה סכנה לעיר. המשטרה רשמה תלונה נגד ועד הקהילה ושוב טילטלו את הנפטר לחדר המתים של בית החולים בעיר. ביום ראשון סידר ועד הקהילה בלית ברירה את הכל והבר־מינן הובא למנוחתו בבנדין. ענין התלונה סודר ע״י ועד הקהילה בכדי שלא יבואו לידי משפט.

אחרי מקרה מעציב זה התחילו חברי ועד הקהי־לה לחשוב ברצינות על הקמת בית קברות בעיר. הוכרז על ישיבת חירום והוזמנו בעלי בתים ואנשי מפלגות עם הרב בראש והוחלט לגשת לענין מיד. יהודי, עסקן ציבורי, קנה שטח אדמה בדומברובה הע־תיקה מידי גוי אחד, בתירוץ שברצונו להקים בית חרושת ללבנים, אחרת לא היה הגוי מוכר את מג־רשו, ובכדי שלא יהיה לו זכות לדרוש בחזרה את המגרש, היה צורך למכור אותו מיד ליד עד לאיש הרביעי ותיכף הקימו גדר מסביב. כשהתחילו להש־תמש בבית הקברות באו הגויים בצעקות אל המוכר. והוא מצידו טען כי מכר את השטח למטרת בית חרושת ללבנים, וקרא למשפט את היהודי שקנה ממנו את המגרש, אך הדבר לא עלה בידיו מפני שהחוק קבע שאם נמצא המגרש ביד רביעית אין לו כל זכות עליו. בזה תמה פרשת בית הקברות בדומברובה.

כאן ברצוני לספר עוד סיפורים ששמעתי מפי אבי ז״ל אודות ר׳ אברהמעלע ברמן. הוא היה יהודי עשיר, בעל בית קטן ברחוב פולנה ובית מלאכה ליצור מברשות, והיה לו גם מגרש גדול שעליו

עמד ביתו של ר׳ יוסעלע פאסקו, אחד מבין העוז־רים להקמת בית הכנסת הגדול שבעיר.

כשסבל ר׳ אברהמעלע ברמן ממחסור בכספים, מכר את המגרש לר׳ יוסעלע, בתנאי שהוא ירשום בחוזה הקניה זכות לר׳ אברהמעלע להעמיד שולחן בחזית הבנין ועליו מברשות למכירה. באו שניהם להסכם, אבל התברר שר׳ יוסעלע פאסקו התחיל לחפור יסודות לבנין. ר׳ אברהמעלע העמיד את השולחן עם המברשות בדיוק באותו מקום שחפרו בו. כמובן שהגיעו לידי מריבה, ור׳ יוסעלע טען שזה אינו המקום שבו הוא צריך לעמוד, על כך ענה לו אברהמעלע: „הרי לא כתוב בחוזה איפה אני צריך לעמוד, ועל כן מותר לי לעמוד כרצוני". המשטרה התערבה והפסיקה את העבודה עד לבירור המשפט. בפסק הדין זכה אברהמעלע וקיבל פיצוי והסתלק מהמקום. ר׳ יוסעלע פאסקו בנה לו בית גדול עם חנות בחזית והיו לו הרבה שכנים יהודים.

עוד סיפור אחד שסיפרו על ר׳ אברהמעלע ברמן זכור לי: הוא היה יהודי נמוך קומה עם זקנקן קטן ובדיבורו הדגיש את ה„ריש". היה חבר הועד של דומברובה טרם שהיה ועד הקהילה, שכן היה בין היהודים הראשונים שבעיר; חברי הועד התאספו פעם בביתו של שיעביץ הקרוי „רעבעלע", על מנת להח־ליט באיזה עניין עירוני חשוב. הנאספים במקום דיברו לא לעניין, כל אחד סיפר על מקצועו והדבר לקח הרבה זמן. ר׳ אברהמעלע התרגז מאד, יצא החוצה, נכנס לשכן בשם פלאכטה שהיה עגלון, ולקח אצלו מלוא החופן תבן, חזר לישיבה, פיזר את התבן על השולחן באומרו: „נא לאכל את התבן כי אינכם שווים יותר מזה!" כל הנאספים הבינו את הרמז, נעלבו ועזבו מיד את החדר מבלי להחליט על הענין החשוב.

אברהם־אבא מושנברג (חיפה)

מסיפורי יהודי מאמין

(לזכר הורי ז״ל)

אבי, דוד־לייביש מושנברג ז״ל, היה בנו של ר׳ ירוחם ז״ל, מלודינה שבמחוז וולושצ׳ובה, שגם הוא ניספה בשואה עם רעיתו, אמי זקנתי ועם כל ילדיהם ונכדיהם.

אמי, יהודית־לאה היתה בתו של ר׳ אברהם־אבא ליבער ז״ל, שנפטר בדומברובה עם גמר מלחמת העולם הראשונה.

היינו שני ילדים בבית, אחותי איטה (יאדז׳ה), שהיתה צעירה ממני בשלוש שנים, ואני. בקיץ 1934, בהיות אחותי בת חמש, בשעת משחק ילדים בחצר ביתנו, נתקפה בכאבים עזים בבטנה. אמי הובהלה לחצר, לקחה את הילדה על ידיה ונכנסה לדירה. מפאת הכאבים העזים לא יכלה אחותי לשכב במיטה ולסירוגין הוחזקה על ידי ההורים.

הובהל רופא לביתנו, נתן תרופה ולא איבחן סיבת הכאבים. במשך יומיים של סבל לא יתואר של הילדה, ולאחר ביקור של שלושה רופאים מקומיים, הוזמן ד״ר ליפסקי, המנתח של בית החולים המקומי, שקבע שהילדה סובלת מהתקף המעי העיוור אשר היה צריך לנתחו תיכף עם הופעת ההתקפה. הילדה הובאה לבית החולים ונותחה מיד.

לאחר שהייה של 15 יום בבית החולים הוחזרה הילדה במצב מעורר דאגה הביתה. במשך שמונה חדשים בא אח מבית החולים להחליף את התחבושות מהפצע שלא נתרפא כתוצאה מזיהום פנימי. לא היו כל סימנים של הטבה. עם כל תזוזה קלה במיטה היו לה כאבים חזקים והיתה צריכה לשכב ללא נוע. במצב של חוסר אפשרות מצד הרופאים לעזור, הוזמן לביקור מומחה ידוע, פרופסור ואניקובסקי, כמדומני שהיה מסוסנוביץ. לאחר שבדק את הילדה קבע שאם קיים צל של תקוה להציל את חייה, הוא חייב לנתחה מיד עוד פעם.

בשמוע אמי את קביעת הרופא, אמרה לו שבלי התיעצות עם הרבי לא תרשה לנתח את הילדה. הרופא נידהם מדבריה ואמר שהוא מוכן להמתין בביתנו לתשובה.

אמי נסעה מיד לרבי מקרימעלאוו, שמושבו היה בזאוויערצ׳ה, הרבי ר׳ נחום־הכהן רבינוביץ זצ״ל. הרבי היה מעודכן במצב הילדה, אסר לנתחה, הוסיף לה שם חי ואמר שבעזרת השם הילדה תבריא.

בשוב אמי, מעודדת על ידי דברי הרבי הידוע, אמרה לרופא (שהמתין לתשובה מספר שעות בביתנו), שהרבי אינו מרשה לנתח ובעזרת השם תבריא בלעדי הנתוח. הרופא נידהם ואמר שהורי לוקחים על מצפונם את חיי הילדה. אמי ענתה בשלוה שהיא בוטחת בה׳ ובדברי הרבי.

ולמרבה הפלא, כבר למחרת היום הורגשה הטבה. לאחר זמן לא רב יכלה הילדה לקום ממיטתה, התחילה להתהלך ולשוב לאיתנה והבריאה לגמרי.

הדבר היה לשיחה בסביבתנו, גם בין הרופאים ובין שכנינו הנוצרים.

הורי ואחותי ניספו בשואה. הי״ד.

החיים החברתיים והפוליטיים

דאס געזעלשאפטלעכע און פאליטישע לעבן

אפרים לענטשנער

איבערבליק וועגן דער ציוניסטישער ארגאניזאציע אין פוילן

דער ציל פון די ציוניסטישע פּאַרטייען אָן אויסנאַם פון ריכטונג און שאַטירונג, איז געווען די אויפלעבונג פונעם יידישן פאָלק אין פולסטן פאַרנעם — אַ יידישע מערהייט אין ארץ־ישראל, מיט אַן אייגנאַרטיקער יידיש־נאַציאָנאַלער קולטור אין דער העברעאישער שפּראַך. דאָס איז געווען דער אלף־בית פון דער ציוניסטישער אידעאָלאָגיע, וואָס איז געמיינזאַם פאַר אַלע ציוניסטישע פּאַרטייען. די באַזונדערע ריכטונגען זענען בלויז געווען מחולק אין די מעטאָדן פונעם אויפבוי פונעם יידישן לאַנד, אָדער וועגן דעם סאָציאַלן כאַראַקטער פון דער ארץ־ישראלדיקער ווירטשאַפט און דעם אינהאַלט פון דער נאַציאָנאַלער קולטור.

אַזוי ווי דער אויפבוי פון ארץ־ישראל אַלס יידישע היים דאַרף געשען אין אינטערעס און ביי דער באַטייליקונג פון גאַנצן יידנטום, אַנערקענען די ציוניסטישע פּאַרטייען דעם ענגן נאַציאָנאַלן צוזאַמענהאַנג צווישן די באַזונדערע טיילן פון דעם יידישן פאָלק אין גאַר דער וועלט; שטרעבן צו אַ וואָס שטאַרקערער קולטורעלער דערנענטערונג און צונויפגיסונג פון די פאַרשידענע יידישע קיבוצים דורך פלעגן די געמיינזאַמע יידיש נאַציאָנאַלע אייגנאַרט, וועקן דאָס נאַציאָנאַלע באַוווסטזיין און אויפלעבן די געמיינזאַמע נאַציאָנאַלע שפּראַך, העברעאיש, שטיצנדיק גלייכצייטיק די פאָלקס־שפּראַך יידיש און איר ליטעראַטור.

די ציוניסטישע פּאַרטייען פירן דעריבער אין די גלות־לענדער אַ קאַמף פאַר די יידישע רעכט, פאָדערנדיק פאַר די קאָמפּאַקטע יידישע קיבוצים אַ נאַציאָנאַל קולטורעלע אויטאָנאָמיע, וואָס זאָל געבן די יידן אין גלות די מעגלעכקייט פריי צו באַפרידיקן זייערע נאַציאָנאַלע און קולטורעלע נויטן און אַנטוויקלען זייער אייגנאַרט.

אין פוילן, ווי אין אַלע אַנדערע לענדער מיט גרויסע יידישע מאַסן, זענען די ציוניסטישע פּאַרטייען געווען די צאָלרייכסטע און איינפלוסרייכסטע אויף דער יידישער גאַס און געגעבן דעם טאָן דער יידישער פּאָליטיק אין לאַנד. די ציוניסטישע פירער זענען גלייכצייטיק געווען די אַנערקענטע פּאָליטישע פירער פונעם פוילישן יידנטום.

די צאָלרייכסטע און שטאַרקסטע צווישן די ציוניסטישע פּאַרטייען אין פוילן איז געווען די אַלגעמיין ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע, וועלכע פאַרטרעט דעם ריינעם ציוניסטישן געדאַנק אָן שום סאָציאַלער, אָדער רעליגיעזער באַפאַרבונג.

ORGANIZACJA SJONISTYCZNA w POLSCE, oddz. w DĄBROWIE-GÓRN.

ul. Sobieskiego 17 Tel. ......

הסתדרות הציונית בפולניה, סניף בדומברובה־גורניצ׳ה.

[illegible] dn. [illegible] 19[illegible] L. .... מס׳ .... תר״ .... יום

די אַנטוויקלונג פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין דאָמבראָווע

וועגן דער אַנטשטייונג פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין דאָמבראָווע איז כדאי צו שרייבן אויף אַן אייגנאַרטיקן אופן, ווי אַ „תורה שבעל פה", וואָס איז איבערגעגעבן געוואָרן איש מפי איש, און דאָס, בלית ברירה, ווייל ליידער האָבן מיר נישט קיין אַנדערע לעגיטימערע דאָקומענטן; דעריבער, מעגלעך, וועלן אויף די היסטאָרישע געשעענישן נישט זיין פּינקטלעכע, און מעגלעך — אויך נישט כראָנאָלאָגישע.

די לעצט דערמאָנטע גרופּע איז באַשטאַנען פון פאָלגנדע מיטגלידער: שלמה האַלפּערן, בערטשע יאַנאָווסקי, לאה ראַזען (שפּעטער קלוגמאַן) הי״ד, יוסף שליוועק, משה לענטשנער ז״ל (אויף קאָלאָניע רעדען): אויף הוטע באַנקאָווע: ישראל זילבערשאַץ, די


ברידער רייכמאַן, קאָפּעל, סענדער און משה־דוד, דוד גרינבוים, שלמה ווינער, יוסף־נטע שווימער, חיים קאָרנפעלד הי״ד.

די ציוניסטישע טעטיקייט און אירע פּיאָנערן

די ציוניסטישע טעטיקייט האָט זיך אָנגעהויבן אין אַ לאָקאַל אויף איינע פון די רעדענער גאַסן. דאָרט פלעגט מען זיך טרעפן, געלערנט עברית, פון דאָרט געפירט די ציוניסטישע פּראָפּאַגאַנדע, פאַרשפּרייטן שקלים און די צייטונג „הצפירה", פאַר־קויפן נאַציאָנאַל־פאָנד מאַרקן א. א. וו. עס איז באַ־קאַנט, וואָס די יונגע „פּורצי גדר" האָבן געהאַט אויסצושטיין פון די דאַמאָלסטדיקע עקסטרעם רעלי־גיעזע „שומרי החומות". מ'דערציילט, אַז עס פלעגן קומען גרופּנווייז פרומע עלטערן צו דעם לאָקאַל, ווו זייערע קינדער פלעגן זיך טרעפן אין די אָוונטן און מיט סקאַנדאַלן פּרובירן זיי פאַרטרייבן. עס ווערט אויך דערציילט וועגן אַ שטיפעריש מיסטישן קעגן־אָנגריף פון די יוגנטלעכע, אַרויסגייענדיק, איינגעהיל־טע אין ווייסע ליילעכער קעגן די אָנפאַלער, וועלכע זענען זיך צעלאָפן פון פחד, אַז לויטער שדים און בייזע רוחות געפינען זיך אין דעם ציוניסטישן אפּיקורסישן לאָקאַל, ר״ל.

דער קאַמף פון די „שומרי החומות" קעגן די יונגע ציוניסטישע אידעאַליסטן איז נישט געווען אַן איינ־מאָליקער עפּיזאָד, נאָר אַ לאַנגער און פאַרביטערטער, כדי נישט צו דערלאָזן, אַז דער ציוניסטישער פּונק זאָל זיך חלילה פאַרוואַנדלען אין אַ גרויסן פלאַם, וואָס קאָן דראָען אונטערצוברעכן דעם גלויבן אין ביאת המשיח און, חלילה וחס, ברענגען צו כפירה בדת משה וישראל. אָבער וואָס מער זיי האָבן געררודפט די יונגע ציוניסטישע אידעאַליסטן, אַלץ מער האָט זייער השפעה געוואַקסן אויף דער יידישער גאַס; צווישן איין בלאַט גמרא און אַ צווייטן, האָט מען דערווייל געלייענט די „הצפירה" מיט באַגייסטערונג.

דער ווידערשטאַנד קעגן פאַנאַטיזם איז נישט נאָר אָנגעפירט געוואָרן אין דעם קליינעם „רעדען", אָדער אין דער שטאָט דאָמבראָווע גורנ. — ער איז געווען פאַרמאָסטן און אַ ברייט אייראָפּעישן „קולטור־קאַמף בכלל. געעפנט דעם קאַמף האָבן די ענציקלאָפּעדיסטן אין פראַנקרייך, בראשם מיט וואָלטער, דידעראָ א. א. אויף דער יידישער גאַס, וואָס איז געווען פאַרמאַכט הער־מעטיש דורך די „שומרי חומות" און נישט געלאָזט אַריין קיין מאָדערנעם געדאַנק, האָט געעפנט דעם קולטור־קאַמף (כלומר דער אָנפאַנג פון השכלה דער רמח״ל, ר' משה חיים לוצאטו, אין איטאַליע, מענ־דעלסאָן אין דייטשלאַנד (מיט זיין וואָכנבלאַט „קוהלת מוסר") און זיין איבערזעצונג פון די די תורה אויף



פעילים ציונים בדומברובה בראשית קיומה
אַ גרופּע אַקטיווע ציוניסטישע טוער בעת דער אַנטשטייונג פון דער באַוועגונג

דייטש מיט אַ פירוש אין עברית, וואָס האָט געהייסן „ביאור" און דאַן נפתלי הערץ ויזל כנה"ל, מיט זיין ליטעראַרישע טעטיקייט אין העברעיש א. אַ. וו.

דער דאָזיקער קאַמף האָט אָנגעפאַנגען צוגעבן פּאָזיטיווע רעזולטאַטן אין רעדענער און אויך אין הוטענער יידישן לעבן. יידן, הדרת פּנימדיקע, און לומדי תורה, האָבן אָנגעהויבן צו אַבאָנירן די העברעיִשע צייטונג „הצפירה"; טייל האָט זי געלעזן בפרהסיה, און טייל — געהיים. יידן האָבן אָנגעהויבן זאָרגן וועגן זייער אייגענעם אויסערלעכן אויסזען — אַ ביסל אונטערגעשוירן די באָרד, געפּוצט די שטיוול יעדן טאָג און געזאָרגט וועגן אַ ריין שאַלעקיל אָדער אַ ווייסן קראַגן איבערן האַלדז. זיי האָט די גאַס גערופן די „פאָרגעשריטענע", דאָס זענען געווען די ערשטע רעזולטאַטן, וואָס די יונגע יידישע ציוניסטישע אידעאַליסטן האָבן אַריינגעבראַכט אין יידישן דאָמבראָווע.

מ'האָט שוין מער נישט גערעדט מיט ביטול וועגן לערנען אַ זון אַ פאַך, אָדער וועלן לעבן פון יגיעת כפיים. די יידישע היים איז געווען שטאַרק פאַרבונדן אונטער דער השפעה פון דער אָרטאָדאָקסיע, וועלכע זענען געווען קעגן די „דוחקי הקץ", נאָר געהייסן וואַרטן אויף משיחן.

די ערשטע

עס איז שווער צו באַצייכענען נעמען פון פּערזאָנען, וואָס זאָלן ווערן אָנגערופן: די „ערשטע", ווייל די שטרעבונג נאָך ציון איז געווען **טיף** איינגעוואָקסן אין די הערצער פון די דאָמבראָווער יידן; צו דעם האָט יעדער געגעבן זיין אינדיווידועלן אויסדרוק. עס איז כדאי צו באַצייכענען, אַז דער פּשוטער ייד, וועלנדיק אויסדריקן ווי שווער און האָפענונגסלאָז עס איז זיין לאַגע, פלעגט זאָגן: „מיר איז שווער ווי דער טיפער גלות". דערמיט האָט ער באַצייכנט דעם גלות אַלס יאָך, אָדער דער אויסדרוק אין פאַרשידענע תפילות.

דעם אַקטיוון קאָמפּעררישן אויסדרוק פאַר אַן ענדערונג אין יידישן לעבן האָבן געגעבן די ערשטע, וואָס האָבן זיך דערקלערט אַלס „חובבי ציון" פאַר דעם פּאָליטישן ציוניזם. דעם נאָמען „ציוניזם" האָט געגעבן דער באַקאַנטער שרייבער און דענקער ד"ר נתן בירנבוים, אַן ענטוזיאַסטישער אָנהענגער פון ד"ר הרצל (שפּעטער געוואָרן הערצל קעגנער און איבערגעגאַנגען צו די עקסטרעמע רעליגיעזע).

אין דאָמבראָווע קען ווערן באַצייכנט אַלס איינער פון די ערשטע ציוניסטן משה לענטשנער, געבוירן אין יאַר 1891 אין דאָרף סלאַבאָשעוו נעבן שטעטל דזשיאַלאָשיץ. אַלס יינגל איז ער געקומען מיט זיינע עלטערן — מיין זיידע און באָבע, ר' אהרון־יצחק און גיטל, קיין דאָמבראָווע. באַשאַנקען מיט אַן אינטעליגענטן חוש, אַן אומרויִקער טרוימער צו אַ בעסערע און שענערע ווירקלעכקייט, האָט ער געשטרעבט צו קלאָרע, דורכזיכטיקערע בלויע הימלען, נישט די מיט רויך און אומעט פאַרוואָלקנטע אין דאָמבראָווע, האָט געגאַרט נאָך ווייט אויסגעבעטע גרינע פעלדער, ווי די פון זיין דאָרף, וואָס ער האָט געמוזט פאַרלאָזן. ער איז געפאָרן קיין ווילנע, געלערנט אין בית־המדרש לרבנים, נאָך אַ געוויסער צייט צוריקגעקומען קיין דאָמבראָווע, אָנגעזאַפּט מיט השכלה און ציוניסטישע ליטעראַטור, מיט ברען זיך געגומען פּראָפּאַגאַנדירן דעם ציוניסטישן רעיון, געגעבן שעורים לעברית און שפּעטער, בערך אין יאָר 1910, עולה געווען קיין ארץ־ישראל. דערווייל האָט זיך אינטערגעריקט דער פּריזיווטערמין, און דער פאָטער האָט אים געשריבן, אַז ער האָט באַקומען אַן אויפֿפאָדערונג פון דער צאַרישער מאַכט צו באַצאָלן 300 רובל שטראָף, אויב זיין זון משה וועט זיך נישט צושטעלן צו דערפילן זיין מיליטערישן דינסט. דעריבער בעט ער דעם זון רחמים, ער זאָל צוריקקומען, כדי אים צו באַפרייען פון דער גרויסער געלט־שטראָף. משה איז דעריבער צוריקגעקומען, צוגעשטעלט זיך צום מיליטער און אַוועקגעשיקט געוואָרן אַלס זעלנער אין וויטן סיביר. דאָרט האָט ער זיך פאַרפלאָנטערט אין אַ קאָנפליקט מיט אַ צאַרישן אַנטיסעמיטישן אָפיציר, צוליב באַליידיקן אַ יידישן סאָלדאַט. דער שטאָלצער, נאַציאָנאַלער ייד האָט רעאַגירט מיט אַ פּאַטש אין פּנים דעם צאַרישן אָפיציר.

פאַר דער דערמאָנטער דרייסטער טאַט, האָט אים געדראָט מיט אַ מיליטערישן געריכט. בכדי אויסצומיידן די דערוואַרטעטע שווערע פאָלגן פון פּראָצעס, האָט ער, געפינענדיק זיך ביי דער כינעזישער גרענעץ — דער דעמאָלט געפּרווירענער טייך אמור — אין אַ פינצטערע נאַכט אַדורכגעגליטשט און אָנגעקומען קיין כינע בערום ובחוסר כל. ער האָט געוואַנדערט איבער פאַרשידענע מדינות וימים, שטעט און דערפער, ביז ער איז אָנגעקומען קיין יאַוואַ, דעם דעמאָלס האָלענדישן אינדיען (איצט אינדאָנעזיע). דאָרט האָט ער זיך באַקענט מיט אַ יידישן זייגערמאַכער, וועלכער

האָט אויך פֿאַרקויפֿט ברילן. דער יונגער משה מיט זיין רייכער פֿאַנטאַזיע, האָט פֿאָרגעשלאָגן דעם זייגערמאַכער צו אַנטוויקלען און פֿאַרברייטערן די „אָפּטישע אָפּטיילונג" פֿון זיין זייגערמאַכעריי און פֿאַרזיכערט אים הצלחה. אין משך פֿון עטלעכע יאָר איז די פֿירמע גאָלדבערג אין יאַוואָ, מיט איר הויפּט־דירעקטאָר און „וועלט באַרימטן אָפּטיקער משה לענטשנער" געוואָרן פּאָפּולער איבער די גרעסטע שטעט פֿון יאַוואָ, די פֿירמע האָט געעפֿנט פֿיליאַס מיט אָנגעהויערן דערפֿאָלג און רעקלאַמע. אינטערוויוס מיט דעם באַרימטן אָפּטיקער משה לענטשנער האָבן זיך באַוויזן אין אַלע יאַוואַנישע צייטונגען. ליידער איז ער דורך אַן אומגעלונגענער אָפּעראַציע פֿון אַ יאַוואַנישן דאָקטאָר פֿאַראומגליקט און קראַנק געוואָרן און געשטאָרבן אין יאָר 1926, אין עלטער פֿון 34 יאָר. אויף זיין מצבה איז אויסגעקריצט אַ מגן־דוד מיט דעם וואָרט „ציון", וווּהין ער האָט ליידער נישט דערגרייכט.

יהי זכרו ברוך.



כמעט אין רוב יידישע היימען אין שטאָט האָט זיך אָנגעהויבן דער קאַמף צווישן אבות ובנים; צווישן בנים, וועלכע האָבן געפֿאָדערט ענדערונגען אין יידישן לעבן, און פֿאָטערס, וועלכע האָבן נישט געוואָלט פֿאַרלירן זייערע אויטאָריזירטע השפּעה אויפֿן יידישן לעבן. אין דעם פֿאַל איז מרדכי־לייב יאַנאָווסקי מיטגעשלעפּט געוואָרן מיט דעם אידעאַל פֿון זיין זון בערטשע, און געוואָרן זיין זונס אַן אידעאָלאָגישער אָנהענגער.

בערטשע יאַנאָווסקי, וועמען דער פֿאָטער מרדכי־לייביש ז"ל האָט נישט געהאַט די מעגלעכקייט צו געבן עלעמענטאַרע בילדונג, געפֿינען מיר שפּעטער אַלס לערער פֿון אַ העברעיִשע מיטל־שול אין טשענסטאָכאָוו. ער איז אויך געווען דעלעגאַט צו ציוניסטישע קאָנגרעסן. ער איז אומגעקומען אין דער שואה, הי"ד.



ר' שלמה האַלפּערין הי"ד איז געווען אַן איש ציבור מובהק און אַ געקרוינטער פֿאַרשטייער פֿון די ציוניסטישע אידעען אין דאָמבראָווער געזעלשאַפֿטלעכן לעבן, וואָס האָט פֿאַראייניקט דאָס אַלטע מיט דעם נייעם. דעריבער האָבן אים זיינע גרעסטע מתנגדים געשעצט. דורך זיין באַשיידענעם כאַראַקטער און באַציאונג, האָט ער צוגעצויגן נייע קרעפֿטן פֿאַר דער ציוניסטישער באַוועגונג אין שטאָט. ער איז געווען דער איינציקער פֿון דער דערמאָנטער גרופּע, וועלכער האָט באַגלייט דאָס דאָמבראָווער געזעלשאַפֿטלעכע און קולטורעל־ציוניסטישע לעבן ביזן טרויעריקן סוף פֿון דער ליקווידאַציע פֿון די דאָמבראָווער יידן דורכן נאַציש צורר, ימח שמו. ער איז אויך מיטגעגאַנגען און אומגעקומען צוזאַמען מיט זיין פֿרוי רבקה־ביילע, זיין שווער ר' יעקב־שלום פֿישל מיט זיין פֿרוי טייבל־לאה הי"ד. דער איש הרוח און תלמיד חכם, דער ארי שבחבורה הציונית וכלל ציבורית חברתית, האָט נישט זוכה געווען צו זען בנחמת ציון וירושלים.

ד דאָמבראָווער ציוניסטן האָבן באַזונדערס אויך שטאָלצירט מיט זייער חבר יוסף שליוועק (שלוי), איינער פֿון די „ערשטע", וואָס האָבן געהאַט דעם כוח צו פֿאַרוואַנדלען דעם געדאַנק אין מעשים, עולה געווען קיין ארץ־ישראל מיט דער צווייטער עליה, 1908; געווען צווישן די ערשטע גרינדער פֿון בויען דעם מושב נהלל, 1921 — געוואָרן אַן ערד־אַרבעטער אין עמק יזרעאל, וואָס איז נאָך דעמאָלט געווען פֿול מיט זומפּן. באַגלייט מיט מאַלאַריע. עס האָט געהאַט אַ געוואַלדיקע השפּעה אויף די דאָמבראָווער יידן. דער ציוניזם פֿון יוסף שליוועק האָט זיך זיי באַוויזן אין אַ גאָר אַנדער ליכט, אין אַ ליכט פֿון אַ נויטווענדיקייט צו ווערן אַ נאָרמאַל פֿאָלק.

יוסף שליוועק (שלוי) ז"ל איז געשטאָרבן כ"ט סיון תש"י — נאָוועמבער 1949 און איבערגעלאָזט אַן אַלמנה סלקה, זון שמעון און טאָכטער כרמלה.

יהי זכרו ברוך.

נאָך אַן אינטערעסאַנטע געשטאַלט פֿון די „ערשטע" איז געווען לאה ראָזן (שפּעטער קלוגמאַן), אויב דער קאַמף צווישן אבות ובנים איז געווען אַ שווערער, איז דער קאַמף צווישן אבות ובנות געווען פֿיל, פֿיל שווערער. דאָ האָבן אונדזערע עלטערן געהאַלטן פֿון דעם מאמר חז"ל „כל המלמד את בתו תורה כאילו מלמדה תיפלות". דעריבער האָבן זיי די טעכטער געגעבן נאָר עלעמענטאַרע בילדונג, אַביסל יידיש שרייבן, רעכענען און קענען פֿון אויסנווייניק „מודה אני". איינצלנע יידישע טעכטער אין יענער צייט האָבן זיך דערהויבן צו מיטלשול־בילדונג. איינע פֿון די איז געווען לאהלע ראָזן.

איר אויסערלעכער אויסזען האָט דערוועקט כבוד, אירע מאָדערנע אייראָפּעאישע קליידונג האָט גורם

געווען אַז פיל יידישע טעכטער אין שטאָט האָבן זיך געוואָלט אידענטיפיצירן מיט איר פערזאָן, אָבער נישט קוקנדיק דערויף איז זי געווען אַ פּאָלקסטימלעכער טיפּ, מיט פיל באַגייסטערונג פאַרן ציוניסטישן אידעאַל. אין דער צייט פון דעם ערשטן וועלט־קריג,



לאה׳לע רוזן, ציונית ופעילת צבור בשחר קיומה של התנועה הציונית בדומברובה — שימשה דוגמה לפעילותה ליתר בנות העיר — נספתה בשואה
לאה׳לע ראָזען הי״ד, ציוניסטישע אַקטיוויסטין און געזעלשאַפטלעכע טוערין אין דאָמבראָווע — אומגעקומען דורך די נאַצי־מערדער

1914, איז זי געווען טעטיק אין פיל וועלטלעכע קאָמיטעטן און געאַרבעט פאַר ציוניסטישע און געזעלשאַפטלעכע צוועקן.

לאה ראָזן (שפּעטער קלוגמאַן) איז געווען שטאַרק באַאײנפלוסט פון דער בריטוועלטיקער באַוועגונג פאַר גלײכבאַרעכטיקונג פאַר פרויען אויף אַלע געביטן פון געזעלשאַפטלעכן לעבן, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אין אָנהויב פון דעם יאָרהונדערט אין ענגלאַנד. דער ציוניזם אַלס פרייהייטסבאַוועגונג האָט איר געגעבן דעם שאַנס און אַ פריי פעלד צו קעמפן פאַר דעם אידעאַל.

יענקעלע ראָזען, איר פאָטער, אַן אַלעקסאַנדערער חסיד, האָט זיך שפּעטער באַצויגן לאיאַל צו די שטרעבונגען פון זיין טאָכטער און נישט געלייגט קיין אַכט אויף די אַלע העץ־רייד, פאַרוואָס זיין טאָכטער איז אויסגעמישט אין איר געזעלשאַפטלעכע ציוניסטישע טעטיקייט מיט מענער. אירע אויפפירונג האָט געהאָט אַ דערציערישן ביישפּיל אויף אַנדערע יידישע טעכטער אין שטאָט, וועלכע האָבן נישט געוואָגט צו מאַכן דעם שריט. נאָך איר איז שוין געוואַקסן אַ גענעראַציע פון יידישע טעכטער, וועלכע זענען שוין געווען פיל פרייער אין דער געזעלשאַפטלעכער און ציוניסטישער טעטיקייט.

אין דער צייט פון ערשטן וועלט־קריג ווען ס׳איז געוואַקסן אין שטאָט די אָרעמקייט און היימלאָזע קינדער, האָט לאהלע, צוזאַמען מיט פערעלע, הערשל פּראַכצווייגס פרוי, געוואַשן און געפלעגט די קינדער, און אויך פיל יידישע טעכטער אין שטאָט זענען איין אָדער צוויי מאָל אין דער וואָך אַוועק מיט זיי אויף די „זיעלאַנס", געבאָדן זיי אין טייך און געשפּילט זיך מיט זיי אויף דער פרייער נאַטור. זי האָט אָנגעפירט די אָרעמע קיך ביי לייבל שטזשעגאָווסקי און געזאָרגט פאַר מתן בסתר פאַר אָרעמע מוטערס.

אין איר פאַמיליען־לעבן האָט זי גערעדט מיט אירע קינדער העברעיש. (איר מאַן יבל״א שבתאי קלוגמאַן, איז געווען סעקרעטאַר פון קק״ל אין וואַרשע און היינט אין ישראל אַ באַקאַנטער זשורנאַליסט פון „דבר").

די חיבת ציון באַוועגונג און איר השפעה אויף די דאָמבראָווער רעליגיעזע יידן

די חיבת ציון באַוועגונג וועלכע איז געוואָרן געגרינדעט דורך הרב צבי קאַלישער (1795—1874), האָט גערופן די יידן פון גאר דער וועלט צו באַזעצן ארץ־ישראל: דורך באַאַרבעטן איר באָדן ברענגען צו „אתחלתא דגאולה" און דורך די הגשמה הגשמית וועט ממילא קומען די הגשמה רוחנית — האָט באַקומען אַנטשיידנדע פאַרווירקלעכונג נאָך דעם גל פון פּאָגראָמען 1881—1882. אין פיל שטעט זענען געגרינדעט געוואָרן אגודות פון „חובבי ציון", אָרגאַניזירט אין אַ באַוועגונג צו באַזעצן זיך אין ארץ־ישראל.

דאָמבראָווער רעליגיעזע יידן זענען אויך נישט געווען גלייכגילטיק צו דער באַוועגונג, וועלכע איז אַנטשטאַנען אַ לאַנגע צייט פאַר דעם ,הערצליאַנישן ציוניזם און געפינען דאָמבראָווע אַלס אַ קליינע קהילה. דאָ האָבן זיך געפונען אייניקע חברים, וועלכע האָבן געהערט צו דער באַוועגונג. מיר זענען משער, אַז די היסטאָרישע קאַטאָווישער קאָנפערענץ, וואָס איז פאָרגעקומען אין יאָר 1884, נישט ווייט פון

די גרענעצן פון דאָמבראָווע, האָט אויך געהאַט איר השפּעה.

אַזוי טרעפן מיר צווישן באַוווּסטע יידן (און אפשר אויך פיל אַנדערע יידן) וועלכע האָבן געהערט צו דער „חיבת־ציון״־באַוועגונג. צווישן זיי: ר׳ יוסף נטע שווימער און ר׳ חיים קאָרנפעלד ז״ל. אויף דער מצבה פון דעם לעצטן איז אויסגעקריצט די ווערטער „מראשוני חובבי ציון״.

נאָך דעם אַנטשטיין פון דעם הערצליאַנישן ציוניזם האָט די „חיבת ציון״־באַוועגונג אויפגעהערט צו עקזיסטירן און זיך פאַרוואַנדלט אין אַ רעליגיעזן ציוניסטישן צווייג אין דער אַלגעמיינער ציוניסטישער באַוועגונג. איר אידעאַל און אַגיטאַציע אויף דער יידישער גאַס איז כמעט די זעלבע, וואָס הרב צבי קאַלישער האָט געפּרעדיקט אין אָנהויב פון איר עקזיסטענץ. דער צווייג אין אַלגעמיינעם ציוניזם האָט זיך גערופן: „מזרחי״.

דאָמבראָווע גורניטשע האָט אַרויסגעגעבן אַ רייע פּערזענלעכקייטן, וועלכע האָבן געקעמפט פאַר דעם רעליגיעזן ציוניזם: ר׳ חנוך גרשון שפּילבערג, יעקב שלום פּישל, שלמה ראַבינאָוויטש, איטשע אונגער, פרידמאַן, וועלנער, פּאָמאַצניק, שלמה ווינער, און די פריער דערמאָנטע חיים קאָרנפעלד, יוסף נטע שווימער, גורפינקל און אברהמלע שטורכיין.

דאָס יידישע שולוועזן אין פּוילן

פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה איז די יידישע פאָלק־שול געווען דער אַלטער טראַדיציאָנעלער חדר, און אויסער אים — זענען געווען אין די גרעסטע שטעט נאָך אַ פּאָר געציילטע „חדרים מתוקנים״ און יידיש־רוסישע גימנאַזיעס. די ערשטע וועלט־מלחמה, דאָס פאַרלאָזן פון דער רוסישער מאַכט, די דייטש־עסטרייכישע אָקופּאַציע, און ענדלעך דאָס אַנטשטיין פון דעם נייעם זעלבסטשטענדיקן פּוילן — האָט אויפגעטרייסלט דאָס גאַנצע יידישע לעבן, און ממילא אויך געענדערט דעם גאַנצן כאַראַקטער פון דער יידישער דערציאונג.

אין דאָזיקן נייעם שול־וועזן האָבן די יידן, אַזוי ווי אין די פריערדיקע תקופות, אַריינגעלייגט אַ גרויסן, אפשר דעם באַדייטנדיקסטן טייל פון זייער נאַציאָנאַלער ענערגיע. ביי אַלע אונטערדריקטע פעלקער, וואָס האָבן נישט קיין אייגן מלוכה־לעבן פאַרנעמט די שול דאָס ערשטע אָרט אין זייער נאַציאָנאַלער טעטיקייט. זי איז זייער אידעאַלע מלוכה, די מלוכה פון זייער גייסט, ווו עס ווערט געשמידט דער ווייטערדיקער גורל פון פאָלק, און עס ווערט דערצויגן דער יונגער דור, דער המשך.

אַנטשפּרעכנדיק צו די פאַרשידענע פּאָליטישע און קולטורעלע שטרעבונגען אויף דער יידישער גאַס, האָבן זיך אין יידישן שול־וועזן אין פּוילן אויסקריסטאַליזירט 5 טיפּן פון שולן.

1) דאָס חדר, וואָס ווערט לאַנגזאַם רעפאָרמירט אין דעם טיפּ פון „יסודי התורה״ פאַר יינגלעך, און „בית יעקב״ שולן — פאַר מיידלעך.

2) די מזרחי־שול פאַר יינגלעך „יבנה״, ווו אויסער די יידישע און וועלטלעכע לימודים, ווערט געלייגט אויפמערקזאַמקייט אויף דעם אונטערריכט פון תנ״ך און פון דער העברעיִשער שפּראַך.

3) די „תרבות״ שול — מיט דער העברעיִשער אונטעריכט־שפּראַך.

4) די ציש״א שול — מיט דער יידישער אונטעריכט שפּראַך.

5) די צוויי שפּראַכיקע שול, על פּי רוב העברעיִש־פּויליש.

מען דאַרף אָבער אונטערשטרייכן, אַז דער גרעסטער טייל יידישע קינדער דערציט זיך אין די אַלגעמיינע מלוכה־שולן, ווו דער לימוד איז אינגאַנצן אומזיסט, די צוואַנג־שול, וואָס איז איינגעפירט געוואָרן דורך דער מלוכה, ווערט פאַרשפּרייט פון יאָר צו יאָר אַלץ אויף גרעסערע שטחים פון דער מדינה, האָט ראַדיקאַל געענדערט דעם כאַראַקטער פון דער יידישער דערציונג. אויפן אָרט, וואָס האָט פאַר דער מלחמה פאַרנומען דאָס חדר אין דער דערציונג פון די יונגע יידישע דורות, האָט דעמאָלס איבערגענומען די אַלגעמיינע מלוכה־שול, וואָס פאַרוואָרצלט זיך אַלץ טיפער און טיפער, און נעמט אַרום אַלץ מער יידישע קינדער. די דערציונג פון די יידישע טעכטער ליגט דעמאָלט, אין אירע איבערוועגנדער מערהייט, אויסער די גרענעצן פון דעם ריין יידישן שול־וועזן.

דאָס חדר

אין די קליינע שטעטלעך פאַרנעמט נאָך פונדעסטוועגן דאָס חדר אַן אָנגעזען אָרט. צום גרעסטן טייל זענען די חדרים פּריוואַטע אונטערנעמונגען פון די מלמדים, און אויב זיי ווערן פאַרגעזעל־

שאַפּטלעכס, האָבן זיי נישט איבער זיך אַ וועלכע ס'איז צענטראַלע אויפזיכט, וואָס זאָל זי אָנפירן פּעדאַגאָגיש, אָדער אָרגאַניזאַציאָנעל.

דאָס חדר איז לויט זיין פּראָגראַם דורך און דורך אַ רעליגיעזע לערן־ און דערציונגס־אינסטיטוציע. דאָס רוב חדרים האָבן זיך וויינים וואָס געענדערט לויט זייער אינערלעכער אָרדנונג, אינהאַלט און לערן־סיסטעם.

דער מצב פון ציוניסטישן שולוועזן אין דאָמבראָווע

אין דאָמבראָווע איז דער גורל פון רעפאָרמירן דעם אַמאָליקן יידישן חדר און געבן אַ רעליגיעזע מאָדערנער דערציונג די יידישע קינדער, אויסגעפאַלן צו דער „מזרחי"־באַוועגונג, וואָס האָט געוואַגט און מצליח געווען. פיל שווועריקייטן האָבן די „מזרחי"־עסקנים געהאַט אויסצושטיין פון די „אגודת ישראל", וואָס האָט דעריין געזען אַ קאָנקורענץ צו זייער „יסודי־התורה"־שול, און פון די מענטאַליטעט פון די עלטערן נישט צו שווימען קעגן שטראָם און זוכן נייע האָריזאָנטן. אָבער, ווי געזאָגט, האָבן די „מזרחי"־עסקנים גובר געווען און זייער העברעיִשע שול אין דאָמבראָווע איז געווען אַ פאַקט, וואָס האָט געהאַט אַ השפעה צו ענדערן דעם געשטאַלט פון די דאָמבראָווער יוגנט, צוגלייך מיט דעם געשטאַלט און כאַראַקטער פון דער דאָמבראָווער יידישער קהילה. מיר מוזן אָבער מודה זיין, אַז אויפן געביט פון שול־וועזן איז די אַלגעמיין ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע געווען עניה במעש. דאָס ציוניסטישע דאָמבראָווע האָט נישט באַוויזן צו שאַפן אַ „תרבות" שול ווי אַנדערע שטעט אין פוילן, מיט אַ באַזע פאַר ציוניסטישער טעטיקייט. עס זענען אָבער פאָרגעקומען „תרבות" אָוונט־קורסן צו לערנען די העברעיִשע שפּראַך, אָבער דאָס איז בלויז געווען פאַר דערוואַקסענע.

די טעטיקייט פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין דאָמבראָווע פאַרנעמט זיך אויך מיט פאַר־שידענע געזעלשאַפטלעכע סאָציאַלע ענינים, הגם נישט שטענדיק אונטער איר שילד, דאָך אונטער דער השראה און באַטייליקונג פון אירע עסקנים, אָדער מיטגלידער, אַזוי צ. ב. ש.: די ליי־ און שפּאָר־קאַסע פון 1911—14 בערך, וואָס האָט זיך געפונען אויף דער סאָביעסקאַ גאַס און געוואָרן געגרינדעט און געפירט פון שלמה האַלפערן, זילבערשאַץ, חנוך גרשון שפילבערג, סטערניק א. א.

מיר געפינען אויך אַלס טעטיקע אין הילפס־פאָנד פאַר סאָציאַלע נויטבאַדערפטיקע רעדענער יידן, די חברה „עזרת משה" (1914—15) א. נ. פון משה הירשפעלד הי"ד, וועלכער איז געפאַלן דורך אַ קויל פון אַ דייטשן סאָלדאַט, שפּאַצירנדיק מיט זיין חבר מנחם וויינשל ז"ל, נעבן דער באַן־ליניע. די חברה איז געוואָרן געשאַפן און געפירט פון בית־המדרש בחור־רים און חברים פון געפאַלענעם, צווישן זיי: מנחם וויינשל, אברהם גראָספעלד, משה טריימאַן, יהודה ליי־בערמאַן (שפּעטער ברזילאי), צבי יהודה לענטשנער ז"ל א. א. — די שפּעטערע טיכטיקע לידערס פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין דאָמבראָווע.

מיט דעם אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה אין יאָר 1914 איז די אָפיציעלע ציוניסטישע טעטיקייט געוואָרן אָפּגעשוואַכט און אַפילו פּאַראַלי־זירט, צוליב די מלחמה־אָפּעראַציעס און אַנדערע פאַר־שידענע פּאָליטישע סיבות, ווו די סימפּאַטיע און האָפענונג פון דער ציוניסטישער באַוועגונג צו ענג־לאַנד, וועלכע די דייטשע און עסטרייכישע אָקופּאַנטן האָבן נישט טאָלערירט.

אָבער אין המשך פון דער מלחמה זעען מיר אַ מילדערע באַציונג פון די אָקופּאַנטן. דאָמב־ראָווע, נאָכדעם ווי זי ווערט אָקופּירט פון דער עסטרייכישער מאַכט, ווערט פּלוצים אַ וויכטיקע ציוי־ניסטישע באַזע און פאַקטאָר; אַגענט פאַרן גאַנצן שכנישן עסטרייכישן ראַיאָן פון דער העברעיִשער צייטונג „הצפירה" און אַנדערע ציוניסטישע ליטע־ראַטור פון וואַרשע, וואָס געהערט צום דייטשן גע־ביט. די אַלע מאַטעריאַלן ווערן איבערגעשיקט קיין בענדין אויפן דייטשן געביט און פון דאָרט, „אַרי־בערגעשוואַרצט" קיין דאָמבראָווע און דערנאָך — לויט פאַרשידענע אַדרעסן, אין דער גאַנצער עסט־רייכישער אָקופּירטער אומגעבונג. אויך פאַר קראָקע האָט דאָמבראָווע געפירט די פּרעסע און ציוניסטישע ליטעראַטור. כאַראַקטעריסטיש, אַז איינער פון אירע אַבאָנענטן איז געווען דער באַוווסטער ד"ר יהושע טהאָן, הויפּט־ראַבינער פון דער קראָקאָווער קהילה — די חשובע צענטראַלע ציוניסטישע פּערזענלעכקייט, און אין אַ געוויסע צייט, אויך פּרעזעס פון דער יידישער „קאָלאָ" אין פוילישן סיים.

אין דער דערמאָנטער תקופה, בערך אין די יאָרן

1915—16 ווערט אויך געגרינדעט די ערשטע ציוניס־טישע ביבליאָטעק אין הויז פון ר׳ אברהם משה רושינעק אויף רעדען. די ערשטע ביכער פאַר דער ביבליאָטעק זענען געשאָנקען געוואָרן פון אַ חבר, אַן אַבאָנענט פון איינע פון די צייטונגען „היינט״, אָדער „מאָמענט״. ער האָט געזאַמלט „קופּאָנען״, און פאַר זיי באַקומען אַלע ווערק פון „מענדעלע מוכר ספרים״. די ביכער זענען געוואָרן דער יסוד פון דער אַזוי באַקאַנטער ציוניסטישער ביביליאָטעק, וואָס האָט באַגלייט אַלע ציוניסטישע ועדים אין כמעט אַלע תקופות, מיט פאַרשידענע היסטאָרישע גלגולים אין די שפּעטערדיקע ציוניסטישע לאָקאַלן.

אין יענע יאָרן איז די ביבליאָטעק געווען דער איינציקער קוואַל, וואָס האָט דערמעגלעכט אַ יונגן בחור, אָדער מיידל, צו באַקומען צו לייענען אַ יידיש בוך. די ביביליאָטעק איז נישט געוואָרן אָנגענומען בסבר פנים יפות, מורא האָבנדיק ,אַז דאָס לייענען אַ יידיש בוך זאָל חלילה נישט מסיח זיין דעם גע־דאַנק פון עיקר — דעריבער איז ר׳ אברהם משה רושינעק געבעטן געוואָרן נישט לאָזן האַלטן אין זיין הויז דברי פסול בפרט, אַז ער איז געווען אָפּ־הענגיק, אַז מען זאָל חלילה נישט טריפהנען זיין יאַטקע.

אָבער דאָך איז די ציוניסטישע טעטיקייט אין די מלחמה־יאָרן געווען אַ צוריקגעהאַלטענע און געווי־סערמאָס — אַ קאָנספּיראַטיווע, צוליבן דעמאָנסטרירן פון די דעמאָלסדיקע ציוניסטישע מנהיגים אירע ניי־טראַלע שטעלונג אין דעם אייראָפּעיִשן געראַנגל.

נאָך דער אַנטשטייונג פון דער פּוילישער רעפּוב־ליק, ווערט די ציוניסטישע באַוועגונג אַ לעגאַלע און איר טעטיקייט פאַרברייטערט זיך אויף אַלע שטחים. עס קומען פאַר ראַיאָן־ און קרייז־קאָנפערענצן וועגן פאַרשידענע ציוניסטישע פּראָבלעמען, וועגן קרן היסוד און קרן קיימת, צו וועלכע דאָמבראָווע שיקט אירע פאָרשטייער. מיט דער אַנטשטייונג פון פרייען פּוילן, נאָך כמעט 150 יאָר אונטער דעם צאַריסטישן יאָך, איז דער פרילינג אויך אַריינגעדרונגען אויף דער יידישער גאַס. אויסער די, וועלכע האָבן זיך אָפיציעל דערקלערט אַלס שונא ציון, ווי דער „בונד״ א. וו. האָט יעדער אין שטאָט מיטגעלעבט דעם פרייהייטס־געפיל. די יידן אין שטאָט דאָמבראָווע האָבן דאָס אויסגעדרוקט אין פאַרשידענע וועגן, ווי לייענען אַ ציוניסטישע צייטונג, סטאַבילע שפּענדונג פאַרן קרן קיימת יעדן ערב שבת פאַרן ליכט־צינדן. די בלוי־ווייסע פושקע אין דער יידישער היים האָט סימבאָליזירט די אינערלעכע שטרעבונג נאָך ציון, כמעט אין יעדער יידישער היים האָט מען געפונען הענגען אויך אויף דער וואַנט אַ צייכענונג, אָדער אַ געוועב אין שיינע בלוי־ווייסע פעדעם, אַ ציוניס־



הדור השני של פעילים ציונים שהמשיכו בכנות השרשרת הציונית
אַ גרופּע אַקטיווע ציוניסטן פון דער צווייטער גענעראַציע

טישן מנהיג, דעם כותל המערבי, אָדער דאָס קבר פון אונדזער מוטער רחל. אין מער היימען האָבן אויף די ווענט געהאָנגען טעפּיכער, אויסגעוועבט דאָס בילד פון ד״ר טעאָדאָר הערצל.

מיר, אַלס קינדער אין יענע צייטן, אויף שטייענדיק אין דער פרי, זעענען אונדזערע אויגן גלייך געפאַלן אויף די צייכענונגען ,וועלכע האָבן טיף־טיף זיך איינ־געקריצט אין אונדזער נשמה, דאָס אַלץ געווען אַ וויזועלע דערציאונג צום ציוניזם.

די צווייטע גענעראַציע פון ציוניסטישע טוער

ווען מיר באַצייכענען די צווייטע גענעראַציע פון ציוניסטישע טוער אין דאָמבראָווע, מיינען מיר נישט, אַז די ערשטע גענעראַציע איז פאַרשוווּנדן. אויף די צווייטע גענעראַציע האָט איר פּלאַץ פאַר־נומען. דאָ איז פאָרגעקומען אַ פּראָצעס פון צוזאַ־מענגיסונג פון אַן עלטערן דור מיט אַ יונגן דור. ווייל ר׳ שלמה האַלפּערן, אליעזר טענענבוים, ליבקע פּוטערקאָ, זילבערשאַץ און אַנדערע פון יענעם דור, האָבן כמעט נישט אויפגעהערט זייער טעטיקייט; יעדער לויט זיין אופן האָט באַגלייט די ציוניסישע טעטיקייט איבער אַ יובל יאָרן בערך.

ווען מיר שליסן דעם פּרק פון די „ערשע״, מוזן מיר דערמאָנען נאָך אַ גאַלעריע ציוניסטישע עסקנים אין שטאָט, וועלכע האָבן פאַרוואַנדלט דעם געדאַנק פון שיבת ציון אין מעשים, זיי האָבן על בשרם ועורם דאָס פאַרווירקלעכט און עולה געווען קיין ארץ־ישראל צווישן די יאָרן 1924—1919: יהודה ברזילאי־ליבערמאַן זיין שוועסטער יהודית ברזיקאי, צבי יהודה לענטשנער, אברהם גראָספעלד, יעקב שליפקע, יצחק נרקיס־יאַנאָווסקי, שרגא שפּילבערג, נפתלי רכניץ, שמואל ווייסזאַלץ, יעקב פעדערמאַן א. א.

דערביי וואַקסט אונטער דער יונגער דור, וואָס ווערט דערצויגן על ברכי בית המדרש, אויך אַהין דרינגט אַריין דער נייער גייסט. מ׳לייענט די ציי־טונגען — העברעישע און יידישע; דער דורשט פאַר וויסן וואַקסט, מען לייענט ליטעראַטור, מען דיסקוטירט, די טראַדיציאָנאַלע קליידונג ווערט גע־ענדערט אין אַ מער מאָדערנע, מען חלומט וועגן גרינע פעלדער אין דעם אויסגעבענקטן לאַנד ארץ־ישראל.

די צאַרישע באַגרעניצונגען אויף די יידן, וועלכע ברענגען צו פּאָגראָמען, בויקאָט און עלילות־דם; דער ביילס־פּראָצעס ברויזט אויף דעם צאָרן פון די בחורים חובשי בית המדרש, מ׳זוכט אַ לייזונג פאַר די פּראָבלעמען, וואָס מ׳געפינט אין דעם העפט „אויטאָ־עמאַנציפּאַציע״ פון ד״ר לעאָ פינסקער, אָדער „אַלטניילאַנד״ פון ד״ר טעאָדאָר הערצל. עס אַנט־וויקלט זיך דער קערן פון דער צווייטער גענעראַציע.

די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע, וואָס די ערשטע האָבן דעם גרונטשטיין געלייגט, באַקומט אַ טראַנס־פוזיע פון ניי בלוט, יונג שעפערישע כוחות, און עס שאַפט זיך אַ ברייטע ציוניסטישע טעטיקייט אין דאָמ־בראָווע אויף אַלע געזעלשאַפטלעכע געביטן און דאָס קאָן ווערן באַצייכנט אַלס די ברויזנדע תקופה מיט אירע עליות וירידות, וואָס האָט געהאַלטן אין שפּאַן, און באַגלייט די דאָמבראָווער קהילה אין איר וואַקסן, ביז איר טראַגישן אומקום דורך די נאַצישע מערדער.

איך וויל אויך באַצייכענען אַ טייל פון אַ ליס־טע נעמען פון דער צווייטער גענעראַציע ציוניסטישע טוער (לויט דעם זכרון), וואָס האָבן אויפגעהויבן די ציוניסטישע טעטיקייט אויף אַלע געביטן — גע־זעלשאַפטלעכע, קולטורעלע און פּאָליטישע אויף אַ הויכן שטאַפּל, יעדער איינער פון זיי האָט געזען דעם ציוניזם פאַר זיין פּריוואַטן אידעאַל: דוד קאָזשוך, וואָלף ליבערמאַן, ישראל קליינמאַן, מינדל נוסבוים, מאָטיל בן יוסף ראָזענבלום, רייזל זיגרייך, שרה זיגרייך ז״ל א. א. (יבל״א) אפרים לענטשנער, גוטשע גראָספעלד, חיים גרייצער, לייבטשע פאַראַסאָל, מרדכי בן יהודה ראָזענבלום, צוועטיל בייטנער, ראובן לאַנדנער, רחל אייבעשיץ א. א.

די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע אין דאָמבראָווע איז טעטיק אויף אַלע געביטן, ס׳קומען פאָר דיסקוסיעס, פאַרזאַמלונגען מיט דער באַטייליקונג פון אייגענע און זאַגלעמביער כוחות, ווי: אברהם ליוּוער, ווי־גאָדזקי (פון בענדין), ד״ר מעלאַדיסטאַ (פון סאָס־נאָוויץ) א. א. עס באַזוכן דאָמבראָווע: יוסף העפט־מאַן, ר״ר גאָטליב, לייב יפה, אורי זאסלאווסקי פון נהלל ,דער לעצטער האָלט אַ רעדע אין רעדענער בית־המדרש. עס אַנטשטייט די יוגנט־סקויטן אָרגאַניזאַציע „השומר״ מיט אירע „עשרות הדברות״ אונטער דער אָנפירונג פון: יוסף קאַנאַרעק, עמיל גרינבאום, יעקב פּראָכצוויג, זיגמונט שפּיגלער ז״ל ויבל״א שרגא שפּילבערג און פנחס שוואַרצבוים.

דער „השומר״ האָט דעמאָלס קיין ספּעציעלע פּאָליטישע באַפאַרבונג נישט געהאַט, נאָר געווען

אַ יוגנטלעכע סקויטן אָרגאַניזאַציע ביי דער אַלגעמיינער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. מיט שטאָלץ און פאַרגעניקן ווערט דערמאַנט די אימפּאָזאַנטע כ׳ תמוז דעמאָנסטראַציע פונעם „השומר״, וועלכע האָט מאַרשירט איבער די דאָמבראָווער גאַסן מיט בלוי־ווייסע פענער, פון דעם לאָקאַל אויף קרוטקא גאַס צו דער שטעטישער שול, ווו עס איז פאָרגעקומען אַ פייערלעכע אַקאַדעמיע און מיט רעדעס זענען אויפגעטראָטן ד״ר פּערלמאַן, חנוך גרשון שפּילבערג ז״ל, מנחם וויינשל ז״ל און לייזער טענענבוים ז״ל.

די באַלפור־דעקלאַראַציע און דאָס עפענען דעם העברעישן אוניווערסיטעט

אין דעם אייראָפּעישן געראַנגל וואָס איז פאָרגעקומען צווישן די יאָרן 1914—1917 איז, ווי דערמאנט, די ציוניסטישע טעטיקייט געווען געוויסערמאָס געליימט. אַלץ איז געפירט געוואָרן אויף אַ קליינעם שטאַב — עס איז מער געווען אַ הכנת לבבות פאַר דעם, וואָס דאַרף קומען. אויך די קלאַנגען וואָס זענען אָנגעקומען פון ארץ־ישראל אין די צייטן פון די הערשנדע טערקישע מאַכט, האָט אויך אָפּגעשוואַכט דעם ווילן פאַר טעטיקייט; דאָס פאַרטרייבן די יידן פון תל־אביב דורך קעמאַל פּאַשאַ, דער הונגער און דאָס פעלן פון דער פּאָליטשיער, געזעצלעכער רעכט צו שיקן הילף — דאָס אַלץ האָט געשאַפן אַ מצב פון אַ געוויסע סטאַגנאַציע.

די באַלפור־דעקלאַראַציע און דאָס באַשטעטיקן דורך דער סאַן־רעמאָ־קאָנפערענץ דעם בריטישן מאַנדאַט איבער ארץ־ישראל, בכדי צו שאַפן אַ יידישע נאַציאָנאַלע היים אין א״י, האָט געעפנט נייע האָריזאָנטן פאַר דעם פּאָליטישן ציוניזם, און דערוועקט ביי דעם דריי מיליאָניקן יידנטום אין פּוילן אין 1920, אַ געוואַלטיקע באַגייסטערונג. עס פלעגן פאָרקומען פּאַראַדן, פּוילישע רעגירונגס־פּערזענלעכקייטן האָבן באַגריסט די פאָרשטייער פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע: „פאַר פּוילישע פרייהייט און פאַר יידישע פרייהייט״. עס איז נישט געווען קיין שטעטל אין פּוילן, וואָס זאָל נישט פייערן דעם אַקט. כמעט אַלע יידן זענען מיטגעריסן געוואָרן מיט דעם יום־טוב. אין קינאָ „קאָרסאָ״ אין בענדין איז פאָרגעקומען אַ גרויסע באַלפור דעקלאַראַציע אַקאַדעמיע מיט דער באַטייליקונג פון ענגלישן קאָנסול. דעם פראָנט האָבן באַשיינט דער ציוניסטער פאָן ווי אויך פּוילישע און ענגלישע פענער.

דאָמבראָווע איז נישט צוריקגעשטאַנען אויף דעם געביט. אין דעם טאָג איז פאָרגעקומען פייערלעכע תפלות אין די בתי מדרשים און יידן האָבן געזאָגט הלל. אין די גאַסן איז פאָרגעקומען אַ בלימל־פאַרקויף פאַר ציוניסטישע צוועקן, יידישע פאָרלעך זענען דערשינען אין זונטיקדיקן טאָג מיט בלוי־ווייסע קאָקאַרדן אויף זייערע קעפּ און בלוי־ווייסע אָפּצייכענונגען אויף די אַרבל. עס איז נישט געווען קיין ייד, וואָס זאָל נישט טראָגן אויף זיין קלאַפּע פון זיין כאַלאַטל אַ בלוי־ווייס בלימל. דאָמבראָווע האָט זיך געווייקט אין בלוי־ווייס. דעפילאַדעס פון יידישע סקויטן „השומר״ אין די גאַסן, האָט צוגעצויגן די אויפמערקזאַם פון אַלע שיכטן פון דאָמבראָווער באַפעלקערונג, אויך די קריסטלעכע. אין דער גרויסער שול איז אויפגעטראָטן ר׳ חנוך גרשון שפּילבערג, אליעזר טענעבוים און ד״ר מעלאָדיסטע. מיט אַ רייכפאַרביקע שילדערונג וועגן דער צוקונפט פון יידישן פאָלק מיטן געבן די באַלפור־דעקלאַראַציע.

די באַלפור־דעקלאַראַציע האָט געגעבן אַ נייעם שווונג פאַר דער ציוניסטישער טעטיקייט, אַ מלוכהשן אונטערשלאַק פאַר איר כאַראַקטער. די דאָמבראָווער ציוניסטן האָבן דערוואָרבן נייע חברים און סימפּאַטיקער און איבערגעגאַנגען אין אַ נייעם לאָקאַל, אין הויז פון גרינבוים.



אַ באַזונדערע באַדייטונג האָט געהאַט פאַרן יידישן לעבן אין דער שטאָט דאָמבראָווע די דערעפענונג פון העברעישן אוניווערסיטעט אויפן הר הצופים אין ירושלים אין יאָר 1925. דאָס איז געווען דער קולמינאַציאָנס־פּונקט, פון קאַמף וואָס די קעמפער פון השכלה אין פאָריקן יאָרהונדערט האָבן געעפנט אויף דער יידישער גאַס דורך די געשטאַלטן פון רמח״ל, ר׳ משה חיים לוצאַטו, משה מענדלזון, נפתלי הירץ וויזל, און שפּעטער אַ גאַנצע גאַלעריע פון יידישע פילאָזאָפן און דיכטער, וואָס די השכלה תקופה האָט אַרויסגעגעבן און געפּרעדיקט צו פאַרברייטערן די האָריזאָנטן פון געדאַנקען ביים יידישן מענטש.

דער סעמינאַר פאַר רבנים פון הרב ריינעס ז״ל אין בערלין איז געווען דער ערשטער בית־אולפנא צו געשטאַלטן מאָדערנע רועים רוחניים פאַר

די יידישע קהילות אין אייראָפּע; אויך דער סעמינאַר פון פּראָפעסאָר חיות אין ווין האָט געהאַט די אויפ־גאַבע צו געשטאַלטן אַ מאָדערנע יידישע אינטעלי־גענץ אויף דער יידישער גאַס.

דאָס דערעפענען פון העברעישן אוניווערסיטעט אין ירושלים איז געפייערט געוואָרן דורך אַ גרויסער פאַרזאַמלונג אין דער שטאָט־שול אויף מיעיסקע. אין דער זעלבער צייט האָט זיך אויך דערוועקט דער אַלטער קולטור־קאַמף צווישן די עקסטרעם רעליגיעזע און די ציוניסטן.

אונטער דער השפעה פון דער דערעפענונג פון העברעישן אוניווערסיטעט האָט זיך אויך אין בענדין געעפנט אַ העברעישע גימנאַזיע „יבנה". יידישע עלטערן אין דאָמבראָווע, דווקא פון רעליגיעזע קרייזן, האָבן אָנגעהויבן צו שיקן זייערע קינדער אין דער שול. דאָ האָט זיך אָנהויבן די גרויסע קעגן־אַקציע מיט דער טענה, אַז מען פירט יידישע קינדער צום שמד. זיי האָבן געעפנט גרויסע חדרים „תלמוד תורה", אויפן פּלאַץ פון די פּרימיטיווע חדרים, וואָס זענען אונטערגעגאַנגען. די קעגן־אַקציע איז באַזונדערס געפירט געוואָרן קעגן די עלטערן, וואָס שיקן די קינדער אין דער „יבנה"־שול.

צוויי, דריי יאָר נאָך דער דערעפענונג פון העברעישן אוניווערסיטעט אין ירושלים און די העברעישע גימנאַזיום „יבנה" אין בענדין, האָט דאָמבראָווע באַקומען אַ נייעם טיפּ פון יידישע יוגנט־אינטעלי־גענץ, וואָס האָט געשאַפן אַ שטאַרקן הינטערגרונט פאַר ציוניסטישע טעטיקייט און ציוניסטישן איינפלוס.

די דאָמבראָווער ציוניסטן און די אַלגעמיינע פוילישע פּאָליטיק

כדאי צו געבן אַן איבערבליק וועגן דער ציוניסטישער שטעלונג צו דער אינערלעכער פוילישער פּאָליטיק לגבי פוילן בכלל, און אין דאָמבראָווע בפרט.

די וואַל־אָרדינאַציע צום פוילישן סיים האָט באַדאַרפט, לויטן פּלאַן פון די רעכטע פּאַרטייען, פאַרזיכערן אַ ריין פוילישע און רעכטע מערהייט. די יידישע פאַרטרעטונג אין דער קאָנסטיטואַנטע, אונטער דער אָנפירונג פון ציוניסטישן פירער יצחק גרינבוים, וועלכער איז געווילט געוואָרן דורכן יידישן נאַציאָנאַלן־ראַט, האָט אָנגעזאָגט, אַז עס וועט אַנטשטיין אַ בלאָק פון די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן, אויב די וואַל־אָרדינאַציע וועט נישט נעמען אין באַטראַכט די גערעכטע יידישע פאָדערונגען. דאָס לעצטע איז נישט געשען, און עס איז געשאַפן געוואָרן, צו די וואַלן צום ערשטן געוויינלעכן סיים, דער בלאָק פון די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן.

דער געדאַנק וועגן דעם בלאָק פון די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן איז אויפגענומען געוואָרן מיט גרויס ענטוזיאַזם פון אַלע נאַציאָנאַלע קיבוצים אין פוילן. ער האָט אַרום זיך קאָנסאָלידירט די גרויסע מערהייט פון אַלע פוילנס פעלקער־שאַפטן. פון די יידישע פּאַרטייען האָבן בלויז די פאָלקיסטן און אויך די סאָציאַליסטן געפרוווט זיך אַנטקעגנשטעלן, אָבער אָן דערפאָלג. די „אגודה" איז מיטגעגאַנגען, הגם דער אויפטו האָט אַרויסגערופן אין די פוילישע פּאָליטישע קרייזן אַ געוואַלטיקע אומצופרידנקייט.

דאָ האָט אויך דאָס יידישע דאָמבראָווע באַוויזן איר אחדות, און מיט ענטוזיאַזם איז געפירט געוואָרן די וואַל־קאַמפּאַניע מיט גרויס דערפאָלג, אונטער דער מוסטערהאַפטער אָנפירונג פון יעקב שליווקע און אליעזר טענענבוים ז"ל און מיט דער באַטייליקונג פון אַלע אַנדערע עסקנים פונעם פאַראייניקטן יידישן נאַציאָנאַלן בלאָק. באַזונדערס האָט געמאַכט אַ רושם די רעדע פון שלמה האַלפּערן אין אַ פרייטיק־צונאַכט אין בית־המדרש אויף רעדען צווישן מנחה און קבלת שבת. ווען דער גאַנצער קהל האָט זיך צוגעהערט מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם צום היסטאָרישן רוף פאַרן פוילישן יידנטום. מיט אַ זעלכע ווענדונגען פלעגט ר' שלמה האַלפּערן אויפטרעטן אין בית־המדרש אויף רעדען יעדעס מאָל ווען עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן אַ וויכטיקע היסטאָרישע געשעעניש. אויך אין דאָמבראָווע האָבן די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען געפרוווט שטערן די איינהייט. באַזונדערס האָט דער „בונד" געפירט אַ שטאַרקע, אָבער פּרוכטלאָזע וואַל־קאַמפּאַניע. לויט גענויע וואַל־רשימות, איז אין טאָג פון די וואַלן באַזוכט געוואָרן יעדע יידישע שטוב דורך די יונגע עסקנים, שליחים פון בלאָק פון נאַציאָנאַלע מינדערהייטן, כדי צו רופן און דערמאַנען צו דערפילן דעם יידישן נאַציאָנאַלן חוב און דאָס יידישע דאָמבראָווע האָט דעם פליכט דערפילט און! בייגעטראָגן צום אַלגעמיינעם נצחון פון פאַראייניקטן בלאָק, ווו יידן האָבן אַריינגעפירט (בלויז אין קאָנגרעס פוילן) 17 דעפּוטאַטן אין סיים, און 8 דעפּוטאַטן אין סענאַט(פון זאַגלעמביע ד"ר שלמה וויינציער).

די „מאַי איבערקערעניש" פון פּילסודסקי, ברענגט אַ צערודערונג אין דעם אחדות פון די יידישע פּאַר־טייען צו די וואַלן צום סיים. עס שאַפט זיך אַ יידישע רעגירונגס־פּאַרטיי מיטן אַנטייל פון דער „אגודה", פּאָלקיסטן און אַ טייל פון די סוחרים און קליינ־הענדלער.

די ציוניסטן גייען מיט דעם נאַציאָנאַליטעטן בלאָק. דער יידישער ברידער־קאַמף הערשט אין פּוילן מיט דער גאַנצער שנאה. אויך אין דאָמבראָווע קומען פאַר שטורמישע וואַל־פאַרזאַמלונגען, וועלכע ווערן צייטנ־ווייז געשטערט און אויפגעריסן. די „אגודה" און אירע פאַרבינדעטע האָבן געטענהט, אַז מען דאַרף אָפּשטעלן דעם קאַמף פאַר רעכט און אַז עס איז אַ פאַרברעכן קעגן דער מלוכה צו פאַרבינדן זיך מיט אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן, און אַז מען דאַרף זיך פאַרלאָזן אויף דער רעגירונג. די ציוניסטן פון גאַ־ליציען זענען אויף דעם וועג נישט געגאַנגען, זיי האָבן אָבער זיך נישט פאַראייניקט מיטן נאַציאָנאַליטעטן־בלאָק און אָפּגעהיטן די נייטראַליטעט, הגם זי איז געווען זייער גענויגט צו דער רעגירונג. די דאָזיקע נייטראַליטעט, אָבער זייער רשימה איז דאָך נישט געווען קיין רעגירונגס־ליסטע. דער פּועל־יוצא פון יענער עפּאָכע — אַ תוהו ובוהו אין פּאָליטיש־געזעל־שאַפטלעכן לעבן אין באַצוג צו די פאָדערונגען פון דער רעגירונג.

די קאָנגרעס־פּוילישע ציוניסטן מיט גרינבוים בראש פון איין זייט, מזרח־גאַליציע מיט ד"ר לעאָן רייך פון דער אַנדערער זייט און די „אגודה" פון דער דריטער זייט. די וויכוחים אין דער ציוניסטישער מחנה גופא פאַר אַ פאַראייניקונג כלפי חוץ לפחות, זענען געווען אומאויפהערלעכע. אויך דאָס ציוניסטישע דאָמ־בראָווע האָט געפּרוווט ווירקן אויף דעם ציוניסטישן פירער יצחק גרינבוים, בעת זיין באַזוך אין דאָמ־בראָווע מיט אַ רעפעראַט, נאָך וועלכן עס איז פאַר־געקומען אַ באַנקעט אין דער דירה פון זילבערשאַץ, בעת וועלכן דער חבר חיים גרייצער — אַ יונגער בחור אין יענער צייט — האָט זיך געוואָנדן מיט אַ וואַרעמען אַפּעל אין נאָמען פון די יידישע און ציוניסטישע טוער, ער זאָל מותר זיין געוויסער־מאָס פון די פּרינציפּן אין „קוצו של יוד פּאָליטיק", וועל־כע וועלן בסופו של דבר ברענגען צו אחדות אין אַלע אַנדערע שטחים. אין זיין ענטפער וואָס האָט געדויערט אייניקע שעה (ביז דריי אַזייגער פאַרטאָג)

האָט גרינבוים אַלזייטיק אַרומגערעדט וועגן די סיבות וועלכע דערפירן צו זיין נישט פשרהדיקע קאַמפּס־ליניע, פון וועלכע ער קאָן נישט מוותר זיין. די רעדע איז געווען כעין ווידוי און אַראָפּרעדן זיך פון האַרץ פון אַ מנהיג וואָס טראָגט די לאַסט און אחריות פון זיין פאָלק און דעריבער — זיין אומפשרהדיקע קאַמפּס־ליניע.

דער ציוניסטישער קאַמף פאַר נאַציאָנאַלע יידישע אָנערקענונג

אין פּוילן, ווי אויך אין דאָמבראָווע, האָבן די ציוניסטן געפירט אַ קאַמף פאַר שטאָלצע נאַציאָנאַלע אויפטרעטונג אין דער עפנטלעכקייט, נישט געלאָזט, אַז איר געשטאַלט זאָל ווערן געמינדערט. שוין אין אירע ערשטע שריט פון דער פּוילישער אומאָפּהענגי־קייט, האָט זיך שוין געוויזן סימנים פון יידישע אַסי־מילאַציע, עס זענען דערשינען גרופּן יידן, וועלכע האָבן געטענהט אַז זיי זענען פּאָלאַקן פון משהס גלויבן, און נישט געוואָלט קומען אין באַרירונג מיט דער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט, און פון נאַציאָ־נאַלע ציוניסטישע טעטיקייט אין גאַנצן נישט גע־וואָלט הערן.

פון דער לינקער זייט (ליבערמאַן און יוסף קרוק — שפּעטער געוואָרן אַ ציוני און זיך באַזעצט אין ירושלים) פאַרלאַזט מען זיך אַז אַלע נאַציאָנאַלע יידישע פּראָבלעמען וועלן ווערן געלייזט דורך פּ.פּ.ס. ווען זי וועט קומען צו דער מאַכט. אָבער די ווירק־לעכקייט האָט איבערצייגט, אַז נישט די פּ.פּ.ס. אין איר מערהייט־קאַדענץ האָט געלייזט יידישע פּראָב־לעמען; אויך די אַסימילאַטאָרישע שטרעמונג האָט נישט געמאַכט מער פּאַטריאָטיש אין די אויגן פון דער פּוילישער רעגירונג, ווי זיי האָבן זיך געוווּנשן צו זען.

ווען עס איז פאַרגעקומען די פאָלקס־ציילונג אין יאָר 1921, האָבן די דאָמבראָווער יידן געפירט אַן אויפקלערונגס־אַקציע ביי דער יידישער באַפעלקערונג, זי זאָל פאַרשטיין די וויכטיקייט און אָנגעבן אין דער רובריק פון דער פראַגע־בויגן „גלויבן": „יידישער" און אויך נאַציאָנאַליטעט „יידישע", און נישט ווי די מאַכט־אָרגאַנען און אויך ווי אַ טייל „פּאַטריאָטישע" יידן האָבן געוואָלט, אַז אין דער רובריק „נאַציאָנאַ־ליטעט" זאָל ווערן אָנגעגעבן פּויליש. די רעזולטאַטן פון דער אַלגעמיינער ציילונג אין פּוילן האָט טאַקע

באַוויזן, אַז די צאָל יידן, לויט דער „נאַציאָנאַליטעט" באַטרעפט נישט מער ווי 7,8%, בעת לויטן גלויבן 10,5%. מיר גלויבן, אַז די דאָמבראָווער יידן האָבן אין איר גרעסערער צאָל געענטפערט לויט דער אָנ־ווייזונג פון די ציוניסטישע שליחים, וועלכע האָבן פריער באַזוכט יעדע יידישע שטוב.

קהילה־טעטיקייט

מיט דער אַנטשטייאונג פון דער פוילישער רע־פובליק איז איינגעפירט געוואָרן אין לעבן דאָס געזעץ וועגן דער יידישער קהילה, וועלכע האָט אָבער נישט צופרידן געשטעלט די ציוניסטישע פירער אין פוילן. די קהילה האָט באַקומען צופיל רעליגיעזן כאַראַקטער, און צו ווייניק נאַציאָנאַלן. איר אויפגאַבע און קאָמ־פעטענצן זענען געווען באַגרענעצט. די פרויען האָט מען באַזייטיקט פון דעם קהילה־לעבן, נישט געבנדיק זיין קיין וואַל־רעכט. די וואַל־אָרדינאַציע איז נישט געווען גענוג דעמאָקראַטיש, אָבער מיט די אַלע חסרונות האָט דאָס געזעץ וועגן דער יידישער קהילה געהאַט אַ גרויסע באַדייטונג .די ציוניסטן אין זייער קאַמף אין די קהילות איז נישט געווען דער זעלבער, ווי דער קאַמף פון „בונד", וואָס איז געווען פאַר נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע, סאָציאַליזם, קעגן רעליגיע און ציוניזם, איז דער קאַמף פון די ציוניסטן געווען דעם נאַציאָנאַלן בנין אויפצובויען און צו פאַרברייטערן, כדי ס'זאָל מעגלעך מאַכן פריי און ברייט צו אַנטוויקלען אונדזער נאַציאָנאַלע קולטור, וועלכע ס'איז מעגלעך געווען צו רעאַליזירן אַפילו ביי די געגעבענע באַגרענעצטע קאָמפעטענצן.

אין דער דאָמבראָווער קהילה האָבן די ציוניסטישע פאַרשטייער געהאַט שטאַרקע קעגנער פון דער הער־שנדער מערהייט, וועלכע האָט זיך קאָנצענטרירט אַרום דער „אגודה", וועלכע זענען נישט געווען פאַראינ־טערעסירט אין דער טעטיקייט פאַר אַלגעמיינע נאַ־ציאָנאַלע צרכים פון דער קהילה צו פאַרברייטערן, דאָך איז דורכגעפירט געוואָרן אַ קליינע סובסידיע פאַרן „קרן קיימת לישראל", נאָך לאַנגע און שטור־מישע וויכוחים מיט דער „אגודה" און מיט די בונ־דישע פאַרשטייער. די קהילה אין דאָמבראָווע האָט נישט באַוויזן צו שאַפן און פאַרברייטערן דאָס שול־און קולטור־לעבן, נאָר האָט זיך געהאַלטן בדרך כלל אין ענגע רעליגיעזע אויפגאַבן.

די ציוניסטישע פאַרשטייער אין דער קהילה אין פאַרשידענע עפּאָכן זענען געווען: דוד גרינבוים בערנאַרד רעכניץ, מרדכי גאָטליב, ליפּקע פּיטערקאַ אברהם נייפעלד, אליעזר רעכניץ, ר' חנוך שפּילבערג ז"ל א. א.

די אַקציעס פאַר נאַציאָנאַל יידישע פאָנדן קרן קיימת לישראל און קרן היסוד

אין טאָג־טעגלעכן לעבן האָבן די דאָמבראָווער יידן געגעבן אַן אויסדרוק פון זייער אָנגעהעריקייט צו דער ציוניסטישער מחנה, דורך דעם וואָס זיי האָבן געשפּענדעט פאַר די נאַציאָנאַלע פאָנדן ווי ק. ק. ל. און קרן היסוד.

אויך דאָ האָבן מיר געדאַרפט האָבן אַ קאַדער פון אַקטיוויסטן, וואָס זאָלן טוען די גרויסע טאָג־טעגלעכע אַרבעט און אויפקלערונג־אַקציעס, ראַיאָן קאָנפערענצן און באַגעגענישן, אַרויסגעבן אַ יערלעכע צייטשריפט געווידמעט די „ק. ק. ל."־אַקציעס. אויף דעם געביט האָבן מיר געפונען די פולע הילף פון די ציוניסטישע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס, וועלכע זענען גע־ווען פאַרטרעטן אין אַ פאַראייניקטע נאַציאָנאַל־פאָנד־קאָמיסיע — ווי „השומר הצעיר", „גורדוניה", „פועלי־ציון", „ציונים", „הרצליה", „החלוץ". מיר טרעפן אַ גאַנצע גאַלעריע פון אָרטיקע עסקנים, פּערזענ־לעכקייטן, וועלכע האָבן געווידמעט זייערע בעסטע יאָרן פאַר די נאַציאָנאַלע פאָנדן, פּערזאָנען וואָס האָבן זיך פאַרשריבן אַ גאָלדן בלעטל אין זייער וואָלענטאַ־רער טעטיקייט.

אַ באַזונדערן קאַמף האָבן מיר געדאַרפט פירן מיט אַ טייל פון די עקסטרעם רעליגיעזע מתפללים פון די בתי כנסת און שטיבלעך, וועלכע האָבן אונדז גע־שטערט און נישט דערלויבט דאָס אַוועקשטעלן „קע־רות" פּורים און ערב יום־כיפור. דאָ האָבן מיר גע־פירט אַ לאַנגדויערנדע פּראָפּאַגאַנדע און אויפקלע־רונג, בעת וועלכע מיר האָבן באַוויזן איבערצייגן דעם גרעסערן טייל מתפללים, אַז גאולת הארץ מוז זיין איינס פון אונדזערע וויכטיקסטע אויפגאַבן אין די בתי הכנסת.

אונדזער טעטיקייט איז געווען אַריינצובריינגען דעם געדאַנק פון נאַציאָנאַלע פאָנדן אַלס אַ וועג פון נאַציאָנאַלע דערלייזונג, וואָס זאָל אַרומנעמען אַלע שיכטן פון דער דאָמבראָווער באַפעלקערונג; דער וועג זאָל דינען אַלס אַ ציוניסטיש דערציונגס מיטל. און ענדלעך איז אונדזער אויפקלערונגס־טעטיקייט



געלונגען, און אויך די קעגנערישע מניעות זענען דורכגעבראָכן געוואָרן. דאָס שטעלן אַ „קערה" פאַרן ק. ק. ל., דאָס מנדר זיין בעת עליה לתורה און אויך דאָס אויפהענגען א נ פ. פושקע אין בית המדרש אויף רעדען, איז געוואָרן אַ נאַטירלעכע זאַך, שוין נישט רעדנדיק וועגן חתונות, ווי פאָרלעך האָבן געפונען פאַר אַ חוב אין זייער נייעם שריט פון לעבן צו פלאַנצן אַ פאָר בוימער אין די קק.ל. וועלדער און באַשיינען גלייכצייטיק זייער נייע וווינונג מיט דעם דיפלאָם ,אַז זיי האָבן געשפענדעט פאַרן נאַציאָנאַלן פאָנד.

ליידער האָבן מיר נישט קיין פרטים וועגן די צאָל מיטגילדער פון דער אַלגעמיינער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין דאָמבראָווע. אויך ווייסן מיר נישט וויפל שקלים עס זענען געוואָרן פאַרשפרייט ביי אירע חברים און סימפּאַטיקער, על אחת כמה וכמה ווייסן מיר נישט ווער און וויפל פון די חברים האָבן געהערט צו „על המשמר", אָדער „עת לבנות". איינס איז אָבער קלאָר, אַז דאָמבראָווע בכלל — און רעדען בפרט, איז אין איר גרעסטער מערהייט געווען ציוניסטיש. דאָס זעען מיר אין דער פאָזיטיווער באַציונג פון דער דאָמבראָווער יידישער באַפעלקערונג צו די ציוניסטישע פאָנדן „קרן היסוד" און „קרן הקיימת". ביי 40% בערך פון די דאָמבראָווער משפחות האָבן געהאָנגען אין זייערע שטובן קרן קיימת פושקעס (257), וואָס זענען געוואָרן געליידיקט יעדן חודש. אין דער שטאָטישער שול, אין בית המדרש אויף רעדען און אין מאַנכע חסידים־שטיבלעך האָט מען געזאַמלט פאַרן ק. ק. ל. דורך „קערות". פורים, ערב יום־כיפור און שמחת־תורה פלעגט די נדרים־אַקציע אַריינטראָגן אַן אָנגעזעענע הכנסה פאַרן „קרן הקיימת". באַזונדערס פלעגט זיך אויסצייכענען מיט גרויסע שפענדן דער באַקאַנטער ציוניסטישער נדבן ר' נחמן גוטמאַן ז"ל. מיר זעען ווייניקער די אַלגעמיינע ציוניסטן אַקטיוו באַטייליקט אין טאָג־טעגלעכע פרוטה לפרוטה קרן קיימת זאַמלונג ווי די יוגנטלעכע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע זענען נאָך ניט מטופל און פאַרנומען מיט פרנסה דאגות, דאָך געפינען מיר דעם יונגן דור פון די אַלגעמיינע ציוניסטן אין די ועדים פון „קרן הקיימת" ווי יעקב שליווקע ז"ל (מורשה)), ליפּטשה הירשפעלד־גרוספעלד ז"ל (מזכיר), שוועסטער זיגרייך ז"ל, דוד קאָזשוך ז"ל, מרים ניסבאום ז"ל, ויבל"א הערשל ראָזענבלום ,ראובן לונדנער (מזכיר), אפרים לענטשנער (מורשה), גוטשע גראָספעלד, מרדכי בן יהודה ראָזענבלום (מורשה), ווינאגראַן (מורשה)) א. א. דערפאַר ביי די „קרן היסוד" אַקציעס טרעפן מיר אויסשליסלעך עלטערע חברים, אויך אַ טייל פון משמרת הצעירה: אליעזר טענענבוים, נחמן אהרון גוטמאַן, חיים גרייצער, מאָטיל גאָטליב, ליפקה פוטערקא, דאָמב,



יום סרט לטובת ק.ק.ל. בחוצות דומברובה בשנת 1921 — אַ גרופּע אַקטיוויסטן פון קרן קימת

משה דוד רייכמאַן, חנוך גרשון שפּילבערג („מזרחי״) און אינזשעניר אברהם יעקב קליין ז״ל. מוחל וועלן אונדז זיין די אַלע פּלונים ואלמונים, וועלכע האָבן צוגעלייגט אַ האַנט פאַר דער הצלחה פון די אַלע נאַציאָנאַלע פאָנד־אַקציעס אין דאָמבראָווע און מיר האָבן זיי דאָ נישט דערמאַנט אין אונדזער אַרבעט.

מרדכי גאָטליב

ס'איז שווער באַזונדערס נישט צו דערמאָנען דעם ציוניסטישן עסקן פון וואָלבראָם, וועלכער איז געקומען אין הויז פון ר' לייביט זיגרייך ז״ל אַלס אַן איידעם און זיך געשטעלט אין דער ציוניסטישער טעטיקייט אין דאָמבראָווע אויף אַלע געביטן. מיר וועלן זאָגן אָן שום הגזמה, אַז דאָס באַזעצן זיך פון פריינט מרדכי גאָטליב אין דאָמבראָווע איז געווען ווי אַ משיב רוח רענן אין טאָג־טעגלעכע גרויע ציוניסטישע טעטיקייט, ווי אויך אין קולטורעלע גייסטיקע אונטערנעמונגען.

דאָמבראָווע איז געווען רייך אין ציוניסטישע טוער בעלי שיעור קומה, אָבער מרדכי גאָטליב איז געווען דער רעטאָריקער, דער טרובאַדור פאַר דעם ציוניסטישן וואָרט אין דער קהילה, געמיינדע, אין זאַגלעמביער ציוניסטישער טעטיקייט בכלל און דאָמבראָווע בפרט, מיר וועלן ווונטשן אים אריכות ימים אין זיין היים אין ירושלים.

דעם היסטאָרישן איבערבליק איבער די ציוניסטישע אַרבעט אין דאָמבראָווע וואָס מיר האָבן דאָ געמאַכט, איז כמעט געשריבן געוואָרן על פי זכרון, אָן יעדע הילף פון דאָקומענט. פאַרשטייט זיך, אין אַזאַ אופן פון אַרבעט מוזן אַריינפאַלן אומפּינקטלעכקייטן, פאַרוואָס די לייענער, וועלכע וועלן עווענטועל אַזלעכעס באַמערקן, וועלן אונדז מוחל זיין.

זאָל די אַרבעט זיין אַ מצבת נצח פאַר די דאָמבראָווער ציוניסטן, וואָס האָבן נישט זוכה געווען צו זען זייער ציוניסטישן אידעאַל אין איר רעאַליזירונג, און טראַגיש אומגעקומען דורך די היטלער־באַנדיטן, און אַ טייל נפטר געוואָרן אין דער פרעמד פאַר דעם צווייטן וועלט־קריג, און זייערע אויגן זענען געווען געוואַנדן נאָך ציון.

(די אַרבעט איז געמאַכט געוואָרן מיט דער אַקטיווער מיטהילף פון פריינט יהודה לאַנדנער)

אפרים לנצ׳נר

ההסתדרות הציונית בדומברובה

מטרתן של המפלגות הציוניות, בלי הבדלי כיוון וגוון, היתה תחיית העם היהודי בארצו. חילוקי הדעות שהיו ביניהן נסבו רק סביב שאלות שנגעו לצורת הרכבתו של היישוב היהודי בארץ: אפיו הסוציאלי, החברתי והתרבותי.

החזקה ביותר מבין המפלגות הציוניות בפולין היתה המפלגה הציונית הכללית, שייצגה את הרעיון הציוני המוחלט, בלא שום צביון סוציאלי או דתי. בבואנו לספר אודות היווצרותה של ההסתדרות הציונית בדומברובה, עלינו לזכור שאין ברשותנו מיסמכים או תעודות, וכל הידוע לנו בא כמין תורה־שבעל־פה, שנמסרה מקבוצה לקבוצה ומאיש לאיש; על כן יתכן מאוד שמאורעות שונים יובאו בצורה לא מדויקת, ואולי אף בסדר כרו־נולוגי לא נכון.

הקבוצה הראשונה, שפעלה באיזור רדן, היתה מור־כבת מהחברים: שלמה הלפרין, ברטשה ינובסקי, לאה רוזן (קלוגמן), יוסף שליבקה ומשה לנצנר. בדומברובה עצמה פעלה קבוצה בהרכב: ישראל זילברשץ, האחים רייכמן, קופל, סנדר ומשה דוד, דוד גרינבוים, שלמה וינר, יוסף נטע שווימר וחיים קורנפלד.

ראשית הפעילות הציונית היתה במועדון, באחד מרחובות רדן. במועדון היו נפגשים, לומדים עברית, מנהלים את התעמולה הציונית ומפיצים את השקל הציוני ואת העיתון „הצפירה״.

הצעירים, שנחשבו אז ל„פורצי גדר״, סבלו מהחסי־דים, שלא ראו את פעולתם בעין יפה. סיפרו שההורים החסידים היו באים בקבוצות אל המועדון, ומנסים להו־ציא משם את בניהם, תוך שערוריות. לדברי מקור אחר, החליטו הצעירים להשיב מלחמה, ופעם אחת התחפשו לשדים ורוחות, בהתעטפם בסדינים לבנים, ובלבוש מטיל אימה זה הניסו את החסידים, שנמלטו בפחד בסברם, כנראה, שרק רוחות ושדים נמצאים במועדון הציוני האפיקורסי.

אולם, ככל שהרבו לרדוף את הציונים הצעירים, הלכה השפעתם וגברה; צעירי בתי המדרש נתפסו ל„כפירה״, ובין דף גמרה למשנהו היו מציצים בהחבא ב„הצפירה״.

אם נעמיק חקור, ניווכח כי המאבק התחיל במקום אחר, למעשה בתקופת התחיה וההשכלה באירופה. רעיונות המשכילים נקלטו בקרב אחינו בני ישראל, ועד מהרה חדרה „מלחמת התרבות״ גם לרחוב היהודי, השוקד על מסורתו הקפואה. דבריהם של הרמח״ל (משה־חיים לוצאטו), משה מנדלסון ונפתלי הרץ וייזל נפלו על אוזן קשובה; והדברים אמורים אף בדומברובה.

יהודים בעלי הדרת פנים, לומדי תורה, היו למנויים קבועים של העיתון העברי „הצפירה״ — חלקם קראוהו בגלוי, חלקם בסתר. רוח ההשכלה התבטאה עד מהרה אף בסממנים חיצוניים: היהודים התחילו להקפיד על הופעה חיצונית מסודרת, „מודרנית״ יותר. ברחוב היהודי כינו אותם: „הנאורים״.

הראשונים

כאחד מראשוני הציונים בדומברובה יכול להחשב משה לנצנר. נולד ב־1891 בכפר סלאבאשב, ליד העיירה דזיאלושיץ. הגיע לדומברובה עם הוריו בהיותו ילד. אוירת הכפר השפיעה עליו, כנראה, ותמיד היה להוט אחרי שדות ירוקים ורחוקים.

יום אחד קם ונסע לוילנה. למד שם בבית המדרש לרבנים. חזר לדומברובה ספוג השכלה וספרות ציונית והחל לנהל תעמולה ציונית בהתלהבות רבה. בערך בשנת 1910 עלה לארץ ישראל. בינתיים הגיעה שעתו להתגייס לצבא, ואביו כתב לו שקיבל הודעה מהשלטון הצארי שעליו לשלם קנס של 300 רובל, אם בנו לא יתייצב לשירות. האב ביקש מבנו שיחזור וישחרר אותו מסכנת הקנס.

משה חזר והתייצב לשירות. הוא נשלח לסיביר, ושם הסתבך בסיכסוך עם קצין שהעליב חייל יהודי בכינויים אנטישמיים. משה, הגאה ביהדותו, לא יכול היה להבליג, סטר לאותו קצין.

עבור מעשהו זה היה צפוי למשפט צבאי שתו־צאותיו חמורות. משה הקדים רפואה למכה, ובהיותו קרוב לגבול הסיני, עבר בלילה את הנהר אמור, שמימיו היו קפואים. הוא הגיע לצד הסיני בעירום ובחוסר כל, נדד דרך ערים ומדינות, ולבסוף הגיע ליאווא שבאינ־דונזיה (אז הודו ההולנדית). ביאווא הכיר שען יהודי שעסק גם במכירת משקפיים. משה, בעל הדימיון המפותח, הציע לשען להרחיב את המחלקה האופטית שלו, וזה האחרון הסכים. מקץ שנים אחדות התפרסמה

הפירמה גולדברג, שמנהלה הראשי היה „האופטיקאי המפורסם בעולם" משה לנצנר. הפירמה פתחה סניפים בכל עריה הגדולות של יאווא, ובכל העיתונים המקומיים התפרסמו ראיונות עם „האופטיקאי בעל הפירסום העו־למי" משה לנצנר.

מצער היה לשמוע שאחרי ניתוח לא מוצלח שנעשה על ידי רופא מקומי, חלה ונפטר בשנת 1926, בהיותו בן 34. על מצבתו נחרטו מגן דוד והמלה „ציון", שהיתה משאת נפשו ומטרתו, אולם לא זכה להגיע אליה, וסיים חייו גלמוד בניכר.

יהא זכרו ברוך.



ברוב הבתים היהודיים בעיר התחיל להתעורר המאבק בין האבות שרצו לשמור על הסדר הקיים, ובין הבנים— שרצו לשנות את אורח החיים היהודי. בביתו של מרדכי לייב ינובסקי אירעה מהמפכה זוטא כשהאב נסחף אחרי השקפותיו של בנו, ברטשה, לאחר ויכוחים וניתוחים הגיוניים בשאלת הציונות.

ברטשה ינובסקי, שאביו לא יכול היה לאפשר לו אפילו השכלה יסודית, כיהן מאוחר יותר כפרופסור בבית ספר תיכון עברי בצ'נסטוחוב, לקח גם חלק בקונגרסים ציוניים כציר.

נספה בשואה. הי"ד.



ר' שלמה הלפרין הי"ד היה איש ציבור מובהק ונציגם הטבעי של האידיאלים הציוניים בדומברובה. ידע למזג את הישן עם החדש, וגם המתנגדים הגדולים ביותר הוקירוהו. כדמות צנועה ואופיינית שימש כוח מושך לכוחות חדשים לתנועה הציונית בעיר. היה היחיד מכל הקבוצה הנזכרת שליווה את חייה החברתיים והציוניים של דומברובה עד לסופה המר של הקהילה.

נרצח ביחד עם אשתו רבקה ביילה, חותנו ר' יעקב שלום פישל ואשתו טיבל לאה. הי"ד.



במיוחד היו יהודי דומברובה גאים בחברם יוסף שליבקה (שלוי), אחד מהראשונים שהיה להם העוז להפוך את המחשבה למעשה. עלה ארצה בעליה השניה של 1908 והיה בין מיסדי נהלל (1921).

החלטתו ליהפך לעובד אדמה ולחיות בעמק יז־רעאל, שהיה מלא ביצות ומוכה קדחת, עשתה רושם כביר על יהודי העיר.

יוסף שלוו נפטר ב־כ"ט בסיוון, תש"י, — נובמבר 1949.

הניח אלמנה, סלקה; בן, שמעון; ובת, כרמלה.

יהא זכרו ברוך.



דמות מענינת מה"ראשונים" היתה לאה רוזן (אח"כ קלוגמן).

אם המאבק בין האבות והבנים היה קשה, הרי המאבק בין האבות והבנות היה הרבה יותר קשה. אבותינו חיו תחת השפעת דברי חז"ל: „כל המלמד את בתו תורה כאילו לימדה תפלות", לכן רק בנות ישראל בודדות הגיעו בזמנים ההם להשכלה תיכונית, ואחת מהן היתה לאה רוזן.

מראיה החיצוני עורר כבוד. הרבה בנות בעיר רצו להשתוות אליה בלבושה המודרני, אולם למרות זאת היתה דמות עממית, מלאה התלהבות לאידיאל הציוני. בזמן מלחמת העולם הראשונה היתה פעילה בהרבה ועדות ועבדה למען מטרות ציוניות וחברתיות.

לאה הושפעה מאוד מהתנועה הכלל עולמית הדוגלת בשוויון זכויות לנשים בכל שטחי החיים החברתיים, שהופיעה בהתחלת המאה הנוכחית באנגליה. הציונות כתנועת חרות נתנה לה אפשרות ושדה פעולה ל־היאבק לאידיאל שלה. י. רוזן, אביה, (חסיד אלכסנדר) התיחס מאוחר יותר בסובלנות לשאיפותיה ולא שם לב לכל דברי בלע נגדה.

להתנהגותה היתה השפעה חינוכית על בנות יש־ראל האחרות בעיר, שקודם לא העיזו לעשות את הצעד הזה. אחריה כבר גדל דור של בנות ישראל שהרגישו עצמן הרבה יותר חופשיות בפעילותן ה־חברתית והציונית.

בעת מלחמת העולם הראשונה, כשהעוני בעיר גדל ומספר הילדים מחוסרי הבית התרבה, אספו לאה'לה ופרלה, אשתו של הרשל פרוכצוויג את הילדים, רחצו אותם ופעם או פעמיים יצאו איתם למדשאה, התרחצו בנהר ושיחקו תחת שמיים וטבע חופשיים.

היא גם ניהלה את בית־התמחוי אצל ליבל שצי־

גובסקי. דאגה למתן בסתר לאמהות עניות. בחייה המשפחתיים דיברה עם הילדים עברית.

בעלה, יבל״א ק. שבתאי, היה מזכיר הקק״ל ל־שעבר בורשה ועיתונאי ידוע ב„דבר״.

תנועת חיבת ציון והשפעתה על יהודי דומברובה הדתיים

תנועת חיבת ציון נוסדה על־ידי הרב צבי־הרש קלישר (1795—1784), אשר קרא ליהודי העולם ל־התישב בארץ ישראל ולעבד אדמתה, וע״י כך להביא ל„אתחלתא דגאולה״. אחרי הגשמה גשמית ממילא תבוא ההגשמה הרוחנית. התנועה קיבלה דחיפה חזקה קדימה אחרי גל הפרעות של 1882—1881. בערים רבות נוסדו אגודות „חובבי ציון״ והתארגנו לתנועת התישבות בארץ ישראל.

יהודי דומברובה הדתיים אף הם לא נשארו אדישים לרעיון הזה. התנועה, שקמה זמן רב לפני הציונות ההרצלינית, מצאה את דומברובה כקהילה קטנה, ובכל זאת נמצאו אחדים שהשתייכו לתנועה. ניתן לשער שועידת קטוביץ ההיסטורית של שנת 1884 השפיעה השפעתה, כי הרי זה התרחש כל כך קרוב לעיר דומברובה.

שני יהודים ידועים מבין יהודים רבים אחרים שהיו שייכים לתנועת חיבת ציון, היו ר׳ יוסף־נטע שווימר ור׳ חיים קורנפלד ז״ל. על מצבת האחרון חרוטות המלים „מראשוני חובבי ציון״.

לאחר שקמה הציונות המדינית של הרצל, הפסיקה תנועת חיבת ציון להתקיים והפכה לענף ציוני דתי בתוך ההסתדרות הציונית הכללית. אולם התעמולה ברחוב היהודי התייחסה כמעט לאותו הרעיון שהטיף לו הרב צבי הרש קלישר. הענף הזה בתוך הציונות הכללית נקרא „מזרחי״.

דומברובה העמידה גלריה של אישים אשר נלחמו בעד הציונות הדתית: ר׳ חנוך־גרשון שפילברג, יעקב־שלום פישל, שלמה רבינוביץ, איצה אונגר, פרידמן, ולנר, פומוצ׳ניק, שלמה וינר, גורפינקל, אברהמ׳לה שטורכיין, וכאמור — חיים קורנפלד ויוסף־נטע שווימר.

בתי ספר יהודיים בפולין

לפני מלחמת העולם הראשונה היה השליט היחיד בחינוך היהודי „החדר״ המסורתי. מלבדו היו בערים הגדולות „חדרים מתוקנים״ ספורים ובתי־ספר תיכוניים יהודיים ברוסית.

המלחמה, נסיגת השלטון הרוסי, הכיבוש האוסטרי־גרמני ותקומת פולין העצמאית — כל המאורעות האלה זיעזעו את החיים היהודיים וממילא גם הביאו לשנוי באופיו של החינוך היהודי.

בחינוך החדש השקיעו היהודים חלק גדול, ואולי המכריע של פעילותם הלאומית. החינוך היה ממלכת הרוח שלהם, בה מתחשל גורלו של העם ומתחנך הדור הצעיר החייב לצעוד הלאה ולשמור על הרצף ההס־טורי של הדורות.

התגבשו בחינוך היהודי בפולין חמישה סוגי בתי ספר.

א) החדר, שלאט לאט מתקדם והופך לבית ספר „יסודי התורה״ לבנים, ולבתי ספר לבנות, „בית יעקב״.

ב) בתי ספר של המזרחי לבנים „יבנה״, שמלבד לימודים יהודיים וחילוניים ניתנת בהם תשומת הלב ללימודי התנ״ך ולשפה העברית.

ג) בתי ספר „תרבות״ בשפה העברית.

ד) בתי ספר ציש״א, באידיש כשפת לימוד.

ה) בתי ספר דו־לשוניים, על פי רוב בעברית ופולנית.

יש לציין שחלקם הארי של הילדים היהודיים הת־חנך בבתי הספר הממלכתיים של המדינה שהלימוד בהם הוא חינם. חינוך החובה מטעם המדינה שינה בצורה חריפה את צורת החינוך היהודי ואופיו; אם לפני המלחמה שלט ה„חדר״ בחינוך הדורות הצעירים היהודיים, הרי אחריה, תפס את מקומו בית הספר הממלכתי הכללי, אשר השתרש עמוק יותר ויותר, והקיף יותר ויותר ילדים יהודיים. חינוכן של בנות ישראל, ברובו המכריע, נמצא כבר מחוץ לשליטתו של החינוך היהודי המוחלט.

החדר

בעיירות הקטנות תופס עוד החדר מקום נכבד, ברובם המכריע נמצאו החדרים בידיים פרטיות של המלמדים, בלי שתהיה עליהם השגחה מרכזית או ארגונית.

„החדר״ היה מוסד דתי; „החדרים״ שינו מעט מאד מתוכנם, סדריהם הפנימיים ושיטת לימודם.

המצב בבתי הספר הציוניים בדומברובה

בדומברובה נפל התפקיד לשנות את „החדר״ הישן ולתת חינוך מתקדם לילדים יהודים, בידי תנועת

המזרחי שהעיזה והצליחה. הרבה סבלו עסקני המזרחי מ„אגודת ישראל". אשר ראתה בהם מתחרה לבתי הספר שלהם „יסודי התורה", וגם מהלך מחשבתם של הורי הילדים. אולם, עסקני המזרחי גברו על הכל ובית הספר העברי „מזרחי" בדומברובה היה לעובדה שהש־פיעה על דמות הנוער בדומברובה ועל דמותה של כל הקהילה היהודית בעיר. חייבים אנו להודות שבשטח החינוך היתה ההסתדרות הציונית הכללית עניה במעש. דומברובה הציונית לא הצליחה להקים בית ספר „תר־בות", כבערים אחרות בפולין, שיהיה בסיס לפעילות ציונית. אבל מאידך, התקיימו שעורי ערב „תרבות" ללימוד השפה העברית. השעורים היו רק למבוגרים, ועל זה בפרק אחר.

ההסתדרות הציונית בדומברובה פעלה בשטחים חברתיים וסוציאליים שונים. הגם שלא תמיד בשמה המפורש, בכל אופן בהשראה ובהשתתפות עסקניה או חבריה. כך למשל, קופת ההלואה וחסכון משנת 1914־1911 בערך, שנמצאה ברחוב סוביאסקה, נוסדה ונוהלה על ידי שלמה הלפרין, זילברשץ, חנוך־גרשון שפילברג, סטרניק ואחרים.

פעילים בקרן העזרה לנצרכים סוציאליים מקרב יהודי רדן היו חברי החברה „עזרת משה" ע"ש משה הירשפלד הי"ד, שנפל מכדור של חייל גרמני בטיילו עם חברו מנחם וינשל ז"ל ע"י פסי הרכבת. החברה נוסדה ונוהלה ע"י בחורי בית־המדרש וחבריו של משה אשר נפל חלל, וביניהם: מנחם וינשל, אברהם גרוספלד, משה טרימן, יהודה ליברמן ברזילאי, צבי יהודה לנצ'נר ז"ל ואחרים. מאוחר יותר היו כולם מנהיגים פעילים של ההסתדרות הציונית בדומברובה.

בפרוץ מלחמת העולם הראשונה נחלשה הפעילות הציונית הרשמית, בגלל המערכות המלחמתיות, וסיבות פוליטיות אחרות ושונות, בעיקר משום האהדה וה־תקוה שתלתה ההסתדרות הציונית באנגליה, ששלטון הכיבוש האוסטרי־גרמני ראה בה אויב.

אולם, בהמשך המלחמה אנו מבחינים ביחס נוח יותר מצד הכובשים. דומברובה, אחרי שנכבשה על־ידי השלטון האוסטרי, נהפכת פתאם לגורם ולבסיס ציוני חשוב והיתה למפיצת העיתון העברי „הצפירה" ו־ספרות ציונית אחרת עבור כל הסביבה והמחוז האוס־טרי. כל החומר מועבר לעיר בנדין, השייכת לשטח הגרמני ומשם באופן בלתי ליגלי מוברח לדומברובה ונשלח לפי כתובות שונות לכל הסביבה הכבושה על־ידי האוסטרים.

גם עבור העיר קרקוב ניהלה דומברובה את משלוח והפצת העיתונות והספרות הציונית. אך אופייני הדבר שאחד מהממונים היה ד"ר יהושע טהון הידוע, רבה הראשי של קהילת קרקוב; אישיות ציונית מרכזית וחשובה, וזמן מה יו"ר החוג היהודי בסיים הפולני.

בערך בשנים 16־1915 נוסדה גם הספריה הציונית הראשונה בביתו של ר' אברהם־משה רושינק ברדן. הספרים הראשונים נתרמו על־ידי חבר מנוי של אחד מהעיתונים „היינט" או „מאמנט", אשר אסף „תלושים" וקיבל עבורם את כל כתבי מנדלי מוכר ספרים. הספרים האלה היו ליסוד הספריה הציונית המפורסמת, אשר ליוותה את כל היעדים הציוניים בכל התקופות כמעט, ואשר היו לה גלגולים היסטוריים שונים במועדונים הציוניים.

בשנים ההן היתה הספריה המקור היחיד שאיפשר לבחור או בחורה לקבל ספר יהודי לקריאה. הספריה לא נתקבלה בסבר פנים יפות ואף נרדפה מהפחד שקריאת ספר אידי תסיח המחשבה מהעיקר. לכן נתבקש ר' אברהם־משה רושינק לא להתיר שיחזיקו בביתו דברי פסול, מה גם שחשש פן „יטריפו" לו חלילה את האיטליז.

הפעילות הציונית בשנות המלחמה נסוגה קצת ו־במידה מסוימת היתה מחתרתית, גם בגלל הפגנת מנהיגי הציונות דאז את עמדתם הנייטראלית במאבק האירופי.

אחרי תקומת פולין החופשית נהייתה התנועה הציו־נית ליגלית, ופעילותה התרחבה בכל השטחים. התכנסו ועידות מחוזיות לבעיות ציוניות שונות, לקרן היסוד וקק"ל, שדומברובה שולחת נציגיה אליהן. עם תקומת פולין החופשית, אחרי כמעט 150 שנה תחת העול הצארי, חדר האביב גם לרחוב היהודי; אלה שלא הצהירו על עצמם כשונאי ציון, כגון ה„בונד" ואחרים, חיו והרגישו את רגש החופש.

יהודי דומברובה נתנו בטוי לרגש הזה בדרכים שונות: בקריאת עיתון ציוני, ובתרומה תמידית לקרן הקיימת בערב שבת לפני הדלקת הנרות; הקופסה הכחולה־לבנה בבית היהודי סימלה את השאיפה הפ־נימית לציון. כמעט בכל בית יהודי נמצא תלוי על הקיר אריג בצבעים לבנים כחולים ותמונת מנהיג ציוני, הכותל המערבי או קבר רחל אמנו. בבתים אמידים יותר תלו על הקירות שטיחים עם תמונת ד"ר הרצל.

אנחנו, הילדים בימים ההם, בקומנו בבוקר נפלו מבטינו על הקירות ועל התמונות אשר נחרתו עמוק עמוק בלבותינו, והיוו בשבילנו חינוך ציוני.

הדור השני של עסקני ציון

כשאנו מדברים על הדור השני של עסקני ציון בדומברובה, אין בדעתנו לומר שהדור הראשון נעלם, והדור השני תפס את מקומו.

למעשה התרחש תהליך של מיזוג דור המבוגרים עם הדור הצעיר, מכיוון שר׳ שלמה הלפרין, אליעזר טננבום, ליפה פוטרקו, זילברשץ ואחרים, כמעט שלא הפסיקו את פעילותם, כל אחד לפי דרכו, וליוו את הפ־עילות הציונית כיובל שנים.

כשאנו סוגרים את הפרק של הראשונים, מחויבים אנו להדגיש ולציין עוד קבוצה של עסקנים ציוניים בעירנו, אשר הפכו את רעיון שיבת ציון למעשה, הגשימו בפועל, ועלו ארצה בין השנים 1919־1924: יהודה ברזילאי, אחותו יהודית ברזילאי, צבי־יהודה לנצ׳נר, אברהם גרוספלד, יעקב שליפקה, יצחק נרקיס־ ינובסקי, שרגא שפילברג, נפתלי רכניץ, שמואל ויסלזלץ ויעקב פדרמן.

בינתיים גדל הדור הצעיר, המתחנך על ברכי בית המדרש; גם לשם חודרת הרוח החדשה, קוראים עתו־ נים עבריים ואידיים; הצימאון לדעת גדל, קוראים ספרות, מתווכחים: הלבוש המסורתי משתנה למודרני יותר; חולמים על שדות ירוקים בארץ הגעועים, ארץ ישראל.

ההגבלות שהטיל המשטר הצארי על היהודים, ש־ הביאו לפרעות, לחרם ולעלילות דם, ולבסוף, משפטו של מנדיל בייליס, מתסיסים חרי אפם של הבחורים חובשי בית המדרש. מחפשים פתרון לבעיות, ומוצאים אותו בחוברתו של ד״ר ליאון פינסקר „אוטואמנציפציה״, או ב„אלטניילנד״ של ד״ר תאודור הרצל. כך מתפתח הגרעין של הדור השני.

ההסתדרות הציונית, ש„הראשונים״ הניחו את אבן היסוד שלה, מקבלת עירוי דם חדש, של כוחות צעירים יוצרים, ונוצרת פעילות ציונית רחבה בדומברובה בכל שטחי החיים החברתיים. אפשר לציין את התקופה הזאת כתוססת ביותר על עליותיה וירידותיה; תקופה שהחזיקה במתח וליוותה את קהילת דומברובה בגידו־ לה, עד למותה הטרגי בידי עם המרצחים הגרמני.

אציין חלק מרשימה שנשארה בזכרוני משמות הדור השני של עסקני ציון אשר הרימו את הפעילות הציו־ נית בכל השטחים למדרגה גבוהה: דוד קוז׳וק, וולף ליברמן, ישראל קלינמן, מינדל נוסבום, מוטיל בן יוסף רוזנבלום. ריזל זיגריך, שרה זיגריך ז״ל ואחרים. ויבל״א אפרים לנצ׳נר גוטשה גרוספלד, חיים גריצר, ליבטשה פרסול, מרדכי בן יהודה רוזנבלום, צוועטיל בייטנר, ראובן לונדנר, רחל איבשיץ, ישעיה זילברצן (חתנו של שלמה יוסף) ואחרים.

ההסתדרות הציונית בדומברובה פעילה בכל הש־ טחים. נערכים ויכוחים ואסיפות בהשתפות חברים מקומיים ובכוחות משטח זגלמביה: אברהם ליוור, ויגודזקי, ד״ר מלודיסטה ואחרים. מבקרים בדומברובה יוסף הפטמן, ד״ר יהושע גוטליב, ליב יפה, אורי זס־ לבסקי מנהלל, (האחרון נואם בבית־המדרש של רדן). נוסדה תנועת הצופים „השומר״ בהנהגתם של יוסף קנרק, אמיל גרינבוים, יעקב פרוכצויג, זיגמונד שפיגלר ז״ל ויבל״א שרגא שפילברג ופנחס שורצבום.

ל„השומר״ לא היה אז צביון פוליטי, זו היתה הסתדרות צופים צעירים ליד ההסתדרות הציונית הכ־ ללית. בגאוה ובסיפוק מזכירים הפגנת כ׳ תמוז ה־ מרשימה של „השומר״, אשר צעדה ברחובותיה של דומברובה עם דגלים לבנים כחולים מן המועדון ברחוב קרוטקה עד בית הכנסת ברחוב מינסקה, שם התקיימה עצרת חגיגית שבה נאמו ד״ר פרלמן, חנוך־גרשון שפיל־ ברג ז״ל, מנחם וינשל ז״ל וליזר טננבום ז״ל.

הצהרת בלפור ופתיחת האוניברסיטה העברית בירושלים על הר הצופים

במאבק האירופי שהתחולל בין השנים 1914—1917 היתה הפעילות הציונית משותקת בחלקה. ההדים שה־ גיעו מארץ ישראל שהיתה נתונה לשלטון התורכי, החלישו את הרצון לפעילות. גירוש היהודים מתל־ אביב על ידי כאמל פאשא, הרעב, וחוסר הזכות החוקית לשלוח עזרה — כל אלה יצר מצב של דכאון מסוים.

הצהרת בלפור ואישורה של ועידת סן־רמו את המנדט הבריטי, בכדי ליצור בית־לאומי בארץ ישראל, פתחו אופקים חדשים לציונות המדינית, ועודדו אצל שלושת מיליוני היהודים בפולין בשנת 1920 התלהבות עצומה. נערכו חגיגות, אישים ממשלתיים פולניים ברכו את נציגי ההסתדרות הציונית באומרם: „בעד חרות פולין ובעד חרות יהודית״. לא היתה עיר ועיירה בפולין שלא חגגה את המאורע. כמעט כל היהודים נסחפו באוירת החג. בקולנוע „קורסו״ בבנדין התקיימה עצרת גדולה לכבוד הצהרת בלפור, בהשתתפות הקונסול

הבריטי ובחזית הבנין התנוססו הדגלים הציוני, הפולני והבריטי.

דומברובה לא פיגרה. באותו יום התקיימו תפילות חגיגיות בבתי המדרש ויהודים אמרו הלל. ברחוב התקיימה מכירת סרטים למטרות ציוניות. לא היה יהודי שלא נשא על דש מעילו פרח כחול לבן; דומברובה טבלה בכחול לבן. מצעד של צופים יהודיים, „השומר", ברחובות משך את תשומת לבם של כל התושבים, גם הנוצרים. בבית הכנסת הגדול נאמו ר' חנוך־גרשון שפילברג, אליעזר טננבום, וד"ר מלודיסטה אודות עתידו של עם ישראל עם מתן הצהרת בלפור.

הצהרת בלפור נתנה מעוף חדש לפעילות הציונית ורקע ממלכתי לאופיה. הציונים בדומברובה רכשו חברים ואוהדים ועברו למועדון חדש ברחוב אולמן, בביתו של דוד־יוסף גרינבום.

משמעות מיוחדת עבור החיים היהודיים בדומברובה היתה לפתיחת האוניברסיטה העברית על הר הצופים בירושלים בשנת 1925. זו היתה נקודת השיא במאבק שלוחמי ההשכלה במאה הקודמת פתחו בו ברחוב היהודי בדמותם של הרמח"ל, ר' משה־חיים לוצטו, משה מנדלסון, נפתלי הרץ ויזל וגלריה שלימה של פילוסופים יהודיים, משוררים ופיטנים שתקופת ההש־כלה הקימה מקרבה ואשר הטיפו להרחבת האופקים והמחשבה אצל היהודי.

הסמינר לרבנים של הרב רינס ז"ל בברלין, היה בית האולפנא הראשון שעיצב רועים רוחניים מודרניים עבור הקהילות היהודיות באירופה. גם לסמינר של הפרופסור צבי פרץ חיות בוינה היה חלק בעיצוב דמותה של אינטליגנציה יהודית חדשה ברחוב היהודי.

פתיחת האוניברסיטה העברית בירושלים נחגגה באסיפה גדולה בבית הכנסת העירוני ברחוב מיסקה. ממש באותו זמן התעוררה „מלחמת התרבות" הישנה בין האורטודוקסים והציונים; בהשפעת פתיחתה של האוניברסיטה העברית נפתחה גם בבנדין גימנסיה עברית „יבנה". הורים יהודיים בדומברובה, ודווקא מחוגים דתיים, התחילו לשלוח בניהם לגימנסיה. ה־אורטודוקסים יצאו בצעקה שמובילים ילדים יהודיים לשמד, ובתגובה פתחו בתי ספר גדולים „תלמוד תורה", במקום החדרים הפרימיטיביים שהתחסלו. הפעולה ה־נגדית התנהלה במיוחד נגד ההורים ששלחו את בניהם לגימנסיה „יבנה".

כשנתיים־שלוש אחרי פתיחת האוניברסיטה העברית בירושלים והגימנסיה העברית „יבנה" בבנדין, כבר נמצא בדומברובה סוג חדש של נוער יהודי אינטליגנטי אשר יצר רקע חזק לפעילות ציונית והשפעה ציונית.

הציונים בדומברובה והמדיניות הכללית הפולנית

שיטת הבחירות לסיים הפולני היתה צריכה, לפי תכניתן של מפלגות הימין, להבטיח להן רוב. הנציגות היהודית בועדת החוק, בהנהגתו של המנהיג הציוני יצחק גרינבוים, אשר נבחרה על־ידי הועד הלאומי היהודי, הצהירה שיקום גוש של המיעוטים הלאומיים, באם ועדת הבחירות לא תיקח בחשבון את הדרישות הצודקות של היהודים. כמובן שהועדה לא קיבלה את הדרישות, ולבחירות הראשונות לסיים הפולני קם גוש של המיעוטים הלאומיים.

הרעיון לגוש המיעוטים הלאומיים נתקבל בהתלהבות גדולה על־ידי כל המיעוטים הלאומיים בפולין. הגוש ריכז סביבו את רובם של הגופים הלאומיים. מבין המפלגות היהודיות רק הפולקיסטים, וכמובן גם ה־סוציאליסטים, ניסו להתנגד, אולם בלי הצלחה. ה־„אגודה" הצטרפה, הגם שהחידוש הזה עורר בחוגים הפוליטיים הפולניים אי שביעות רצון.

גם יהודי דומברובה הפגינו את אחדותם, ובהת־להבות ובהצלחה רבה נוהלה תעמולת הבחירות, ב־הנהגתם של יעקב שליבקה ואליעזר טננבום ז"ל, ובהשתתפותם של עסקנים אחרים מהגוש היהודי הל־אומי המאוחד. במיוחד עשה רושם נאומו של שלמה הלפרין בליל ששי אחד בבית המדרש ברדן, בין תפילת מנחה וקבלת שבת, כשכל הקהל הקשיב בנשימה עצורה לקריאה ההיסטורית: „למען יהדות פולין!"

גם בדומברובה ניסו המפלגות הסוציאליסטיות ל־הפריע לאיחוד. במיוחד ניהל ה„בונד" תעמולת בחירות חזקה, אולם ללא הועיל.

לפי רשימות מדויקות הופיעו ביום הבחירות בכל בית יהודי עסקנים צעירים, שליחים של הגוש הלאומי, כדי לקרוא למילוי החוב היהודי הלאומי למען הנצחון הכללי של הגוש המאוחד.

היהודים הכניסו (רק בפולין הקונגרסאית) 17 צירים לסיים ושמונה צירים לסינט. נציג זגלמביה היה ד"ר שלמה וינציער.

„מהפכת מאי" של פילסודסקי, מביאה ערבוביה באיחוד המפלגות היהודיות בבחירות לסיים. מתהווה מפלגה פרו־ממשלתית בהשתתפות ה„אגודה", הפול־קיסטים וחלק מהסוחרים ובעלי המסחר הזעיר. הציונים

הולכים עם הגוש הלאומי. מלחמת אחים יהודית מתנהלת בפולין. גם בדומברובה מתקיימות אסיפות בחירות רועשות, שלעיתים מופרעות ומופסקות.

ה„אגודה" ובני בריתה טענו שצריך להפסיק את המאבק לזכויות וכי זהו פשע נגד המדינה להתקשר עם לאומים אחרים. הציונים בגליציה אמנם לא הלכו בדרך הזאת, אבל גם לא התאחדו עם הגוש הלאומי אלא שמרו על הנייטרליות. אמת שה„נייטראליות" הזאת היתה לצד הממשלה, אבל בכל זאת לא נחשבה רשימתם כרשימה ממשלתית.

הפועל היוצא מהתקופה ההיא: תוהו ובוהו בחיים הפוליטיים־חברתיים ביחס לדרישותינו מהממשלה. נוצרו שלושה גושים עבריים:

א) הציונים מפולין הקונגרסאית, ובראשם יצחק גרינבוים.

ב) המזרח־גליצאים, ובראשם ד"ר ליאון רייך.

ג) ה„אגודה".

הוויכוחים במחנה הציוני למען איחוד כלפי חוץ לכל הפחות היו אין־סופיים. גם הציונים בדומברובה ניסו להשפיע על המנהיג הציוני יצחק גרינבוים בעת שהירצה בדומברובה. אחרי ההרצאה התקיים בנקט בדירתו של זילברשץ. חיים גרייצר — אז בחור צעיר — פנה במלים חמות בשם העסקנים הציוניים אל גרינבוים, שאולי יוותר במידה מסוימת על „קוצו של יוד" וזה יביא בסופו של הדבר לאיחוד בכל השטחים האחרים. בתשובתו, שארכה עד שלוש לפנות בוקר, דיבר יצחק גרינבוים באופן מקיף על הסיבות המביאות אותו לקו הבלתי פשרני שממנו אינו יכול לסגת. הנאום היה כעין וידוי של מנהיג הנושא בעול ואחריות לעמו.

המאבק הציוני בעד הכרה לאומית יהודית

בפולין, וגם בדומברובה, ניהלו הציונים מאבק בעד הופעה לאומית גאה בפומבי. בצעדיה הראשונים של פולין העצמאית נראו סימנים של התבוללות יהודית: הופיעו קבוצות יהודים ובפיהם טענה שהם „פולנים בני דת משה". אלה לא רצו לבוא במגע עם החברה היהודית, ומפעילות הציונית לאומית לא רצו לשמוע.

מנהיגי השמאל, ובראשם הרמן ליברמן וד"ר יוסף קרוק (שנעשה אח"כ ציוני והתישב בירושלים), טענו שהבעיה היהודית תפטר על ידי ה־„פ.פ.ס." כשיגיעו לשלטון. אבל המציאות הוכיחה שה־„פ.פ.ס." והרוב שלה בשלטון לא הצליחה לפתור את הבעיות היהודיות, וגם הזרם המתבולל לא הפך את היהודים ליותר פטר־יוטים בעיני השלטון הפולני, כפי שקיוו.

כשהתקיים בשנת 1921 מיפקד האוכלוסיה, ניהלו יהודי דומברובה פעולת הבהרה אצל התושבים הי־הודיים שיבינו את חשיבות הענין וירשמו בשאלון, בסעיף „דת": „יהודית", וגם בסעיף לאום: „יהודי"; ולא כרצון המנגנון הממשלתי וחלק מהיהודים ה„פט־ריוטיים", שבסעיף לאום יירשם: „פולני".

התוצאות של הספירה הכללית בפולין הראו ש־מספר היהודים לפי הלאום מגיע רק ל־7.8% ולפי הדת ל־10.5%. אנו מאמינים שיהודי דומברובה ברובם ה־מכריע פעלו לפי ההוראות של השליחים הציוניים שביקרו בכל בית יהודי.

פעילות קהילתית

עם תקומת פולין העממית הונהג בחיים החוק של הקהילות היהודיות. אבל החוק לא סיפק רצונם של המנהיגים הציוניים. הקהילה קיבלה יותר אופי דתי ופחות לאומי. תפקידה וסמכותה היו מוגבלים. את הנשים סילקו מחיי הקהילה. לא קיבלו זכות בחירה. שיטת הבחירות לא היה מספיק דמוקרטית.

אולם עם כל חסרונותיו היה לחוק הקהילות היהו־דיות ערך רב. המאבק של הציונים בקהילות לא היה דומה למלחמתו של ה„בונד", שראה זאת מתפקידו להחריב את הבנין הדתי־לאומי. הציונים ראו מתפקידם לבנות ולהרחיב את הבנין הלאומי ולפתח את תרבותנו הלאומית. אולם לציונים בקהילת דומברובה היו מת־נגדים חזקים בין הרוב אשר התרכז סביב ה„אגודה", ולא היו מעונינים לתת לצרכים לאומיים להתרחב. בכל זאת, אחרי וויכוחים סוערים, הצליחו להעביר קיצבה קטנה בשביל הקרן הקימת לישראל. היו תכופות וויכוחים סוערים עם ה„אגודה" והנציגים של ה„בונד", אולם התוצאות ידועות: הקהילה בדומברובה לא הצליחה ליצור ולהרחיב את החינוך וחיי התרבות, אלא החזיקה עצמה בדרך כלל בתפקידיה הדתיים הצרים.

הנציגים הציוניים בקהילה היו בתקופות שונות: דוד־יוסף גרינבוים, משה מיטלמן, ברנרד רכניץ, מרדכי גוטליב, ליפקה פוטרקי, אברהם ניפלד, אליעזר רכניץ, ר' חנוך־גרשון שפילברג ז"ל ואחרים.

הפעולות למען קרנות הלאום

בחיים היומיומיים נתנו יהודי דומברובה את הביטוי

לשייכותם למחנה הציוני, בתרומות לקרנות הלאום: הקרן הקיימת לישראל וקרן היסוד.

גם כאן היינו זקוקים לקבוצות פעילים שיעשו את העבודה היום־יומית האפורה ופעולות הסברה, ועידות מחוזיות ופגישות, וכן הוצאת שנתון מוקדש לפעולות הקק״ל. בשטח זה מצאנו את עזרתן המלאה של הסתדרויות הנוער הציוניות, שהיו מיוצגות בועדה מיוחדת לקרנות הלאום: השומר הצעיר, גורדוניה, פועלי ציון, ציונים כלליים, הרצליה, והחלוץ. אנו מוצאים גלריה של עסקנים מקומיים, אשר הקדישו את מיטב שנותיהם למען קרנות הלאום, אנשים שרשמו לעצמם דף זהב בפעילותם ההתנדבותית.

מעשה שני כך היה: בשנות השלושים, בעת המהפכה קמה אופוזיציה שטענה: מה נגיד לנוער המהפכני, הרי לציונים כלליים דמינו, היה לא יהיה. האופוזיציה, ושוב עם נוח בראש, החליטה לגנוב את החותמת עם רשימת החברים. אמרו ועשו. נכנסו לחדר הורי, ביקשו מפתח מהמגרה והעבירו אליהם את כל המפלגה והנוער. קמה מהומה במחנה — מה נעשה בלי חותמת? סוף העולם! נסעה משלחת לראיאן־קאמיטעט, ועד המחוז ואח״כ למרכז, ושם אמרו לנו: אל דאגה, בין כך משנים את שם התנועה ותקבלו חותמת חדשה. והחותמת ירדה למצולות ועד היום היא איננה...

כותב השורות האלו גויס בשנת 1932 מהסניף למרכז „פרייהייט״ בורשה לעבודה משרדית. אחרי הועידה הראשונה עבר להכשרה בקבוץ „שחריה״ ברנוביץ, לשם הדרכה ואירגון סניפים במחוזות וולין ופוליסיה. אחרי שורה של מושבות קיץ עבור התנועה בצ׳כיה עלה ארצה בראשית 1934 והתישב ברמת־רחל עד סוף מל־חמת השחרור. לדומברובה חזרתי אחר החורבן בשלי־חות התנועה בארץ.

יהודית מלאך־פדר

ז כ ר ו נ ו ת

נדמה שזה היה רק אתמול ובשעה שהמבט מופנה לאחור, שוב נראית העיר כולה מוארת באישה של ה„הוטה־בנקובה" — להבה אדומה, אשר גיצים וניצו־צות ניתזים ממנה, והופכים ליום את הלילה הדומ־ברובאי. הפועלים חוזרים מעבודתם. ולפתע נדמה כאילו העיר כולה ממהרת לשוב לביתה.

זו היתה צורת החיים אשר אפיינה את דומברובה: עמל, תרבות וחיי חברה מפותחים. וכחלק מאוכלו־סייתה היו בה אף היהודים — רובם ככולם עוסקים בעבודת כפיים, או במסחר. ומפליא הדבר. שכן אותו זמן נוהגים היו היהודים לשבת בחוסר מעש וללמוד תורה, והנה בדומברובה האנשים כולם, ואף האדוקים שבהם, עבדו לקיומם. ועובדה זו לא הפריעה — אף כמלוא הנימה — לחיי התרבות, החברה והידידות שפרחו בעיר.

מדי בוקר בבוקרו ניתן היה לראות עשרות יהו־דים מתפללים בבית הכנסת, ומיד אחר־כך יוצאים לעבודתם היומית. ואילו לאחר תפילת „מעריב" היו מתאספים, לומדים תורה, ומתווכחים בהתלהבותם על נושאים מהגמרא. ואין אדם שראה תמונה זו, ויכול להשכיחה מזכרונו — דמויות היושבות ליד השולחן, לומדות בדבקות, ובין בעיות התורה, מתווכחות על בעיות שבין אדם לחברו. כל בעיות החברה נפתרות היו מתוך אהבה ויחס של כבוד לנצרך. שכן חולה, וכסף אין לו כדי לשלם לרופא? מיד מתנדבים יהו־דים מספר לדאוג לבעיה. צריך להשאר ליד חולה בלילה? מיד נפתרת הבעיה. וכל זה בלא לעשות פירסום לענין, בלא רעש, בצניעות מרובה. האהבה וההבנה בין איש לרעהו לא יתוארו במילים, וכל העזרה הרבה נעשית מתוך תחושה של חובה נעלה. מבלי שאיש יבחין בכך היו נאספים מדי שבת מצרכי אוכל וחלות למען הרש והאביון. בלי בנק, בלי חתימה וערבות היו הנזקקים מקבלים הלוואות ממוסדות הצדקה והעזרה ההדית. מאות יתומים, חולים ועניים היו מקבלים סעד ותמיכה בלב אוהב, ובצורה עדי־נה ונאה. ולפרקים עולה רצון להשוות את מוסדות העזרה הסוציאלית של היום עם אותן תריסר נשים שהיו אוספות חלות לשבת. את „משרד הסעד" על כל אלפי פקידיו וניירותיו — עם קופות ההלוואה שנוצ־רו ספונטנית. את הפירסומת, והזילזול בנצרך של היום, עם האהבה, והעדינות והכבוד. ומשום השוואה זו, מתקבלת המסקנה ההכרחית והמובנת מאליה: אין דומברובה נופלת, ובוודאי אפילו עולה על ערים רבות של היום.

הלל ברט

ז כ ר ו נ ו ת

בבואי לכתוב את תולדות משפחתנו, רוצה אני לציין שאת צד אבי אין באפשרותי לזכור. אמנם נושא אני את שם סבי ברוך־הלל, אך כל הידוע לי הוא שהתגורר בקרימולוב שעל יד זבירטשה, ושם גם נולד אבי יוסף ז״ל.

סבי מצד אמי אסתר־חיה, היה ר׳ לייזר וולברומסקי, מוצאו מקשוינז. בשנים הראשונות אחרי נשואיו עם סבתי הינדה־רחל עבר לדומברובה, וכאן עסק במסחר כרוב היהודים בימים ההם. איש מכובד היה, בעל הדרת פנים וקפדן. למדן גדול היה ולעיתים אפשר היה לפגוש אצלו יהודים לומדים באותיות הקטנות, כפי שמקובל לקרוא ללומדי משניות או גמרא. חמישה ילדים נולדו להם בעירנו ואמי היתה הרביעית ביניהם. בשנת 1912 עזבו שלושה מבני סבי: דוד, שלום ושרה את פולין ונסעו לארצות הברית. הסב נסע אחריהם, שכן חפץ היה להיווכח במו עיניו אם אפשרי הדבר בשביל יהודי השומר מצוות באופן קפדני לחיות שם. אולם לאכזבתו נוכח עד מהרה שהרבה מבני אחינו מחללים את השבת, וגמר אומר לשבת בדומברובה, בין יהודי עירנו, במקום בו לא היה חילול השבת בנמצא.

הורי גרו ברחוב קוליובה 22. פרנסתם היתה מחנות מכולת ממנה פירנסו גם את ששת הילדים שנולדו במשך הזמן. קשה היתה הפרנסה במקום, היות ובת־חילה היינו המשפחה היהודית היחידה בכל הרחוב, אולם מאוחר יותר נוסף עוד יהודי, סנדלר במקצועו, וולול רוזנברג. המסחר במכולת היה ברובו בהקפה, רושמים היו בפנקס ובסוף החודש היו צריכים לשלם, אך למרבה הצער רבים היו הגויים שלא שלמו. זכו־רים לי מקרים שכאשר אבא הלך לתבוע מהם את החוב המגיע לו, איימו עליו בחבלה גופנית ואף יותר מזה. מאוחר יותר השתפר המצב והוקל כאשר היל־דים גדלו. אחי דוד ואני התחלנו לעבוד בבית החרושת של האחים קליין, שהיו קרובים שלנו: הסב ר׳ לייזר ואביהם של האחים קליין ר׳ יצחק היו בני דודים. אני למדתי מסגרות ואחי דוד עבד במשרד ולמד הנ־הלת חשבונות, שכרנו עזר בהרבה לפרנסת המשפחה. ששה היינו בבית, ארבעה אחים ושתי אחיות: אני הלל הבכור ואחרי דוד, סלקה, ינקה (יונה), ליאון ואיצק. למדתי בחדר אצל הרשל קשוינזר ולאחר מכן אצל יחיאל אמסטבר. בגיל שבע התחלתי את לי־מודי בבית הספר העממי, וכשסיימתי אותו החילותי ללמוד מסגרות אצל האחים קליין. חינוך דומה לחי־נוכי קבלו אחי דוד ושאר ילדי המשפחה. לאחר גמר בית הספר העממי עזרו אחיותי לאמא, והאחים ליאון ואיצק הלכו לעבוד וללמוד מקצוע אצל האחים קליין. בעת שאחי החלו לעבוד במפעל כבר היה קיים קיבוץ ההכשרה ע״ש „בורוכוב״ בעירנו, וכמעט כל חברי הקיבוץ עבדו אצל האחים קליין.

בשנת 1933 יצאתי לקבוץ הכשרה בלודז׳. באותו זמן נישאה אחותי סלקה לקלמן בייטנר ועברו לגור במודז׳יוב שעל־יד סוסנוביץ, שם נולדו להם במשך השנים עד תחילת המלחמה שלושה ילדים.

בשנת 1935, אחרי שחזרתי מההכשרה, עליתי אר־צה יחד עם אהובת נעורי איידל יזרעאלי, והתיישבתי בפתח־תקווה, מקום בו אני גר עד היום. מיד לאחר שעליתי לארץ התחתן אחי דוד עם רבקה פרעיזרוביץ (אחות למשה ויצחק). נולד להם בן, אלכסנדר, וכך התנהלו החיים על מי מנוחות עד שפרצה המלחמה.

מיד עם פרוץ המלחמה החלו ההגבלות על היהודים. הורי חיסלו את חנותם והתקיימו מתמיכת הילדים. דוד וליאון המשיכו לעבוד אצל קליין. את חלופי המכתבים עם הבית נהלתי ע״י בן דודי משה דוד בלאט, בנו של נפתלי בלאט, שעבר עם פרוץ המלחמה עם הצבא הפולני להונגריה ומשם ליוגוסלביה. עד אמצע שנת 1941 היה מעביר את מכתבי לפולין. נודע לי שאחי איצק ברח לרוסיה. זכורני שדוד כתב לי באותו זמן שה׳מנים יגידו מי נהג יותר בחכמה, אנחנו שנשארנו פה או איצק שברח לרוסיה. זמן קצר לאחר ששלח מכתב זה הלשין עליו אחד הפולנים המכורים לנאצים, בטענו שאחי נמצא באירגון מחתר־תי הפועל נגד הגרמנים. אנשי הגסטאפו באו ולקחו אותו ויותר לא חזר. כעבור שנה בערך לקחו את אשתו עם בנו אלכסנדר וכך נעלמה המשפחה. דבר דומה קרה להורי שנלקחו באותו זמן לאושויץ.

בשנת 1941 נרצחה אחותי לאחר הלשנה, היות וקנתה לחם בכדי להאכיל את הילדים. הרוצחים ערכו נגדה משפט ולאחר מכן הוציאוה להורג, כך נשארו ינקה וליאון במחנות ריכוז נאציים ואיצק ברוסיה. לאחר המלחמה עלתה אחותי ינקה לארץ והקימה מש־פּחה. ליאון ואיצק נסעו לארצות הברית. איצק נפטר ממחלה ממושכת בחודש סיוון 1965.

אחי ואני חונכנו ב„פרייהייט" ודוד ב„גורדוניה". בתנועתנו היה מאורגן לרוב נוער משכבות עמלים, היות והיינו תנועה ס.ציאליסטית, תנועה שדרשה מהחברים פעילות אקטיבית, תנועה שהיתה בית שני לחבריה. פעם לאחר חגיגות האחד במאי, נעלמו הד־גלים שלנו מהמועדון וגם הארכיון וספר הפרוטוקולים. חשדנו בקומ.ניסטים היהודיים, כי באותו זמן הם היו פעילים בין תנועות הנוער כדי להוציא חברים מהת־נועות אליהם השתייכו. הוחלט שאחד מחברינו יכנס למפלגה הקומוניסטית ובדרך זו יגלה אם משהו מחברינו נמצא בתוכם. הצלחנו בזה וכך הפסקנו את פעילותם בתוכנו, כן גם מצאנו את כל הגניבה, חוץ מהדגלים שהשתמשו בהם לצרכיהם.

חינכנו את הצעיר לשמור על הכבוד היהודי; היו מקרים והאנטישמים מיסודם של האנדקים התכוונו לערוך פרעות ביהודי העיר, והסטודנטים מבית הספר „גורניצ'ה" צריכים היו להיות בראש הפורעים; כל הארגונים היהודיים עשו יד אחת וכך הגנו על הרובעים היהודיים ובמקרים מסויימים אף למדו את הגויים לקח.

זאַנוול פיש (פּאַריז)

יוגנטלעכע „קולטור־גרופּע"

די שטאָט דאָמבראָווע איז אַ טייל פון דעם זאַג־לעמביער אינדוסטריע־צענטער. אין איר ראַיאָן פאַר־מאָגט זי די גרעסטע צאָל קוילן־גרובן, און צוזאַמען מיט דער באַקאַנטער אייזן הוטע — „הוטאַ באַנקאָוואַ" פאַרמירט זיך אַן אַרבעטער געגנט מיט אַן אַנטוויקלטן פּראָלעטאַריאַט, וואָס האָט מער ווי איינמאָל אָנגע־וואָרפן אַ פּחד אויף די באַזיצנדע בעלי־בתים, און אויף דער אַנדערער זייט אַרויסגערופן באַוווּנדערונג, צוליב איר רעוואָלוציאָנערער איינשטעלונג.

די יידן אין דאָמבראָווע זענען אין פאַרהעלטעניס צו דער קריסטלעכער באַפעלקערונג, געווען אין אַ גרויסער מינדערהייט. די קריסטלעכע מערהייט איז באַשטאַנען פון: אַרבעטער, באַאַמטע, האַנטווערקער און קליינע סוחרים.

די יידן האָבן רעלאַטיוו געלעבט בשלום מיט די קריסטלעכע שכנים. צו עקסצעסן, אָדער פּרוּוון פון פּאָגראָמען, איז נישט דערגאַנגען. דאָך האָט זיך גע־פילט אַ מחיצה צווישן יידן און קריסטן. די יידן זענען געווען, ווי אַרויסגעשטויסן, איזאָלירט פון דער קריסטלעכער געזעלשאַפט. טראָץ דער שטאַרק אַנט־וויקלטער סינדיקאַלער באַוועגונג מיט דער ריזן־געביידע פון „דאָם־לודאָווי", אָנגעפּירט פון דער פּ. פּ. ס., האָבן די יידישע אַרבעטער זיך גרופּירט אין די אייגענע פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען, אָדער אָרגאַניזאַציעס. למען האמת מוז אויך געזאָגט ווערן, אַז די יידן האָבן קיינמאָל נישט געפּרוּווט זיך צו דערנענטערן צו דער קריסטלעכער געזעלשאַפט. אַזוי אַרום איז קינסטלעך אויפגעהאַלטן געוואָרן אַן איינ־שטעלונג, וואָס איז געווען אויף דער האַנט פון דער פּוילישער אַנטיסעמיטישער רעאַקציע מיטן דעוויז: „צעטייל און הערש".

די יידישע יוגנט, וואָס איז אונטערגעוואַקסן נאָך פּוילנס „ווידערגעבורט" און אומאָפּהענגיקייט, טראָץ־דעם, וואָס אַ טייל פון אונדז האָט באַזוכט, אָדער געלערנט אין אַ פּוילישער מיטל־שול, איז דער צו־טריט צו דער פּוילישער געזעלשאַפט, אָדער צו איר קולטור, פאַר אונדז געווען „פרעמד" און ווי פאַר־באָטן. אַ טייל פון דער יידישער יוגנט, האָט געפונען איר פאַרפולקאָמונג אין ספּאָרט, אַנדערע האָבן „גע־פּוסט און פּאַסעוועט". געווען יוגנטלעכע, וואָס האָבן געדורשט נאָך ווילן און געזוכט אַן ענטפער אויף פאַרשידענע פּראָבלעמען. אָבער, ווי אַזוי עס דער־גרייכן? מ'האָט זיך געטראָפן ביים טוישן אַ בוך אין דער איינציקער יידישער ביבליאָטעק אויף דער 3טער מאַי־גאַס האָבן זיך באַגעגנט יוגנטלעכע און פאַרפירט אַ חברישן שמועס, אָדער אויף אַ שפּאַציר אין אָוונט



פעילי תרבות בתוך החברה היהודית הדומברובאית
אַ גרופּע קולטור־טרעגער אין דאָמבראָווע

אויפן שאַסיי. אין די זומער חדשים — אויף אַ טרעפן זיך אינעם פּייכטן וואַלד אויף די „זשעלאַנעס". אַזוי אַרום איז אַרויפגעשוווּמען דער געדאַנק, מיר זאָלן זיך נענטער גרופּירן.

אויף דער איניציאַטיוו פון די חברים: דוד קאַזשוך, ישראל קליינמאַן, אברהם שווימער א. א. איז אָפּיציעל געגרינדעט געוואָרן די „קולטור־גרופּע".

צוליב לעגאַלע טעמים, איז עס געווען אַ לויזע גרופּע אָן סטאַטוטן, אָן רעגולאַמען. צו דער גרופּע האָבן געהערט יוגנטלעכע מיט פאַרשידענע פּאָלי־טישע איינשטעלונגען. כדי אָפּצוהאַלטן די גאַנצקייט פון דער גרופּע, איז פאַר יעדן פון אונדז געווען אַ הייליקער חוב אויסצומיידן יעדן פּאָליטישן צוזאַמענ־שטויס — יעדע שאַרפע דיסקוסיע אינערהאַלב דער גרופּע, אַלס גאַנצע.

ביי די שווערע מאַטעריעלע באַדינגונגען, אין וועלכע מיר האָבן דעמאָלס געלעבט (דער גרעסטער טייל פון אונדז האָט קוים אָנגעהויבן פאַרדינען אויף חיונה), האָבן מיר נישט פאַרפעלט קיין איינציקע קולטורעלע אונטערנעמונג. עס דערמאָנען זיך מיר די קאָלעקטיווע באַזוכן, וואָס מיר האָבן געמאַכט אין בענדין אויף די רעפעראַטן פון ד"ר יוסף קרוק.

1. „היינריך היינע און פערדינאַנד לעסאַל";
2. „ראָמען ראָלאַן — דער גאון פון אייראָפּע";
3. די פרץ אַקאַדעמיע — רעפערנט: נחמן מייזל.

דער פּרעכטיקער רעפעראַט פון פרץ מאַרקיש, פאַר זיין אָפּפאָר אין ראַטנפאַרבאַנד; די לעבהאַפטע דיסקוסיעס, וואָס האָבן זיך פאַרצויגן ביזן שפּעטן אָוונט איבער „מאָטקע גנב" פון שלום אש: מאָטקע גייט אַרויס אַ „פרייער" אין געריכטלעכע פאַרהאַנד־לונגען. אויך וועגן „טוביה דער מילכיקער" און „דאָס גרויסע געווינס" פון שלום עליכם.

דער הערלעכער פּורים־אָוונט, וואָס איז פּרעכטיק איינגעאָרדנט געוואָרן דורכן אַקטיוו פון דער גרופּע, און האָט צוגעצויגן אַ גרעסערע צאָל איינגעלאַדענע געסט. דער גוט צוגעפּאַסטער פּראָגראַם פון: ליד, רעציטאַציע, געזאַנג, פידל אינטערפּרעטאַציע פון חבר מעכל קירשנבוים, די לעבעדיקע הומאָריסטישע צייט־טונג, און ספּעציעל דער טאַנץ — אויסגעפירט פון יוגנטלעכע פון „השומר הצעיר", וואָס איז היינט דער וועלט־באַקאַנטער „הבא נגילה", האָט איבערגעלאָזט ביי אַלע אָנוועזנדע אַ זייער גוטן איינדרוק.

מיר, דעמאָלס יוגנטלעכע, האָבן געפילט די נויט־ווענדיקייט, זיך נענטער באַקענען מיט עברית, צו קענען זיין שפּעטער אַ גוטער יידישיסט, האָבן פאַר־שטאַנען, אַז מ'דאַרף קענען העברעאיש. (דאָס ביסל יידיש, וואָס מיר האָבן געלערנט ביי משה „קאָפ" אין חדר, אָדער ביי אַנדערע מלמדים, האָט נישט גענוגט צו פאַרשטיין אַ גוט בוך). מיר האָבן זיך געוואָנדן צום באַקאַנטן העברעיסט און דעמאָלסדיקער סעקרע־טאַר פון דער יידישער קהילה: יענקל שליווקע. אונ־טער זיין אָנפירונג, האָבן זיך קאָמוניסטישע סימפּאַ־

טיקער צענויפגעמישט מיט ציוניסטן און צוזאַמען צוויי מאָל אין וואָך, געלערנט העברעאישע גראַמאַטיק און שפעטער — לייכטע קאָנווערסאַציע. ס׳דערמאַנט זיך דער שיינער שיר פון ח. נ. ביאליק „אם יש את נפשך לדעת״, וואָס מיר האָבן אויסגעלערנט פון אויסנווייניק.

חברים האָבן אין דער שטיל אָנגעשריבן — ווער אַ ליד, ווער אַ נאָוועלע, אַ קליינע דערציילונג, אָדער אַ קריטישע אָפּהאַנדלונג איבער אַ נאָר וואָס געלייענט בוך, אָן דער קלענסטער האָפענונג, אַז עס וועט אַמאָל ווערן פאַרעפנטלעכט.

און דער נס איז געשען ...

אונדזער אומדערמידלעכער חבר דוד קאָזשוך האָט דאָס אַלץ צענויפגעזאַמלט, קלאַסירט, קאָרעגירט און מיט אַ ספּעציעלער האַנטשריפט (האַלב דרוק — האַלב שריפט) דעם מאַטעריאַל געגעבן אַ קיום אין אַ בוך־פאָרם מיט אַ שיין עסטעטישן שער־בלאַט, אונטערן נאָמען „באַגינען״. דאָס שיין־געבונדענע בוך האָט צירקולירט פון איין חבר צום אַנדערן. נאָכן אויפלייזן זיך פון דער גרופּע, האָבן מיר עס צוריק געשאָנקען דעם חבר דוד, אלס מתנה.

מיר האָבן פאַרשטאַנען, אַז כדי אויפצוהאַלטן אַ געזונטן גייסט, דאַרף מען אויך שטאַרקן דעם קערפּער. מיר, אַ גרופּע חברים, זענען אַוועק קיין בענדין און זיך איינגעשריבן אין ספּאָרט־פאַראיין „הכוח״. נאָך אַ טאָג שווערער אַרבעט, זענען מיר צוויי מאָל אין דער וואָך געגאַנגען צופוס קיין בענדין. (נישט תמיד האָט געסטייעט אויף באַן־בילעטן), ווו מיר האָבן אויסגעפּירט ספּאָרט־איבונגען און אַביסל אַנטוויקלט אונדזערע מוסקולן. אונדזער ענטוזיאַזם אויף פאַר פיזישע קולטור, האָט באַזיגט אַלע מניעות.

✶

די יידישע באַפעלקערונג אין דאָמבראָווע איז געווען אַ קליינע און די ביבליאָטעק — שוואַך פאַרזען מיט ביכער. היות ס׳איז שווער געווען אַליין זיך איינצושאַפן אַ ניי בוך, איז אָנגענומען געוואָרן מיט ענטוזיאַזם דער פאָרשלאַג, אַז יעדער מיטגליד פון דער גרופּע זאָל וועכנטלעך אַריינטראָגן 1 זלאָטע אין דער אַלגעמיינער קאַסע. ווי נאָר ס׳האָבן זיך אָנגעזאַמלט אַ פּאָר צענדליק זלאָטעס, האָבן מיר אויסגעשריבן פון וואַרשע די נייעסטע דערשינענע אויסגאַבעס. די ביכער האָבן נאָכן איבערלייענען צירקולירט פון איין חבר צום אַנדערן; דאָס האָט אונדז געגעבן די מעגלעכקייט, זיך צו באַקענען מיט די נייעסטע און מאָדערנע שאַפונגען פון יידישע און נישט יידישע שרייבער.



נוער יהודי בעיר לומד את השפה „אספרנטו״

דאָמבראָווער יוגנט לערנט עספעראַנטאָ

מיט דער צייט האָבן מיר אָנגעהויבן טראַכטן תכלית... דער שווערער עקאָנאָמישער קריזיס, וואָס האָט דעמאָלט געבושעוועט אין פוילן, האָט זיך שאַרף אויסגעווירקט אויפן אַרבעטער און מיטלקלאַס, און ספּעציעל געדריקט דעם יידישן האַנטווערקער און קליין־הענדלער. פון דער אַנדערער זייט — האָט די מיליטערישע קאַטאַרגע, וואָס האָט אויף אונדז געוואַרט, נישט אַרויסגערופן קיין גרויסן ענטוזיאַזם ביי אונדז, קאַנדידאַטן אויף מיליטער־דינסט. מיר האָבן זיך גענומען גרייטן אין וועג אַריין. אַ טייל חברים זענען אָפּגעפאָרן קיין פראַנקרייך, אַנדערע קיין בעל־גיע, אַ דריטע גרופּע — קיין ישראל. אין טראַנס פון דער אַרבעט האָבן מיר גאָרנישט געטראַכט צוזוציען נייע יונגע כוחות צו דער גרופּע, כדי ווייטער אויפ־צוהאַלטן איר קיום. די גרופּע האָט, נאָך אַ פיר־יאָריקע עקזיסטענץ, זיך אַליין אויפגעלייזט. די ביכער זענען פאַרטיילט געוואָרן צווישן אירע מיטגלידער. דערמיט האָט זיך געענדיקט אַ שיין בלעטל געשיכטע אין דער יידישער קולטור־טעטיקייט פון אונדזער שטאָט דאָמבראָווע, וואָס האָט אונדז, הגם אויטאָדי־דאַקטן, דערמעגלעכט זיך דערהויבן אין ווייטערדיקן עמיגראַנטן־לעבן, אָננעמען פאַראַנטוואָרטלעכע פּאָזי־ציעס אין קולטורעלן, געזעלשאַפטלעכן און פּאָליטישן לעבן אין די נייע אויסגעקליבענע היימען.

בַּרְקַאי רבקה

בית למקוביץ

שכני מאותו הבית שבו גרתי היו מאד חביבים עלי. משחר נעורי הייתי נכנסת אליהם. אמנם הייתי קצת יותר מבוגרת מן הבנים והבנות של המשפחה אך בכל זאת מצאתי תמיד ענין לשוחח אתם או אפילו לשחק, או סתם לספר סיפורים או להחליף ספרים ביני ובין הבכורה בלומה ז״ל.

אבי המשפחה, ר׳ אהרון למקוביץ ז״ל, בן אדם גבה קומה, גופו עגלגל קצת וראשו קרח, היה סוחר מכובד ובעל חנות בדים עשירה. אשתו שפרינצעלע ז״ל שומרת מצוות, בעלת בית למופת. שניהם היו אנשים ישרים ולא היססו אף פעם לעזור לזולת. זכורני כיצד מהעיר הסמוכה בנדין היו מגיעים לעירנו פושטי יד כמעט יום יום, ואם נכנסו למשפחת למקוביץ לא יצאו בידים רי־קות, קיבלו אוכל, כסף ואפילו בגדים.

ר׳ אהרון יוצא בנדין, היה ממשפחה עשירה ומכו־בדת, היה חבר מוסדות צדקה שבעירנו, כגון: „לינת־החולים״, „גמילות־חסדים״, „הכנסת כלה״ ועוד. היה אוסף תרומות בין אמידי העיר למען הנצרכים. בתור חבר ועד „לינת החולים״ היה בתפקידו לחלק פתקים המאפשרים לחולים מעוטי יכולת לקבל ע־רה רפואית חנם אין כסף, תרופות לפי פקודת הרופאים וגם מכ־שירים. ר׳ אהרון היה גם גבאי בבית הכנסת, קולו הנעים ושיריו או מנגינותיו החסידיים ערבו לאוזני שומעיו.

אני נזכרת כיצד היה נעים לשמוע את השירים שבק־עו מדירתו בליווי שני בניו הנמצאים כאן בארץ. כל המשפחה היתה מסובה ליד שולחן ערוך בכל טוב, מב־היק מלובן מפה ונוצץ מברק הפמוטים וכלי הכסף המצוחצחים. אהבתי לשמוע את המקהלה הזו, היה זה לרוב בערבי שבתות או חגים. בחג הסוכות נהגנו אפילו לשבת בסוכתו של ר׳ חיים־לייב אינגסטר בביתו הסמוך אלינו. זאת היתה חויה בלתי נשכחת של שבת אחים יחד, אוכלים ממאכלים מסורתיים ושרים שירים לאין ספור, ביחוד בליל ה„אושפיזין״, היתה אז התחרות בין המסובים בסיפורים, ואנו הבנות הקטנות התרוצצנו מבית לבית בהגשת האוכל הטעים.

למשפחת למקוביץ היו עוד שלוש בנות, יפות מראה ואצילות נפש, שקיבלו את סגולותיהן מההורים. בלומה ז״ל, תמירה ודקת גיזרה, בת מסורה להוריה, דאגה תמיד למשק הבית וטיפלה באחיותיה הצעירות צילה ולאה. כשעזבתי את העיר בדרכי לארץ ישראל הן היו עוד קטנות ומאז לא ראיתי אותן, המלחמה האכזרית שפקדה את העולם ניתקה כל קשר בינינו

באותו הבית התגוררו זוג זקנים, היו אלו הורי הגב׳ למקוביץ ז״ל. הם היו בעלי חנות מכולת ותמיד הת־פלאתי מהנקיון שבדירתם ובחנותם, הם יכלו לשמש דוגמא ליותר צעירים למרות ששניהם היו כבר בגיל מבוגר מאד, מעל לשבעים שנה.

ברוך שמחוני

ה ע י י ר ה

חן המקום על יושביו...
חן הזמן על השרויים בו...

מקום ובזמן

ל. א. שטינמן

מפי סבא, שהיה מראשוני המתישבים בעירנו, שמענו לראשונה את קורות התפתחותה של עיירת מולדתנו, מעת היותה ישוב כפרי עד הגיעה לשלב של ישוב עירוני במאה הקודמת.

אבא הוסיף לספר על שנות גדולו וחנוכו במקום, וגם אמא שהגיעה מעיר קרובה הוסיפה מהתרשמותה וערכה השוואות לאור בקוריה הקודמים בערים אחרות.

אנו, בני הדור השלישי, ילידי המקום היינו. התרשמותנו מהעולם סביבנו החלה אחרי מלחמת העולם הראשונה.

לעיירת מולדתנו בקצה המערבי־דרומי של פולין לא היתה משמעות היסטורית, לא אתרים עתיקים ואף לא גגות מכוסי אזוב האופייניים להרבה עיירות יהודיות. אף על פי כן דרכה כף רגלינו על קרקע שמתחתה נשמר אוצר יקר ושחור מימי בראשית.

תחילה התישבו היהודים בחלק הדרומי של העיר, שעם התישנותה נקרא אחר כך „העיר העתיקה". אופייני למקום זה כי השוכנים בו שארי בשר היו, קרובי משפחה בינם לבין עצמם. בימי „תחום המושב", כאשר נאסרה על היהודים הישיבה בכפרים, התישבו ברחוב המערבי הקיצוני ביותר של העיירה בשם מיאיסקה (עירוני), שנתכס ברובו הגדול על ידי יהודים בלבד. בית הכנסת הוקם בתווך ברחוב זה. פני בית הכנסת פונים מזרחה. באמצע החזית מותקן היה חלון גדול, מורכב מזכוכית צבעונית, שהפיץ זוהר לעבר הצעירים בני המתישבים הראשונים, שעזבו את „התחום" בימים ההם והתישבו ברשות עצמם ברחוב אולמן.

במקביל לרחוב זה, על הגבעה, נמתח רחוב דומברובסקי הגובל עם „העיר העתיקה". ביחס לשם היתה „פלוגתא": היו שאמרו כי הוא נקרא על שם גנרל מימי נפליאון, והיו שיחסו את השם דווקא לסופרת הפולניה מריה דומברובסקי, מחברת הספר „בת הצחוק של הילדות". ואמנם חדוות נעורים היתה ברחוב הזה לנערים היהודים וה„שקצים" גם יחד.

ששה רחובות תחילתם היתה ברחוב הזה וכולם יורדים תלולים בקו ישר, חוצים את אולמן ומגיעים לרחוב השאסעי (שפרושו כביש: הכונה לסוביסקי). כל ששת הרחובות תלולים היו ועל כן שמשו לתחרויות ריצה בקיץ ולגלישה במזחלות בחורף על הקרח. הפחד מפני כלי רכב ממוכנים טרם היה קיים. כל הרחובות האלה הובילו עד לחומת מפעלי היציקה והיו להם שמות הקשורים למפעל, לפני שנקבעו שמות לאומיים. למשל: רחוב החרושת, רחוב הצרפתים (בו שכנו המומחים מחו"ל), רחוב המועדון (בו היה קיים מועדון לקבל פני משלחות מסחריות) והקיצוני — רחוב קוליובה (רחוב הרכבת). רחוב השסאעי הפך בשנים הבאות לרחוב הראשי ובו נמתח קו תחבורה (נוסף לרכבת) — החשמלית המקשרת את שלזיה העילית.

לחלק הצפוני של העיר לא היתה אפשרות להתרחב, כי מפעלי היציקה הקימו חומה גבוהה שהפרידה בין התושבים והמפעל אשר מעבר לחומה. ואליו ניתן היה להגיע רק בדרך ארוכה ומקפת. לכן היה החלק הצפוני של העיר צפון. ובכדי להגיע אליו היה צורך לעבור את הגשר שהתנשא לגובה, ומתחתיו הסתעפה רשת של פסי רכבת להובלת משא ונוסעים. מעברו השני של הגשר נמצא עמק „דמבניק"; ישבו שם מעט יהודים ובכל זאת קיימו מוסדות חיוניים עצמאיים: מקוה ובית תפילה. זאת עשו כדי לא לכתת את רגליהם ולעבור את הגשר ולפנות דרומה ומערבה המרוחקים מהם ולהפר על ידי כך מצות שבת ומנוחה. יושבי הדרום והמערב שעשו בכל זאת את הקפנדריה הזו לצפון דרך „דמבניק" ראו על שכרם: נתגלתה להם מעין „שמורת טבע" שעוד נותרה לפליטה, חורשת יער ולידה נהר ה„פשמשה" שזורם לעבר העיר היהודית הקרובה דרך מעונות עובדי־המכרה „קושלוב". מדרום מזרח הובילה הדרך אל עמק אחר שנקרא „זגוזה" כשם המכרה שבו, והלאה מזה הובילה הדרך לחוף רחצה בעיירה דאינדובקה (היה זה מעבר לגבול, בממלכתו של פרנץ יוזף).

הקולוניה „רדן" (שנקראה ע"ש המכרה) התפתחה בנפרד והחלק שבו נמצא בית היציקה נקרא „הוטה".

עד היום כשנפגשים שני בני אדם המכירים זה את זה, שאלתם הראשונה היא: האם אתה תושב „הוטה" או תושב „רדן"? ההפרדה נוצרה על ידי פסי רכבת המשא שהובילה מטענים בין המכרה ובית היציקה. חלק מה־חומרים הועברו על ידי קרוניות כבל באויר. במידת מה גרמה לכך גם הכנסיה הנוצרית שהוקמה בין שני חלקי העיר. המחיצה נפלה לראשונה על ידי הקמת בית הספר העברי שהיה משותף לתלמידי כל חלקי העיר, ואחר כך על ידי תנועות הנוער אשר איחדו את שני חלקיה.

התפתחותה של העיר וניצול האוצרות הטמונים במעמקים החלו ביעילות בהשתתפותם של משקיעים ומומחים מחו"ל, אשר הגבירו את הפעלתם של המכרות ובתי היציקה, זאת עקב המצאת מכונת הקיטור, יציקה המונית של מסילות ברזל, הסתעפות תנועות הרכבות והגברת השימוש בפחם. כל זה הביא לזרימה המונית של פועלים לעבודה במפעלים, ובד בבד גברה גם זרי־מתם של יהודים מהכפרים והעיירות שבסביבה ואף ממרחקים, כדי לספק את צרכיהם של העובדים במכרות ובבתי היציקה. כאן, כבכל מקום, עיקר תפקידם של היהודים היה במסחר ובמלאכה.

היהודים היו מיבאים תוצרת חקלאית ומוצרים אחרים ממקום מוצאם הקודם כדי למכרם לתושבי עיר המיכרות והברזל, שבה התנובה דלה. אך גם בעלי מלאכה מצאו את פרנסתם בעיר המתארגנת והמתפתחת.

דמויות

כאשר התבססו ומספרם גדל החלו היהודים להתפרנס ולפרנס אלה את אלה, והקשישים, מראשוני המתישבים „בתחום המושב", התפנו לעסוקם כפרנסי הקהל היהודי: אנו מוצאים את ר' זישע, הנוטש את מסחרו (עורות) ומקים מקוה כשר, לגברים ונשים, בשטח רחב ופתוח בקצה הדרומי־מערבי של „התחום". במקום הזה יכלו אחינו בני ישראל לשטוף, לטבול ולהיטהר כאות נפשם, כשבידי כל אחד ואחד עביט של עץ לבן. מי המקוה זרמו בתעלות פתוחות למרחקים אל שדה בור, שגידל קוצים בשפע, פרחיו הדקרניים שמשו בתשעה באב לשם זריקתם והדבקתם זוש לזקן רעהו. היה בזה רמז לסבל, אבל בעיקר היה מנהג זה מיום הנחת הדעת מיום צום ארוך וחם בעת ההמתנה לשעת מנחה ומעריב. את עיסוקו הקודם של ר' זישע קבל על עצמו בנו, איטשע מאיר, אשר עזב את „התחום" ועבר מזרחה לרחוב אולמן המתפתח והמשיך במסחר העורות.


בית הכנסת המשופץ לתפארת עם „עזרת נשים" שעליו היו מצוירים שנים עשר המזלות, ובתווך תמונה מצויירת לפרטי פרטים: הפסוק מאחרית הימים וגר זאב עם כבש, ונמר עם גדי ירבץ.

— סבי ר' יצחק־אהרון, מסר את מסחרו — חמאה וגבינות — לבנו הגדול שמחה, שגם הוא עקר מזרחה מחוץ ל„תחום המושב", ופתח חנות ברחוב המפתח. מעתה פוגשים את ר' יצחק־אהרון עם צרור כלי קודש, מחזורים, ותפילין וכיוצא בזה, ותמיד אימרות של בדיחות הדעת בפיו:

„אעסוק בתשמישי קדושה וסידורים ולא אזדקק לקונים יהודים". הכוונה היתה ברורה: תענוג מיוחד היה לו להחליף מזוזתו של אפיקורס, או למכור בימי אלול מחזור לחוזר בתשובה. אימרה מחורזת אחרת, בשטח הפרסומת המסחרית, היתה בפיו של ר' יצחק אהרון: „מזוזות ותפילין מוכר יצחק־אהרון וקרובי יצחק מספק ציגרון".

ר' שמחה, שהיה חסיד נלהב של הרבי מאלכסנדר, רכש מתוך הערכה את ספרו של הרבי: „ישמח ישראל". בספר זה היה ר' שמחה רושם בכתב מסולסל בלשון הקודש את תאריכי הלידה של ילדיו שנשאו שמות לזכרם של הרבנים הנפטרים, למען תגן זכותם על הילדים. לבנו הראשון קרא ברוך, כדי שגם הברכה וגם השמחה תהינה שרויות במעונו. ביום בריתו היה יום הזכרון ((יאר־צייט) המאה של הרבי ברוכל זצ"ל ממוז'בוז, נכדו של הבעש"ט, שבזכות יחוסו של סבו היתה לו השפעה על קהל חסידיו (בחצרו מצא מקום הבדחן הידוע הרשלי מאוסטרופול). לבנו השני קרא ירחמיאל־ישראל. לזכרו של מחבר „ישמח ישראל" — האדמו"ר השני לשושלת בחצר אלכסנדר. לבן זקו־ניו משה (לזכרו של ר' משה כהן) הוסיף שם נוסף: צבי — כשמו של האדמו"ר שמואל־צבי, אחיו של מחבר „ישמח ישראל" אשר ישב אחריו על כס הרבנות באלכסנדר. בימים הבאים, כשגדלו בניו ו„החדרים" כמעט וחוסלו, היה ר' שמחה צריך להחליט על חינוך בניו בין בית ספרם של „אגודת ישראל" מיסודם של חסידי גור לבין בית הספר העברי מיסודו של „מזרחי". בסתר ליבו היה ר' שמחה אוהד לרעיון ארץ־ישראל והיה עליו להחליט בגלוי על שליחת בניו לבית הספר העברי. היות שסביבו היו חוגים עוינים לציון, החליט להוציא מתוך אמתחתו „עילה": ריב ישן שהיה נטוש בין האדמו"ר מאלכסנדר, ירחמיאל־ישראל דנציגר זצ"ל ובין האדמו"ר מגור, אריה־ליב אלטר זצ"ל. לא הועילו

הפצרותיו של אביו יצחק־אהרון שהשתדל למנעו. כשלא עלה בידיו של הסב להוציא את נכדיו מבית הספר העברי ערך להם אחרי שבועות אחדים של לימוד עב־



ר׳ שמחה גורסט

רית מבחן בידיעת הלשון. לשאלה: מה זה „אדם" היתה התשובה מיידית — „איש" אך מילה שלישית שמבטאת אותו מובן לא מצאו. לא ידעו הנערים כי כונתו של זקנם היתה למלה הבלתי שגורה בעברית „אנוש", שהיתה שגורה בפיו של ר׳ יצחק־אהרון מכיוון שהיא מופיעה בספר תהילים שהיה בין המתמידים בו.

„כשלון" זה נתן דחיפה לנכדים להתענין בניר־אנסים השונים של השפה העברית ולעסוק בתחביבים שהגונים השונים ממלאים בם תפקיד. זכה ר׳ שמחה שבנו ובתו יעלו כחלוצים לארץ ישראל גם בנו השני הכשיר את עצמו לעליה. אך לסרטיפיקט לא הגיע ונספה בשואה. מוכן היה להכין לעצמו מקצוע הקשור בבנין, בחשבו כי בלי מקצוע ועבודה פיזית אין מקום בארץ ישראל אך הסרטיפיקט התמהמה והמל־חמה העולמית השניה פרצה.

כשנולד נכדו הראשון יאיר בשנת תש"א, נשלח אליו מארץ ישראל מברק (בזמן מלחמת העולם הש־ניה באמצעות הצלב האדום). וודאי רשם גם אותו בספר בדף הלבן בו רשומים היו ימי הלידה של המש־פחה, ובודאי מצא כי שמו של נכדו כשמו של הרבי הרביעי לפי מנינה של חצר הרבנות באלכסנדר: האד־מו"ר בצלאל־יאיר (בן אחיו של מחבר „ישמח ישראל").

תוך כדי המלחמה עוד קיים ר׳ שמחה את בית התפילה בביתו, לזיכרו של אביו יצחק־אהרון.

מתוך אותו בית התפילה הוצא על ידי השטן הנאצי, בעצם יום הכיפורים בשנת תש"ג לדרכו האחרונה עם שארית משפחתו.

יהודה (לייבטשע) פאַראַסאָל

אין מיין געבוירן־שטאָט דאמבראווא־גורניטשא

ס׳פליסט און עס גייט פאַרביי אַלץ אין אונדזער לעבן, ווערט פאַרוואַנדלט אין שאָטן און פאַרשווינדט אין תהום פון עבר, פאַרגאַנגענהייט. יעדער מענטש, בעיקר אין די לעצטע יאָרן, טראָגט טיף אין זיך אַזאַ מין קליינעם בית־עולם, נישט בלויז פון קרובים און נאָענטע, וועלכע זענען אים געווען ליב, נאָר אויך פון געשעענישן און זאַכן, מיט וועלכע ער איז געווען אין אַ נאָענטן קאָנטאַקט.

אין לויף פון דער צייט ווערט דאָס פאַרגאַנגענע טיילווייז איינגעשלעפערט, טיילמאָל אפילו אויסגעמעקט פון אונדזער זכרון, אָבער עס קומט אַ טאָג ווען פאַרגעסענע געשעענישן טויכן אויף אין אונדזער מוח, מתים גייען דעמאָלט אַרויס פון זייערע קברים, רעדן צו אונדז מיט זייערע פאַרבלאַזטע ליפן...

אַ גוואַלטיקער אומעט באַהערשט דעמאָלט אונדזערע הערצער, מען דערפילט זיך שטאַרק איינזאַם, און עס פייניקט דער געדאַנק, אַז אַלץ איז פאַרביי, און וועט זיך מער נישט צוריקקערן, עס דאַכט זיך אַז אַלץ אין לעבן וואָלטן מיר אַוועקגעגעבן פאַר איין טאָג פון יענעם שיינעם, ליכטיקן יוגנט־לעבן.

אין אַ אומגעהוירער דראַנג דערוועקט זיך אין אונדז צו באַזוכן די ערטער ווו מיר האָבן פאַרבראַכט אונדזער יוגנט, די יונגע זאָרגלאָזע יאָרן!...

איך האָב אין מיין געבוירן שטעטל דאָמבראָווע פאַרברענגט ביזן עלטער פון 20 יאָר פון מיין לעבן, אויך אַ צייט אין קראָקאָ, וואַרשע און שפעטער זיך באַזעצט אין דערבייאיקן בענדין, ווו איך האָב געלעבט ביזן אויסבריך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה און בעת דער צייט אָפט באַזוכט דאָמבראָווע, ווו ס׳האָבן געלעבט מיין פאָטער און מיין נאָענטע פאַמיליע.

נאָכן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, בעת מיינע וואַנדערונגען און פאַרשידענע גלגולים, פלעגט מיך נישט איינמאָל מיין געבוירן־שטעטל לאָקן ווי עפעס אַ ווייט פייערל אין אַ פינצטערער נאַכט — סיי אין די זאַטע צייט, פון מיין פאַרברענגען אין באַראַנאָוויטש, אָדער אין דער ווייטער סיבירער טייגע, ווו כ׳בין פאַרשיקט געוועזן צוזאַמען מיט ווייב און קינד, סיי אויך בעת מיינע שווערע ראַנגעלנישן מיטן טויט — פאַרשמאַכט אין די שווערע טורמע־קאַמערן. נישט איינמאָל האָט מיך דעמאָלט באַהערשט אַ קרענקלעכע וויזיע פון דעם אומברחמנותדיקן: „קיינמאָל". ס׳זענען דאַן פלוצלינג, ווי פון אַ נעפל אַרויסגעשווימען די ריזיקע הויטע־קוימענס, מיט די שוואַרצע פאַרקאָפטשעטע הימלען פון מיין אַזוי ווייט ליגנדיקן געבוירן־שטעטל, מיט אַלע נאָענטע און טייערע, וועלכע איך האָב דאָרט געזעגנט, און וואַרטן אויף מיין צוריקקער... אָן אויפהער!

דעם 15.6.1941 האָט מיין גאָטזעליקער טראַגיש פאַרשניטענער פאָטער, מיר נאָך געשריבן אַ בריוו צו מיר אין דער ווייטער סיבירער טייגע, פון דעם שוין דאַן דורך די היטלעריסטישע באַנדיטן אָקופירטן דאָמבראָווע. צווישן אַנדערע שרייבט ער דאָרט: „...באַקלאָג זיך נישט אויף דיין גורל. ...אויף אונדזער הימל אין אנדזער שטעטל ריקן זיך אָן שווערע שוואַרצע כמאַרעס, און איין גאָט ווייסט מיט וואָס דאָס וועט זיך ענדיקן! ...אין צום סוף, דיר א מ״ל־טוב, מיין ליבער לייבטשע, דיין שוועסטער פייגעלע האָט אַ טאָכטער געבוירן."

איך האָב זיי ליידער נישט מער געזען, אַלע זענען זיי פאַרברענט געוואָרן אין קרעמאַטאָריום אין אַשווענטשים. דאָס אַלץ זענען געווען שווערע איבערלעבונגען, וועלכע נאָגן טאָג און נאַכט, שוואַכן אָפ דעם גוף און דערפירן אָפט צו פאַרצווייפלונג...

איצט נאָך 15 יאָר טראָג איך זיך צו מיין אַלטער היימשטאָט דאָמבראָווע־גור. אין אויטאָבוס זעט מען קיין איין יידיש פנים!...

איינטאָניק קלאַפן די רעדער, און קוקנדיק דורכן פענסטער אויף די פאַרביילויפנדיקע לאַנדשאַפטן זיך איך עפעס אַ זכר פון די אַמאָליקע יאָרן! אָבער אומזיסט! מיינע געדאַנקען לויפן מיט די שנעלקייט פון די טעלעגראַפישע דראָטן, וואָס הויבן זיך און לאָזן זיך אַראָפ, איך טראָג מיך אַריבער אינעם ווייטן עבר, ווען דאָ זענען די אויטאָבוסן געווען איבערפולט מיט יידן. אָט פאָרן מיר איבער דער שטאָט בענדין, איך זיך די אַזוי כאַראַקטעריסטישע יידן מיט די לאַנגע, שוואַרצע קאַפאָטעס, און רונדיקע היטלעך. זיי האָבן

גערוישט, און זיך געאײלט צו זײערע געשעפטן! אויפן אַלטן מאַרק אין בענדין, װוּ ס׳איז תמיד געװען פּיל מיט מענטשן פון דער גאַנצער געגנט, כדי אײנ־צוקויפן אַלערלײ סחורות אין אַזױ פּיל. אָנגעפּראַפּטע געשעפטן און קראָמען, איז איצט, מיט בענק אויס־געשטעלט, מיט גרינס און בלומען פּאַרזײט, װי מענטשן רוען זיך אויס אין אײנזאַמע שטילקײט!... פאַרשװוּנדן זענען אויף אײביק די ײדן פון בענדינער „אַלטן־מאַרק״ און זײערע אַמאָליקע קראָמען זענען כאַרמויערט און פאַרװאַנדלט אין פּריװאַטע װױנונגען.

און אַזױ פאַרנדיק דורך די בענדינער גאַסן, און מײדנדיק, די אַזױ גוט באַקאַנטע פּאַנאָראַמע פון די קאַפּאַלניע קאָשעלאָװ, פון אַלעקסאַנדער זאַװאַדזקי — דערשלעפּן מיר זיך אין שטעטל דאָמבראָװע־גור.

איך גײ אַרויס פון אויטאָבוס, טרעט אויף הײמישע ערטער, קוק אַרײַן אין די אויגן פון מענטש, זוך אַ באַקאַנט פּנים און בין גרײט צוצולויפן צום ערשטן בעסטן און בעטן אים, ער זאָל מיר דריקן די האַנט!

איך דערשפּיר אַ פרעמדקײט, דאָרט װי אַלע האָבן מיך געקענט, און אַ קעלט נעמט אַרום. קײנער קען מיך נישט, און איך קען קײנעם נישט!...

עס דאַכט זיך מיר, אַז איך בין נישט איך!... נאָר עפּעס אַן אַנדערער. אַז מײן אַמאָליקער „איך״ האָט די צײט, די טראַגיש פאַרשניטענע צײט, אַװעקגעטראָגן, אַז דאָ שװעבט בלויז מײן שאָטן, מײן געשפּענסט אין אַרום איז פּוסטקײט, מײן שטאָט װי טיר און טויער זענען שטענדיק פאַר מיר געװען אָפן, װי אויף יעדן טריט האָב איך זיך אָנגעשטויסן אויף באַקאַנטע, דער־קענט מיך איצט נישט!!...

ס׳איז פרילינג, 4 טעג טײלן אונדז פון אונדזער שענסטן יום־טוב, דעם יום־טוב פון פרײַהײט — פּסח, דער פרײליכסטער און שענסטער יום־טוב פון אונדזער קינדהײט, פון אונדזער יוגנט. דאָס פלעגט מען פילן אין יעדן װינקל פון מײן געבוירן־שטעטל דאָמבראָװע, דער רויש און טומל אין די געשעפטן, און ס׳פּעציעל בײַ די שנײַדערס און שוסטערס. אַ יעדער ײד, װי ס׳איז נישט געװען זײַן מאַטעריעלער מצב האָט זיך באַמיט אַז זײַנע קינדער זאָלן עפּעס באַנײַען אויף פּסח, ס׳פלעגט זיך שוין צײלן די טעג.

דער געשמאַק פון די פריש געבאַקענע מצות, פאַר־טאָג פלעגן שוין די חסידים אײלן באַקן די ספּעציעלע מצות שמירה, הײַנט איז לײדער פון דעם קײן צײכן נישטאָ אין אונדזער שטעטל! און דאָס װעטער איז

קאַלט און רעגנדיק װי אין האַרבסט, ענלעך צו אונדזער געמיט און שטימונג.

טרויעריק װערט אויף דער נשמה װען מען קומט דירעקט אין קאָנטאַקט מיטן שטעטל, דאָרט װוּ דו ביסט געבוירן, דײַן יוגנט פאַרבראַכט, טראַץ דעם װאָס אויף אונדזער גאַס איז קײנמאָל נישט געװען צו פרײליך, נישט צו שײן איז געװען אונדזער קינדהײט אין שװאַרציק בלאָטיקן דאָמבראָװע פון אונדזער צײט... און דאָך איז די קינדהײט אַלעמאָל שענער, פרײלעכער, פון דעם הײַנט, װאָס האָט גאָרנישט געלאָזט נאָך זיך קײן צײכן פון אונדזער דאָ־זײַן!...

דער אויטאָבוס האָט אונדז אַרויסגעװאָרפן אויף די הויפּט־גאַס פון אנדזער שטעטל — די סאָביעסקיעגאָ, װעלכע איז זײער װײניק געענדערט אין אויסזען: פאַרשיט מיט שװאַרצע פּעכיקע־סאַרזשע פון דער אָנ־אויפהערלעכער קאָפּטשענדיקע ריזיקע הוטע־קוימענס, װאָס זענען אַזױ כאַראַקטעריסטישע פאַר אונדזער שטעטל. אויף דעם גאַנצן פּאַראַדנעם פראָנט פון דער הויפּט־גאַס, האָט שװאַרצע סאַדזשע געשיט אויף די פרישע װײסע בלוזקעלעך פון די יום־טובדיק שפּאַ־צירנדיקע שײנע מײדלעך פאַרן סטאַװ, װוּ די פּראַנ־צויזן פלעגן מיט ספּעציעלע לאָטקעס שװימען לאַנגזאַם, כאַפּנדיק פיש!

די פּראַנצויזן, צו װעמען ס׳האָבן געהערט די „הוטע באַנקאָװע״, קאַפּאַלניע „פּאַריזש״ און קאַפּאַלניע „רע־דען״, זענען בײַ אונדז אין שטעטל געװען אַ פּריװילי־גירטע קאַסטע. װעלכע האָבן געװױנט אין ספּעציעלע שײנע הײזער אַרום דער הוטע, און דערצו האָבן זײ גע־האָט אַן אײגענע גאַס, װעלכע האָט אגב אַ צײט לאַנג געהײסן די פּראַנצויזישע־גאַס, און מיר, די דאָמבראָ־װער אײנװױנער, האָבן בלויז געהאַט דאָס רעכט צו אָטעמען מיט דער װײט נישט סימפּאַטישער שטיקיגיש װאָס האָט זיך געטראָגן פון דעם שטײענדיקן װאַסער.

מיטן פאַרשװוּנדן פון די פּראַנצויזן איז אויך פאַר־שװוּנדן דער שטיקענדיקער סטאַװ, מיט דעם פאַרנאַכ־טיקן קװאַקען פון די זשאַבעס. הײַנט װאַקסן דאָרט בלומען, בלויז דער קריסטוס־מאָנומענט איז פאַרבליבן דער זעלבער אויף זײַן פּלאַץ, װאָס איז אײנגעװאַקסן געװען אויפן סאַמע פּראָנט, פול מיט גרינס אַרום דעם מיט מאָך באַדעקטן סטאַװ!...

מיר פאַרקערװען זיך אין די פּאַבריטשנע גאַס, מיט לאַנגזאַמע טריט, פּרוּװ איך מיט מײַנע מידע אויגן אײַנקוקן זיך אין יעדן װינקל, אין יעדן הויז, אין יעדן

פאַרבייגייענדיקן מענטשן, אין מיטאַמאָל בלייב איך שטיין ביים הויז פון יוסף שיוועק, געשטאַלטן ווי שאָטנס, ווי וויזיעס, מיניען זיך פאַר מיינע אויגן, און ווערן פאַרשווינדן, עפּעס אַ משונהדיקער שטילקייט הערשט דאָ אַרום, אויסערלעך פריש אויסגעטינקט. די פענצטער פריש מיט לאַקיר געשמירטע, זענען מיט שטאָרן און פאָרהאַנגען באַצירט, וואָס באַדייט, אַז אַלע שטיבן זענען באַוווינט, און דאָך ווען איך פּרוּוו זיך מיט וועמען פונאַנדעררעדן, זעט זיך אויס, אַז קיינער געדענקט נישט, אין בענקט נישט נאָך די וואָס האָבן דאָ געלעבט, געשאַפן, דאָס הויז געבויט; ס'ווייזט נישט קיינער אַרויס קיין שום אינטערעס פאַר מיר, לעבעדיקן מענטש, וואָס שטייט פאַר זיי.

עס גייט קיינעם נישט אָן וואָס דער אַמאָליקער בן־עיר, וועמען די גאַנצע שטאָט האָט געקענט. איז נאָך אַזאַ לאַנגע אָפּוועזנהייט אַראָפּגעקומען מיט אַ צעבראָכן האַרץ אַ קוק צו טאָן אויף זיין אַמאָליקע היימשטאָט, וואָס האָט געקעכלט און צעוויגט זיין יוגנט, אָנפילנדיק זיין האַרץ מיט פרייד אין האָפנונג!

די גאַס איז די זעלבע, נאָר געוואָרן שענער, ריינער, אויסגעפלאַסטערט; עס פעלן בלויז מיינע ברידער און שוועסטער, וועלכע זאָלן מיך באַגריסן צו אַזאַ גאַסט־באַזוך! נישטאָ מיט וועמען צו דערמאָנען די אַזוי סימפּאַטישע, פאַרברענגטע צייטן. איז דאָך דאָ ביי די שיוועקס געווען אַ קאָנצענטראַציע־פּונקט פון די אַזוי סימפּאַטישע, דאָמבראָווער יונגע יידישע אינטעליגענץ.

שבת נאָכמיטאָג פלעגן זיך אין גרויסן גאָרטן פאַרזאַמלען יוגנט אין פאַרשידענעם עלטער, וויילנדיק זיך און שמועסנדיק וועגן אַלץ און אַלעמען, פלעגן דאָך צו יצחק שיוועק קומען זיינע פריינט און באַקאַנטע, ווי שלמה וויינריך, דער העברעאישער לערער; שמחה נוסבוים דער געוועזענער בית־המדרש בחור; „דער תלמיד־חכם אין דער ספּודניצע”, ווי מען פלעגט רופן אונדזער אַזוי סימפּאַטישע העברעאישע לערערין מינדל נוסבוים; חיים גרייצער, און ווער איז אומשטאַנד צו געדענקן אַלע די וואָס פלעגן דאָרט קומען. ווי חברים און באַקאַנטע אויך פון זון פנחס און זיינע טעכטער. געווען אויך אַ צייט ווען אין זייער גאָרטן האָט יוגנט זיך געלערנט די ערשטע גאָרטן אַרבעטן, גרייטנדיק זיך צו פאָרן קיין ישראל.

די שיוועקס זענען געווען אַ פאַרמעגלעכע פאַמיליע אין דאָמבראָווע, אין אויך גאַנץ פרי אין שטעטל געהאַט אַ טעלעפאָן, דורך וועלכן זיי פלעגן זיך נישט איינמאָל זיך דערלויבן צו טרייבן שטיפערישע שטיק. ס'פלעגט צי זיי קומען דער געלער אברהם פון פינטשעוו און ברענגען פּוטער, אייער, און קעז צי פאַרקויפן, דאָס איז געווען זיין פרנסה. איין מאָל האָט ער זיך ביי זיי דערוווּסט, אַז אויף אייער איז אַ האָסע און אויף פּוטער אַ בעסע. זאָגט דער געלער אברהם צו יוסף שיוועק: „ווען איך וואָלט דאָס קענען איבערגעבן מיין ווייב אין טעכטער, וואָלט איך קענען פאַרדינען אַ ביסל געלט”. „פאַרוואָס נישט” ענטפערט אים יוסף שיקנדיק זיין טאָכטער אויפן שטאָק, ווו זיי האָבן געהאַט אַ אינערלעכע פאַרבינדונג פון טעלעפאָן. אברהם דער געלער שרייט אַריין אין טעלעפאָן טרייבל: „גיטל דו הערסט מיך?” און פון דאָרט ענטפערט די טאָכטער פון יוסף שיוועק: „זיכער הער איך דיך אברהם, איך הער זייער גוט יעדעס וואָרט — „זאָלסט וויסן זיין גיטל, אַז אייער האָבן זיך געהויבן און פּוטער איז געפאַלן, קויף דעריבער מער אייער און קויף נישט קיין פּוטער!” אַ צופרידענער האָט דער געלער אברהם באַוואונדערט די וווּנדערלעכע מאַשין וואָס האָט אים דערמעגלעכט אַזוי שנעל צו פאַרשטענדיקן מיט זיין גיטל. אָבער ווען ער איז די צווייטע וואָך ווידער געקומען מיט אייער און פּוטער, פרעגט אים יוסף צו האָט דיין גיטל כאָטש גוט דערליידיקט, האָט אים אברהם פאַרדראָסיק שטיל געענטפערט, אַז זיין גיטל האָט גאָרנישט מיט אים גערעדט!...

פאַרטיפט אין מיינע געדאַנקען בלאָנקע איך מיט וואַקעלדיקע טריט איבער די גאַסן פון היינטיקן דאָמבראָווע, וואָס האָט זיך אגב פונאַנדערגעוואַקסן, אין דער ריכטונג פון גאלאנאג ווי ס'וואַקסט די אַזוי גערופענע נייע דאָמבראָווע, דאָרט ווי ס'איז אַמאָל געווען דער מאַרק פלאַץ. איז אויסגעבויט געוואָרן אַ קולטור־פּלאַץ, אויפן נאָמען פון זאַוואַדצקי, אָבער איך באַגעגן נישט קיין איינציקן יידן אין שטאָט, אין איך שפּיר דאָס... איך פאַרליר דאָס גלייכגעוויכט, אין מיין קאָפּ איז אַ פּלאָנטער...

אין אַזוי בין איך אַריין אין די פּראַנצויזן גאַס, אויפן ראָג פון די פּראַנצויזן גאַס און אקשעי איז געשטאַנען אַ שיין אָנגעזען יידיש הויז, וואָס זיין אייגנטימער איז געווען קשאַנאָווסקי. אין דער געביידע האָב איך געלערנט ביי מיין איידעלן רבין שלמה יוסף מאָנעלע, דאָ פלעגן מיר עטלעכע שוין דערוואַקסענע גמראַ־יינגלעך קומען און מיט אַכטונג זיך איינקוקן אין זיין אַסקעטיש געזיכט, ווען ער האָט מיט זיין גאַנצע איי־

דערקייט מיט אונדז געלערנט, שלמה יוסף איז געווען דערביי אַ שטאַרק פּאַנאַטישער אָבער ערליכער ייד, ער פֿלעגט נישט רעדן צו קיין פֿרוי דירעקט. דאָס האָט זיך אויך באַצויגן צו זיין אייגן ווייב שרה לאה פֿלעגט ער זיך אויסדרייען צו איר און רעדן אין דער דריטער פּערזאָן, בלויז צו איין טאָכטער האָט ער גערעדט די־רעקט, און מיט פֿיל פּיעטעט, דאָס איז געווען אַ שיין מיידל מיט לאַנגע בלאָנדע צעפּ, און אַ בלאַס געזיכט, פֿון אַ קרענקליכן אויסזען, ווייזט אויס נישט דערעסן, פּאַר איר פֿלעגט ער אַרויסווייזן פֿיל האַרץ, געבנדיק איר געלט אויף קויפֿן ווייסע זעמל, דאָס איז געווען זיין רחלע.

צוזאַמען מיט מיין גאָזעליקן פֿאָטער איז אויך שלמה יוסף מיט די ערשטע גרופּע אין שפּעטן יעשיען 1941 געטריבן געוואָרן קיין אָשוויענטשים און דאָרט פֿאַרברענט געוואָרן.

אין דעם זעלבן הויז פֿלעגט יאָרן לאַנג זיך געפֿינען דער לאָקאַל פֿון די לינקע פּ.צ.'קעס.

אין דעם הויז געדענק איך עטלעכע קראָמען, צווישן אַנדערע איז דאָרט געווען אַ פֿאַבריקמאַכערסקע, דאָס אייגענטום פֿון פֿריזירער לאַנדנער (דער זון פֿון מענדל יאַקמאַן), אַזוי האָט אים גערופֿן זיין פֿאָטער, צוליב זיין ריזיקע הייך און נאַרישעוואַטן געזיכט.

די טיר פֿלעגט זיין זומער צייט אָפֿן און מיר פֿלעגן גייענדיק אַהיים, לאַנג, דורך דער אָפֿענער טיר, אָב־סערווירן די אָפּגעזייפֿטע מאָרדעס וואָס האָבן געוואַרט מען זאָל זיי ראַזירן.

אָבער שוין אַרויסגייענדיק פֿון ראָג אויף דער אָק־שעי גאַס זענען געווען פֿיל קראָמען אין די גרעסטע טייל יידישע. אויף דער רעכטער זייט וואָס האָט געפֿירט צו דער שול, זענען אויך געווען וואַרשטאַטן פֿון האַנדווערקער, דאָרט האָט אויך געהאַט זיין שוס־טער־וואַרשטאַט שמואל שראַמפּ (גרינבערג), אָבער זעלטן ווער האָט זיין ריכטיקן נאָמען געקענט. שראַמפּ, אַזוי האָט מען אים גערופֿן, אין צוליב דער איבערגע־האַקטער ליפּ, וואָס ער האָט זיך געבראַכט פֿון דעם 1־טן וועלט־קריג. געווען איז ער אַ זון פֿון זלמן קאַטע", וואָס האָט אויך זיין צונאָמען געהאַט פֿון זיין ווייב די קאַטשינאַ, וועלכע האָט זיך דערוואָרבן דעם צונאָמען מיטן געבוירן 24 קינדער, און אַלע ריזיקע, געזונטע, וועלכע זענען פֿאַרשפּרייט איבער דער וועלט.

וואָס נענטער צו דער שיל, וועלכע געפֿינט זיך שוין אויף דער שאַפּענאַ גאַס, זענען די הייזלעך געוואָרן קלענער, נידריקער, עלטער, טייל איינגעפֿאַלענע, דאָרט אין אַ ווינקל שוין נישט ווייט פֿון דער שול, ביים סאַמע וואַסער־פּלומפּל האָט דער לומער מאיר געלערנט מיט זיינע קליינע קינדער די ערשטע קליגשאַפּטן פֿון א.ב. טייל הייזלעך שוין נענטער צו דער שול, וועלכע האָבן איבערגעלעבט ביז היינט, דערמאָנען מיט זייער אויסזען, ווי הייזער פֿון אַן אַלטע מעשה, קרומע דעכער, האַלב איינגעפֿאַלענע קוימענס, און מיטן אַ לאָך וואָס פֿירט אין קעלער, אין וועלכן ס'פֿלעגן אויך וווינען גאַנצע פֿאַמיליעס, דאָ איז אויך געווען אַ בעקעריי און אַנטקעגן, האָט אויך געלערנט אין אַ חדר יאַנקל וולאַשצ'אווער. די הייזער האָבן נישט געטוישט זייער אויסזען. ביז היינט צו טאָג !...

דאָמבראָווע האָט נישט פֿאַרמאָגט צופֿיל רייכע יידן, אין אויך דאָס שטעטל אַליין איז נישט געווען ספּעציעל רייך, און דאָך איז דאָס לעבן זיך געפֿלאָסן געוווג איינ־טערעסאַנט, און מענטשן האָבן ליב געהאַט זייער שטעטל.

אין שטעטל האָט אַ גרויסע צאָל מענטשן געהאַט צוגעקליבענע צונעמען, און נישט אַלע מאָל איז מעג־לעך געווען פֿעסטצושטעלן זייער אָפּשטאַמונג, אָדער די סיבה פֿון אַזאַ נאָמען, כ'מיין אַז דאָס איז נישט געווען קיין ספּעציפֿיש דאָמבראָווער קרענק, נאָר די שוואַכ־קייט פֿון אַלע קליינע שטעטלעך, אַזוי צום ביישפּיל איז געווען באַקאַנט הערשל, אַ ייד וועמען ס'איז געלונגען נאָך דער ערשטער וועלט־קריג, ווייט נישט מיט זיין קלוגשאַפֿט, מיט וועלכן ער האָט קיינמאָל נישט געזינדיקט, דאָך האָט ער באַוויזן מאַכן אַ ביסל מער געלט אין דער צייט פֿון דער עסטרייכישער אָקו־פּאַציע, און געהאַט אין דאָמבראָווע אַ הורט געשעפֿט פֿון קאָלאָניאַל־אַרטיקלען.

(פֿאַרשידענע וויצן פֿלעגן קרייזן אין שטעטל וועגן דעם אויפֿגעקומענעם נגיד, אין ספּעציעל וועגן זיין צו־קראַכענעם שלימזלדיקן ווייב און זיין עלטסטן זון מאַשקע).

אין די שבת צו נאַכט צו פֿלעגן מען אָפֿט אַרויסרופֿן ד"ר מיטעלמאַן, ווייל הערשל גלעזערמאַן איז שיער נישט געשטאָרבן פֿון איבערעסן זיך מיט די שבתדיקע עסנס. ווען ער האָט הערשלען געפֿרעגט צו ער האָט נישט צופֿיל געגעסן, האָט ער אים אַ האַלבע שעה אויסגע־רעכנט די פֿעטע ספּעציעלע שבת'דיקע שפּייזן ווי פֿיש, טשאָלנט, קוגל, געבראָטענע גענזנס און איבערצייגנדיק

צוגעגעבן: „ווייסט איר וואָס, הער דאָקטאָר, איך בין איבערצייגט אַז מיר האָט געשאַט דאָס שטיקל קיכן וואָס מיין ווייב האָט מיר היינט געגעבן פרי פאַרן דאַווענען“. נאָר געשטאָרבן איז ער נישט, און ד״ר מיטעלמאַן האָט אָפט געמוזט אים אוסקויפן פון טויט אין שבתדיקע אָוונטן.

און ווי פּאַסט עפּעס אַז ר׳ הערשל זאָל נישט האָבן קיין טעלעפאָן, און דאָס האָט אים נאָר צוגעפעלט — ס׳האָט נישט געפעלט אין שטעטל ווער ס׳זאָל אים מער נישט לאָזן רויק שלאָפן, מ׳פלעגט אים וועקן 2 ביינאַכט אַ מאָל האָט דעם רייכן שיינגלאַך פאַרגליסט צו האָבן עלעגאַנטע שיך און נישט לאַנג טראַכטענדיק זיך ארויסגעקליבן צו שמואל שראַמפּ, וועלכער האָט געשמט אין דאָמבראָווע אַלס ספּעציאַליסט פון מענערשיך, ווען ער האָט זיך שוין אַרויסגעקליבן דעם פאַסאָן און געמאַכט די גענויע מאָס פון זיין פוס, ווענדט זיך הערשל צו שמול שראַמפּ: „פּאַניע שראַמפּ! איך בעט אייך, וויפל דאָס זאָל נישט קאָסטן וויל איך האָבן אַ פּאָר עלעגאַנטע שיינע שיך“. ענטפערט אים יענער: „פּאַניע שיינגלאַך אַז איך וועל מאַכן אייך די שיך, וועלן זיי זיכער זיין עלעגאַנט און גוט“. „ווי אַזוי רעדט איר דאָס צו אַ קונדע, צי הייס איך דען שמענטלאַך“. „און איך הייס דען שראַמפּ? ענטפערט אים שמואל.

און אַזוי האָבן זיי זיך שיער נישט צעשלאָגן און די טראַנזאַקציע איז שוין, פאַרשטייט זיך, נישט צושטאַנד געקומען.

איינער פון די אינטערעסאַנטע און כאַראַקטעריסטישע טיפּן וואָס אונדזער שטעטל האָט פאַרמאָגט, האָט זיין קעניגרייך אויסגעשפּרייט אויף דער בייבע, נישט ווייט פון ריטועלן באָד, וווּ זיין קעניגרייך האָט אָרט געפּראָוועט זישע לוקסענבורג מיט זיין פרוי ביזן טיפן עלטער.

דאָרט האָט אויך געוווינט ר׳ ראובן ליכטציער (גלוזערמאַן) אַזוי האָט מען אים גערופן צוליב זיין פאַרנעמען זיך מיט דער פּראָדוקציע פון ליכט, וועלכע ער האָט פּראָדוצירט אין דער אַלטער האַלע פון דער אַמאָליקער ברויערײַ, דאָרט אין אַ באַשיידן הויז האָט ער אויך געהאַט זיין קעניגרייך. דער אינטערעסאַנטער כאַראַקטעריסיטישער ליכטציער, וועלכער האָט אַזוי ווי אַ לאַמעדוואָווניק געשפּרייזט איבערן שטעטל מיטן אויסגעשמאַלצטן זאַק אויף דער פּלייצע, טראָץ זיין שוין גאַנץ ווייסע באָרד, וואָס האָט פאַראַטן זיין עלטער. פלעגט ער זיך באַווייזן יעדען טאָג אויף דער אַקזשעי גאַס, ווו ס׳זענען געווען אַלע יאַטקעס און אויפקויפן ביליקע פעטן צו דער פּראָדוקציע פון זיינע ליכט.

נישט געווען אַזאַ ייד אין שטעטל וואָס זאָל זיין אַזוי פּאָפּולער ווי ער, און ווער וואָלט דאָס זיך דערלויבט אים נישט זאָגן קיין ברייטן גוט־מאָרגן, אין דאָס פּאָפּולערקייט זיינס האָט זיך נישט גענומען פון זיין ליכט פאַבריק, נאָר צוליב ספּעציפישן כאַראַקטעריסטישן אויפפירן זיך, ער איז געווען באַרימט אַלס גרויסער פילאַנטראָפּ, און זיין הויז איז געווען אָפן פאַר אַלע די וואָס זענען געווען הונגעריק און די וואָס האָבן געזוכט אַן אָרט ווו דעם מידן קאָפּ אַוועקצולייגן.

קינדער האָט ער געהאַט פיל און פאַרשידענע... אין שטעטל פלעגט מען זאָגן דאָס זיין לעבעדיקע פרוי איז שוין די דריטע וואָס ברענגט אים קינדער און אַז געווען איז זי זיינס אַ דינסט, אין זי האָט געהאַט אַרבעט ביי אים גענוג, נישט בלויז געבוירן קינדער און פירן די ווירטשאַפט, האָט זי נאָך געמוזט יעדן טאָג אָפּקאָכן אַ ריזיקן קעסל עסן ס׳זאָל סטייען פאַר אַלע די וואָס וועלן קומען עסן.

פאַרשידענע לעגענדעס אין שטעטל האָט מען פון אים דערציילט, אַז ער האָט אין מיטן גאַס אויסגעטאָן די שטיוול און זיי אַוועקגעגעבן אַ ייד וואָס האָט ביי אים געבעטן אַ פּאָר שיך. און אַליין איז ער אַוועק ווייטער אין גאַס אַ באָרוועסער.

איינע פון זיינע פילאַנטראָפּישע שוואַכקייטן, פלעגט זיין דאָס אויסגעבן אָרעמע מיידלעך, וועלכע ס׳האָט ליידער אין שטעטל נישט געפעלט.

און ווען ער האָט שוין זיין פאַרמעגן צעטראַסקעט, האָט ער אָבער זיך נישט געוואָלט אָפּזאָגן פון זיינע שוין ברייטע פילאַנטראָפּישע טעטיקייט און דאָס האָט ער באַשלאָסן די נויטיקע צו דעם געלטער צונויפזאַמלען צווישן די יידן אין גאַנצן זאַגלעמביע, און דער אַלט גרויער ראובן ליכטציער איז געוואָרן אַ פּאָפּולערער בעל־דרשן, און שבת פלעגט ער זיך באַווייזן אומעטום דאָרט ווו יידן האָבן זיך פאַרזאַמלט, אין זייערע בתי־מדרשים אין זיין שבתדיקער שוואַרצער זיידענער קאָפּאָטע אין די ברייטע צעקעמטע ווייסע באָרד, מיט זיין פול־פעטן צושמייכלטן גוטן־געזיכט, און גלייך נאָך דעם פאַרענדיקן שחרית, האָט ער מיט זיין שווערע האַנט אַ שטאַרקן קלאַפּ געטון אין שטענ־

דער און אָנגעהויבן שיטן מיט פּאַרשידענע מדרש־ווערטלעך, געהאַלטן גענוג לאַנגע דרשות, וואָס האָבן געהאַט אין זייער באַדייט, איין ציל און רוף: יידן גיט מיר וואָס מער געלט, כדי איך זאָל קענען פּאַרטזעצן ווייטער מיין פילאַנטראָפּישע טעטיקייט, און העלפן די אַלע וואָס וואַרטן און נייטיקן זיך אין אונדזער הילף.

געווען אין שטעטל אַ גביר, וואָס אַרויסקריגן פון אים אַ פּאָר זלאָטעס איז געווען שווער. חנוך רעכניץ, אייגנטימער פון אַ קאַפּאַלניע. אָבער פּאַר ר׳ ראובן ליכטציער איז אויך זיין שטיינערן האַרץ ווייך געוואָרן. ווען ער פלעגט פון אים „באָרגן״ געלט אויף עפּעס אַ געשעפט וואָס דאַרף געבן גוטע פּראָפיטן, און ער, חנוך דאַרף געניסן 50 פּראָצענט אָבער דאָס האָט שוין צו לאַנג געדויערט, און דאָס געלט האָט ער נישט באַקומען צוריק, איז דער ליכטציער געווען געצוווּנגען צו דערקלערן, אַז פּאַר דעם געלט האָט ער אויסגעגעבן מיט מזל צוויי אַלטע מיידן און זיי דאָס געגעבן אַלס נדן, און די פּראָצענטער פון דעם געשעפט וועלן מיר באַקומען אויף יענער וועלט.

אויף דעם דעמאָלירטן דורך די פאַשיסטישע וואַנדאַלן דאָמבראָווער בית־עולם ליגט אַן איינגעמויערטע אַלטע מצבה, וואָס איז פּאַרבליבן פון חנך רעכניץ

נישט ווייט פון דער ריטועלער יידישער באָד, אויף מיעיסקאַ, האָט אויך געוווינט חיים׳קע שוחט, אַ ייד אַ בעל גוף אין די מיטעלע יאָרן, וואָס פלעגט טראָגן זיין דיקקייט, ערשט טראָגן אַ בעקעשע, וואָס פלעגט זיין צוויי מאָל אַזוי ברייט, און גרויס פון זיין גרויסן פעטן גוף..

מיט זיין ברייט געזיכט און טונקל בלאָנדע ברייטע באָרד, פלעגט ער שפּרייזן פּאַמעלעך און מאַיעסטעטיש אין דער לענג פון בית־המדרש, אַרויף און אַראָפּ, און פּוצן זיין באָרד — קיין קינדער האָט ער נישט געהאַט.

ווען איך האָב זיך אַ מאָל דערוווּסט צופעליק, אַז ער, חיים׳קע, האָט געלערנט אין דער וואָלאָזשינער ישיבה, מיטן גרויסן ייד נחום סאָקאָלאָוו, האָב איך באַשלאָסן מיט אים זיך וועגן דעם אַדורכצורעדן.

און ווען איך האָב אים געפרעגט, צו ער דערמאָנט זיך נחום סאָקאָלאָוו פון דער וואָלאָזשינער ישיבה און ווי האָט ער זיך דאַן געוויזן, האָט מיר דער נאַרישער חיימקע מיט אַ שמייכל געענטפערט, דעם סאָקאָלאָוו מיינסטו? גיי שוין! גיי! ער האָט זיך באַלד נישט געוויזן קיין לייט...

אַזוי האָט אונדזער שטעטל זיך געלעבט און געאָטעמט, מיט פּאַרשידענע טיפּן, אין וועלכע ס׳זענען רייך געווען די שטעטלעך אין פּוילן, וואָס האָבן איבערגעלאָזט זייער ספּעציפישן כאַראַקטער פון די שטעטלעך אַרום.

דאָמבראָווע האָט אויך געהאַט זיין הערשעלע אָסטראָפּאָליער, באַקאַנט איז ער געווען אין שטעטל אַלס דער קליינער מכעלע, און דאָס צוליב זיין ספּעציעלן קליינעם וווּקס, און דאָס נישט ער אַליין, נאָר אויך זיין פרוי און זיינע 3 שוין אַלטע מיידן, וואָס האָבן אַלע בייזאַמען דאָס גאַנצע לעבן נישט געקענט דאָס געפיל פון זיין זאַט...

דאָס אַלץ האָט אים נישט געשטערט, ער זאָל מיטן אייביקן שמייכל זיך אַדורכשטופּן דורכן שווערן לעבן, און זיין איבערגעלעבטן פיין איינפלעכטן אין אַ וויץ.

געווען אין שטעטל אַ יאָר שווער מיט אַן אתרוג. דער שמש פלעגט, פּאַר אַ געוויסן אָפּצאָל, דעם איינציקן אתרוג אין שטעטל אַרומטראָגן באַלד אין דער פרי צו די בעלי הבתים צום אתרוג־בענטשן, דאַן קומט מערעלע צום רב און פרעגט, צי ער קאָן אים נישט באפרייען פון אתרוג בענטשן, ווייל ער בענטשט אַ גאַנץ יאָר אתרוג. ווען דער רב האָט נישט גוט פּאַרשטאַנען זיין פראַגע, זאָגט מכעלע, וואָס איז דאָ נישט צום פּאַרשטיין רבי! אַ גאַנץ יאָר ווען איך בענטש, בין איך נאָך אתרוג הונגעריק... שרייט אויס מערעלע און צולאַכט זיך.

איך שטעטל האָט מען נאָכדערציילט, אַז ווען ער איז שוין זייער שווער קראַנק געווען, אין די לעצטע מינוטן פון זיין אָרעם לעבן, איז ער געלעגן אין שפּיטאָל ביי ד״ר ליפּסקי, נאָך אַן ערנסטע שווערע אָפּעראַציע, איז ווען ער האָט באַמערקט אין טיר די באַקאַנטע געשטאַלט פון נשמה כאַפּער וואָווע, האָט ער אים מיט אַ ווינק פון אַ פינגער אים געבעטן דערנענטערן זיך צו זיין בעט, און דאַן אויסגענוצט די געלעגענהייט צו זאָגן דעם לעצטן וויץ, זאָגענדיק צו וואָווען מיט אַ קוים דערהערטע שטים „ס׳זאָל זיך דיר וואָווע אַזוי גליסטן צו לעבן, ווי מיר גליסט זיך צו שטאַרבן״.

געווען איז אַ שטעטעלע אַזאַ דאָמבראָווע־גורניטשאַ האָט עס געהייסן, און טראָץ דעם וואָס געאָ־

גראַפיש האָט עס נישט אויפגעהערט עקזיסטערן און וואַקסן, איז דאָס פּאַר אונדז בלויז היסטאָריע, און נאָר טראַגישע היסטאָריע פון אַ פאַרשניטן שטעטל, מיט זיינע בערך פיר־פינף טויזנט יידן, וואָס האָבן דאָ געלעבט, געליבט, געליטן, געאַרבעט און געשאַפן. פאַרבליבן איז נאָך זיי בלויז די שטומע מויערן פון די געוועזענע שול, וואָס בלויז אויסערלעך קאָן זי דערמאָנען, די וואָס האָבן דאָ געלעבט. אַז דאָ אין יום־טוב־טעג ווי אין שבת פלעגן מאַסן יידן זיך צונויפזאַמלען, כדי אין שול צו בעטן צו זייער גאָט וועגן געזונט און מזל און זייער ווייטערדיקן לעבן...

✶

און ווידער בין איך אין דאָמבראָווע, נאָכן איבער־רייס 17 יאָר, און ווידער שפּרייז איך איבער די גאַסן פון מיין געבוירן־שטאָט. ס'איז אַ זונטיקדיקער טאָג. די גאַסן זענען ליידיקע און שטילע, און איך קאָן זיך איינהערן אין יעדן שאָרך פון די שאָטנס וואָס בלאָנ־קען דאָ אַרום פון אונדזערע אַזוי טראַגיש פאַרשני־טענע נאָענטע און טייערע.

דריי ברידער און שוועסטערן אין שטעטל סלאָוקווו האָבן פלוצים דערפילט, אַז אין זיי שפּראָצט אַ געוואַלדיקע ענערגיע. הגם אָן געלט, האָבן זיי דאַקעגן פאַרמאָגט אַ קעגנזייטיקע ליבשאַפט און פאַראַנטוואָרטלעכקייט פון איין ברודער צום צווייטן, אַרבעט איז ביי זיי געווען כמעט ווי אַ רעליגיע. דאָס קלאַפּן פון מאַשינען און האַמערס האָט זיי קיינמאָל נישט געשטערט ,אדרבה, געווירקט ווי אַ שיינע מעלאָדיע. זיי זענען געווען באַשאָנקען מיט די שיינע מידות, דאָך האָט עס זיי נישט פאַרבלענדט די אויגן. שטענדיק געווען פּשוט און אויפריכטיק אין זייערע באַציִונגען מיט דער סביבה. געקליידעט זיך פּשוט און געפירט זייערע פאַמיליענלעבן אָן רעש. גוטע פאַכמענער, האָבן זיי פאַרוואַנדלט אַלטע מאַשינען און געלאָזט זיי אין גאַנג און פּראָדוצירט גוטע סחורה, וואָס האָט געהאַט אַ גוטן נאָמען אין פּוילן און אין אויסלאַנד.

די פאַמיליע איז געקומען פון סלאָווקווו קיין דאָמבראָווע גלייך נאָך דער פּוילישער זעלבסטשטענדיקייט, אָפּגעקויפט אויף מיעיסקאַ־גאַס אַלטע בנינים, ווו




משפחת קליין המסועפת
מבעלי בית חרושת למוצרי ברזל על שם „אחים קליין״
בדומברובה

די פאַרצווייגטע פאַמיליע קליין
אייגנטימער פון דער אייזן־פאַבריק אונטערן נאָמען
„ברידער קליין״ אין דאָמבראָווע

ס׳איז אַמאָל געווען אַ ברויערײ. ס׳איז נאָך נישט געווען קיין אויסברוקירטער וועג, נאָר בלאָטעס און גריבער. זײ האָבן אָנגעהויבן מיט פרימיטיווע מיטלען צו בויען אַ פאַבריק פון נעגל, שרויפן פון יעדן סאָרט; צודאָטן צו טאַפּיצערײ; געצויגן דראָטן אויף פאַרשידענע מאָסן; אַליין געגאָסן פאַר זיך נײע מאַשינען און פּראָדוצירט אַגראַר־צודאָטן פון אײַזן, ווי קייטן א.א.וו.

קיין ווילעס הינטער דער שטאָט האָבן זײ זיך נישט געבויט, נאָר רעמאָנטירט אין דער פאַבריק אַלטע וווינונגען און דאָרט באַזעצט זיך און געוווינט. די מאַשינעס און האַמערס האָבן געקלאַפּט אָן אויפהער



בבית חרושת למוצרי ברזל של אחים קליין
אין דער אײַזן־ און נעגל־פאַבריק פון די ברידער קליין

טאָג און נאַכט, אין דעם רעש דערצויגן קינדער, געלאָזט זײ בילדן און קיינמאָל נישט באַקלאָגט, אַז דאָס שטערט זײ.

זײ האָבן צווישן זיך געלעבט ווי אַ דינאַסטיע. די ראשי המדברים זענען געווען אַברהם יעקב און וואָלף קליין, קיינער האָט זיך נישט דערלויבט, זײ אַנט־קעגן צו שטעלן. דער עלטסטער ברודער, וואָלף, איז געווען אַ ייד פון נידעריקן וווקס מיט אַ שיין שמייכלדיק פּנים, שטענדיק גערעדט מיט אַ שטילן טאָן, קיינמאָל נישט געוווסט וואָס הייסט אויפהייבן אַ קול, אַ פאַכמאַן בחסד עליון, פלייסיק ווי אַ מע־רישקע, קיינמאָל נישט געוווסט וואָס הייסט רו. פרימאָרגן, באַלד נאָך אָפּדאַווענען שחרית און לייגן תפילין, אַראָפּ אין פאַבריק, צוריקגעגאַנגען אין שטוב אין שפּעטן אָוונט שפּאַרזאַם, נישט געשעמט זיך אָנבייגן און אויפהייבן אַן אַלט שטיקל אײַזן און עס אַוועקטראָגן אויף זײַן געהעריקן פּלאַץ.

דער צווייטער ברודער, אברהם־יעקב, אַ טיפּ פון אַ יידישן אינטעליגענט, אַריינגעלייגט אין דער פאַבריק חכמה און פיל ליבשאַפט, נישט געווען אַ ווינקל, וואָס איז נישט געוואָרן אויסגענוצט אויף פּראָדוקטיווע צוועקן.

דער דריטער ברודער, שמואל, אַ פאָלקס־מענטש, געווען אָנפירער פון די וואַרשטאַטן, אַ גאַנצן טאָג נאָר צווישן די אַרבעטער און אַליין געאַרבעט, גע־קענט די מידות און נייגונגען פון די קריסטלעכע אַרבעטער, באַמיט זיך צו זײַן איינער פון זײ. ס׳איז דעריבער נישט געווען קיין וווּנדער, וואָס ער איז געווען געאַכטעט דורך אַלעמען.

דער עלטסטער זון פון ר׳ וואָלף, שמחה, אַ שלאַנ־קער בלאָנדער יונגערמאַן, אַזוי ווי די דרײ ברידער זענען געווען מייסטערט אין פאַבריק, אַזוי איז ער געווען מייסטער אין ביוראָ און אַוועקגעשטעלט אויף אַ הויכן ניוואָ די אַדמיניסטראַטיווע אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט באַדינט הונדערטער אַרבעטער. אין ביוראָ האָבן געאַרבעט יידישע באַאַמטע, און צווישן זײ איז אויך געווען עדזע קליין, די טאָכטער פון ר׳ וואָלף. אַ בלאָנד שיין יונג מיידל, וואָס האָט שפּעטער חתונה געהאַט מיט אפרים וויינריב, אַ יונגער דאָק־טאָר, אַן איינוווינער פון דאָמבראָווע. עס האָבן אויך געאַרבעט גניע און פראַניע, די טעכטער פון אברהם־יעקב און רעגינע, און סאַלע, די טאָכטער פון גיטל ליס, אַ שוועסטער פון די דרײ ברידער, וואָס איז געוואָרן יונג אַן אלמנה.

אַרום די דרײ ברידער האָבן זיך גרופּירט יידישע באַאַמטע, אַגענטן, סוחרים, וואָס פאַר דאָמבראָווע, וואָס איז געווען אָרעם אין יידישע אינדוסטריעלער, האָט געהאַט אַ גוטן איינפלוס אויך אויף די אַלגעמיינע קהילה־טעטיקייט. די צווייטע גענעראַציע פון דער פאַמיליע קליין איז כמעט געגאַנגען אויף דעם וועג פון זייערע עלטערן אין פלייסיקייט און אין טעטיקייט. דאָס איז געווען יעקב קליין, דער זון פון ר׳ וואָלף, אַ טיכטיקער און גוטער פאַכמאַן.



קבוצת פועלים בבית חרושת קליין בזמן הפסקת עבודה
אַ גרופּע אַרבעטער אין דער פֿאַבריק פֿון די ברידער קליין בעת זייער רו־צייט (1930)

אַזוי האָבן געלעבט און געשאַפֿן 3 ברידער, וואָס האָבן אָנגעהויבן פֿון גאָרנישט און שפּעטער באַשעפֿטיקט אַ פּאָר הונדערט קריסטלעכע און יידישע אַרבעטער, געלעבט צווישן זיך אין גרויסער האַרמאָניע.

דאָמבראָווע, וואָס איז געווען אַ פֿאַרצווייגטע אינדוסטריי־שטאָט, ווו טויזנטער קריסטלעכע אַרבעטער זענען געווען באַשעפֿטיקט אין איר. יידן האָבן כמעט נישט געהאַט קיין דריסת רגל אין די פֿאַבריקן, הויפּטזעכלעך די יידישע יוגנט, פֿאַר וועמען צו ווערן פּראָדוקטיוו איז געווען אַ לעבנס־פֿראַגע. ביי די ברידער קליין האָבן זיי געפֿונען אַרבעט, גוט פֿאַרדינט, אויפֿגעהאַלטן זיך און געהאָלפֿן די עלטערן. יידישע חלוצים און שומרים, וואָס האָבן זיך געגרייט פֿאָרן קיין ארץ־ישׂראל, האָבן ביי די ברידער קליין אַ ספּעציעלע סימפּאַטיע געפֿונען, דערמעגלעכט זיי צו פֿאַרדינען אויף די הוצאות, וואָס אין די דעמאָלסטדיקע עקאָנאָמישע באַדינגונגען איז עס געווען אַ גרויסע סומע געלט, דערפֿאַר ווערט זייער נאָמען שטענדיק דערמאָנט מיט כבוד.

דאָס נאַציאָנאַלע לעבן פֿון די יידן אין שטאָט איז געווען אַקטיוו און אַרומגענומען אַלע קרייזן און שטרעמונגען. נישט געווען קיין נאַציאָנאַלער יום־טוב, וואָס האָט נישט באַקומען קיין אויסדרוק אין שטאָט, אויך אויפֿן געביט פֿון שפּענדן אויף נאַציאָנאַלע צוועקן איז זי נישט צוריקגעשטאַנען פֿון אַנדערע שטעט. די ברידער קליין האָבן שטענדיק געשפּענדעט ביד רחבה, אַזוי זענען זיי געווען געקניפּט און געבונדן מיט די אַלע פּראָבלעמען פֿון דער יידישער קהילה, ביז עס איז געקומען די טראַגישע גורלדיקע שעה.

דער אומקום

1934. דער אַנטיסעמיטיזם, וואָס האָט געבושעוועט אין פּוילן, האָט אויך אָנגעטראָטן אין אונדזער שטאָט פֿון קוילן־גרובן און אַרבעטער סאָלידאַריטעט און נאַציאָנאַלע גלייכבאַרעכטיקונג. נישט קוקנדיק אויף די אַלע שיינע לאָזונגען, איז דאָס יידישע לעבן געוואָרן כסדר שטיקנדיקער. יידן האָבן געלעבט אין פּחד, ברעכן שויבן פֿון יידישע געשעפֿטן איז געוואָרן אַן אָפּטערע דערשיינונג.

1936—1937 זענען שוין פֿאָרגעקומען פּאָגראָמען אויף יידן : מען האָט געוואָרפֿן יידן פֿון די באַן־צוגן און פֿון די טראַמווייען, און פֿאַרשלאָסן יעדן אַרבעטס פּלאַץ. די פּאָליאַקן האָבן געפֿירט אַ העצע, נישט צו קויפֿן ביי יידן, די עקאָנאָמישע יסודות פֿון דער קהילה זענען איינגעשרומפּט און דאָס לעבן איז געוואָרן האָפֿנונגסלאָז און טרויעריק.


איך האָב איינגעזען, אַז דער באָדן ברענט אונטער די פֿיס, האָב איך אָנגעהויבן צו טראַכטן וועגן עליה קיין ארץ־ישראל, פֿירן אַ ניי לעבן אין קיבוץ, אָבער מיין גורל איז געווען אַן אַנדערער.

1939—1940. מיטן אַריינמאַרש פון די דייטשע רוצ־חים קיין פוילן, האָט דאָרט דאָס גאַנצע יידישע פאָלק אָנגעהויבן צו וואַנדערן, פאַרלאָזט היימען, געגאַנגען ווו די אויגן האָבן נאָר געלאָזט פירן. געוואַנדערט טאָג איין טאָג אויס, דורך וואַסערן און זומפּן, דורך וועלדער און וויסטענישן און געפאַלן ווי די פליגן דורך הונגער און קעלט. די, וועלכע זענען געפאָרן מיט דער אייזנבאַן, זענען געוואָרן באָמבאַרדירט און פאַר־ניכטעט, די יידן, וואָס די דייטשע רוצחים האָבן גע־כאַפּט, זענען געוואָרן אין אויטאָס אַריינגעוואָרפן און געפירט צו פאַרניכטן.

נעכט פון פחד האָב איך איבערגעלעבט. אַמאָל ביינאַכט זענען געקומען צו מיר 2 ס. ס.־מענער און משך פון 5 מינוט צייט געפירט צום זאַמלפונקט. אַ טייל האָט מען גענומען קיין דייטשלאַנד צו צוואַנגס־אַרבעט, און די איבעריקע קיין אושוויץ. אין אָנהויב האָט מען די קראַנק געוואָרענע ביי דער אַרבעט צוריק אַהיים געשיקט. איך האָב באַמערקט צווישן זיי דוד קראַקאָווסקי און לייטנער. מ׳האָט געשיקט דורכן יודנראַט אַ צווייטע גרופּע פון 500 שטאַרקע יידן צו צוואַנגס־אַרבעט. נאָך 3 חדשים זענען זיי צוריק געקו־מען האַלב טויטע, אויסגעמאַגערט ווי די שטעקנס, זיי האָבן כמעט קיין עסן און טרינקען נישט באַקומען. איך האָב צווישן זיי דערקענט זיגמונט סטאָווסקי, יעקל ראָזנצווייג מיט זיין שוואָגער זיגל ראָזענבערג, קלמן משה שענהאפּט, דער אַגענט פון ברידער קליין.

די ברידער קליין און זייער אומקום

דער ערשטער קרבן פון שטאָט איז געווען שמואל קליין, נישט קוקנדיק, וואָס ער איז געווען אַזוי אָנגעזען און באַליבט אויך ביי די קריסטלעכע אַרבעטער, האָבן זיי ביי דער ערשטער ענדערונג די בעס־טע יידישע פריינד פאַראַטן און אויסגעגעבן די דייטשן. אויף שמואל קליין האָבן זיי געמאַכט דעם בלבול, אַז ער לייענט כלומרשט אַנטי־דייטשע צייטונגען. אין אַ מיטן נאַכט האָבן די ס. ס.־מענער אים אַרויסגענומען פון דער היים. ס׳האָבן נישט געהאָלפן אַלע באַמיִונגען אים צו באַפרייען און אין אַ געוויסער צייט האָט זיין פרוי דערהאַלטן אַ שאַכטל מיט אש פון דערמאָרדעטן און פאַרברענטן שמואל קליין. שפּעטער איז קראַנק געוואָרן זיין 20־יעריקע טאָכטער פראַניע, אויף אַן אינפעקציע. נישט באַקומענדיק קיין מעדיצינישע הילף איז זי באַלד נאָך דעם פאָטער געשטאָרבן. זיין פרוי מיט צוויי זין, זענען געפירט געוואָרן קיין אוישוויץ.



פועלים יהודים ונוצרים בזמן עבודתם בבית חרושת של „אחים קליין" בדומברובה
אַן אָפּטייל פון דער פאַבריק, ווו ס׳האָבן געאַרבעט יידן און קריסטן צוזאַמען

די משפחה אברהם־יעקב האָט זיך אויסבאַהאַלטן אין אַ בונקער, ביי זייערס אַ געוועזענעם קריסטלעכן אַרבעטער. אַנדערע קריסטן האָבן זיך דערוווּסט פון דעם בונקער און איבערגעגעבן די דייטשן. די משפחה פון אברהם־יעקב איז אויך געוואָרן געשיקט קיין אוישוויץ. די געבליבענע 3 קינדער, זענען אין דער זעלבער צייט געווען אין אויסלאַנד און געבליבן לעבן. דער קריסט, וואָס האָט אויסבאַהאַלטן אברהם־יעקב קליין און משפחה, איז געשיקט געוואָרן אויף צוואַנגס־אַרבעט.

וואָלף קליין מיט דער פאַמיליע זענען אַוועקגע־שיקט געוואָרן קיין אוישוויץ. וואָלף, זייענדיק אין דער ריי צו גיין אין קרעמאַטאָריום, איז צו זיין מזל, אַלס פאַכמאַן געשיקט געוואָרן קיין דייטשלאַנד, אַזוי אַז ער איז אין דער לעצטער רגע געראַטעוועט געוואָרן. שפּעטער, נאָכן קריג איז ער געקומען קיין ישראל. ער האָט געפּרוּווט ווייטער צו בויען, אָבער די כוחות האָבן אים פאַרלאָזט און ער איז נפטר געוואָרן אין ישראל. געבליבן ביים לעבן זענען זיינע 3 קינדער, יעקב, יוסף און געניע.

שמחה קליין איז אומגעקומען פון הונגער אין לעמבערג, אונטער דער רוסישער אָקופּאַציע. זיין גאַנצע פאַמיליע איז אויסגעזידלט געוואָרן.

פון דער משפחה סלאָמניצקי, אַן אַנגעשטעלטער ביי די ברידער קליין, וואָס האָט געציילט 10 נפשות, איז געבליבן נאָר אַ זון, וועלכער געפינט זיך איצט אין חולון. פון דער פאַמיליע פענדריק, אויך אַן אַנגע־שטעלטער ביי קליינען, איז געבליבן איין זון, מרדכי, ער געפינט זיך איצט אין אַמעריקע. פון דער פאַמיליע היישטאַטער איז קיינער נישט געבליבן.

צבי דוד ליס און יומק אַרבעסמאַן, האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט מיט אַ שטריק פון אַ 4־שטאָקיק הויז, וואָס איז געווען אַרומגערינגלט פֿון ס. ס.־מערדער. מען האָט אויף זיי געשאָסן און געטויט. די פרוי פון צבי ליס איז אומגעקומען אין אוישוויץ. מאָטעק אַר־בעטסמאַן האָט זיך אין לאַגער־ווערקשאַט אויפגעהאַנ־גען. וואָלף ליס מיט 2 זין זענען אומגעקומען. טוביה ליס פרוי, רעגינע, מיט 2 טעכטער, זענען געשפּרינגען פון אַ צוג, און די דייטשע מערדער האָבן אויף זיי געשאָסן און דערהרגעט. שענהאַפט, דער אַגענט פון ברידער קליין, געוווינט אויף 3 מאַי־גאַס, איז געפירט געוואָרן קיין אוישוויץ. דער אינזשעניער ביאַלסקי, דער איידעם פון אברהם־יעקב קליין, איז צוריק געקומען פון רוסלאַנד. די דייטשן האָבן אים גלייך געשיקט קיין אוישוויץ. אַדוואָקאַט זעליגפרוינד דער צווייטער איידעם פון אברהם־יעקב קליין, איז געווען אין לאַגער גראָסראָזען, ווו אַ העפטלינג האָט אים אַ שיך אין קאָפּ געוואָרפן און געהרגעט אויפן אָרט. אפרים וויינריב, אַ דאָקטאָר, דער מאַן פון יאַדזשע קליין, איז געפאַלן אין פוילישן מיליטער אין דער צייט פון דער דייטשער אינוואַזיע אין פוילן. יאַדזשע איז געפירט געוואָרן קיין אוישוויץ (אירס אַ טאָכטער לעבט אין ישראל). דוד בארט, אַ באַאַמטער אין ביוראָ איז אויך געשיקט געוואָרן קיין אוישוויץ.

ווען די דייטשן זענען אַריין קיין בענדין, האָבן זיי די שול־גאַס און נאָך עטלעכע גאַסן אָפּגעשלאָסן און אַלץ אונטערגעצונדן, צוזאַמען מיט די איינוווינער. די שול, וואָס דורות פון יידן האָבן אין איר געדאַוונט, די שיינקייט פון דער קהילה, איז חרוב געוואָרן. דאָס יתומים־הויז, ווו אויך דאָמבראָווער קינדער זענען געוואָרן אויפגעהאַלטן, איז מיט דער הילף פון די קריסטלעכע איינוווינער געוואָרן אונטערגעצונדן, צו־זאַמען מיט די יתומים.

אַזוי איז אונטערגעשניטן געוואָרן די פאַרצווייג־טע פאַמיליע ברידער קליין, צוזאַמען מיט די אַלע יידן פון דאָמבראָווע־גורניטשע. די מאַשינען און האַ־מערס קלאַפּן ווייטער אויף שאַפּענא, מענטשן דרייען זיך אַרום זיי, וואָס האָבן קיין טראָפּן שווייס נישט געלאָזט איר צו בויען, דאָ איז פאַרגעקומען דער באַוווּסטער כלל, רצחת וגם ירשת.

זכרונות וועגן גורל פון לאַנדסלייט

דער דאָמבראָווער חבר בעריש, וואָס איז געווען אַ „יודען־עלטסטער” אין לאַגער קלעטענדאָרף — אפשר דער איינציקער יודען־עלטסטער, וואָס האָט פאַר־שטאַנען, אַז מען דאַרף העלפן די אומגליקלעכע, האָט ער זיך מקריב געווען צו העלפן די דאָמבראָווער, וועלכע זענען אַריינגעפאַלן אין זיין לאַגער. ער האָט זיי געהיים געשטיצט מיט עסן, בכדי זיי זאָלן זיין בכוח צו אַרבעטן און דערמיט אויסמיידן אַוועקגעשיקט צו ווערן. אַזוי האָט ער זיך אויפגעפירט ביז דער לאַגער איז אויפגעלייזט און שפּעטער איבערגעפירט געוואָרן קיין גרויסראָזן. אין דעם נייעם לאַגער האָט ער זיך פאַרגעשטעלט אַלס יודען־עלטסטער פון לאַגער קלע־טענדאָרף און איז דערפאַר געוואָרן געשלאָגן און

שפּעטער געבליבן דער זעלבער העפטלינג ווי אַלע דאָרטיקע יידן.

איך בין געווען אין קלעטענדאָרף 3 טעג. אַלס דאַמבראָוווער וואָלט מיר אפשר געווען באַשערט צו זיין גוט, אָבער איך בין אַוועק און געפונען מיין ברידער לייב־וואָלף.

בעת דעם לויפן נאָך דעם אַריינמאַרש פון דייטשן מיליטער קיין פוילן, האָב איך אויפן וועג פון וואָלבראָם—מיעכאָוו, געטראָפן יחזקאל קאָזשוך פון „פרייהייט", דער ברודער פון הערשל קאָזשוך, אַלס פוילישן זעלנער, נאָכלויפן באַרוועס אַ מיליטערישן אויטאָ.

כ'האָב געזען אין זייער לעצטן וועג דעם שוחט פערענס, דעם שוחט ליבערמאַן יעקב יוסף מיט זייערע פאַמיליעס, פאַמיליע יאַסקאָראָוויץ, 3 שוועסטער קאָרענפעלד, פאַמיליע קרעמפּל. איטשע פרעזעראָוויץ איז אַנטלאָפן פון לאַגער, געכאַפּט און דערשאָסן געוואָרן.

זייענדיק אין לאַגער ספּאַרטשולע, 3 זייגער בייגאַכט האָט מען שוין אונדז אַרויסגענומען פון די באַראַקן אין די גרעסטע קעלטן און רעגנס, פאַרבערייטן צום אַפּעל, וואָס קומט פאַר 6 אַזייגער פרי. מיר האָבן נישט געקאָנט איינשטיין, איינער האָט זיך אָנגעהאַלטן אין צווייטן, ווען די צוויי זענען אָפּגעשוואַכט געוואָרן און געפאַלן אין בלאָטע, זענען זיי געבליבן ביז אין דער פרי און דאַן קיין אוישוויץ געשיקט געוואָרן, די איבעריקע האָבן גלייכגילטיק צו דער אַרבעט מאַרשירט.

אהרון באַליצקי האָט געפונען אַ פּאַפּירענעם צעמענט־זאַק און ער האָט אים אָנגעטאָן אויף זיין קאַלטן קערפּער און געטנהט, אַז דאָס וואַרעמט אים, אָבער אַנדערע אין דער ריי האָבן דאָס גליק אויך נישט געהאַט.

די שוועסטער פון ד"ר אפרים וויינריב, געקומען פון ישראל אין 1939, מיט איר איינציקן זון. ער איז קיין אוישוויץ געשיקט געוואָרן. די מוטער איז געווען אין לאַגער און נאָך דעם קריג האָט זי זוכה געווען קומען קיין ישראל, צוריק צו איר מאַן.

משה ראָזענצווייג איז געוואָרן דערשאָסן נאָך אַ מסירה, אַז ער פאַרקויפט פלייש.

יהודה מילכמאַן איז געווען אין רוסלאַנד, דאָרט אַדורכגעמאַכט דעם וועלט־קריג און צוריקקומענדיק געשטאָרבן אין רייכנבאַך. פראַניע קליין האָט אַדורכגעלעבט דעם וועלט־קריג און געשטאָרבן ווען מען האָט שוין געקאָנט אַביסל לעבן.

זייענדיק אין לאַגער, בין איך געוואָרן אַפּאַטיש און גלייכגילטיק צו אַלעם. איך האָב פון מיין לעבן רעזיגנירט און נישט געפונען אין דעם אַ טעם, האָב איך באַשלאָסן לכל הפחות ווידמענען מיין צייט אויף וויפל איך קאָן לעבן, העלפן אַנדערע.

איך בין אַריין אין מאַגאַזין, צעשניטן זאַטלען, כאָמעטן און פון דעם לעדער און פילץ געמאַכט שיך פאַר די אומגליקלעכע, גענומען וואַסער אין קיך און געגנבעט קאַרטאָפל פאַר די הונגעריקע. כ'בין געווען פאַרמשפּט צום טויט. כ'וויס נישט פאַרוואָס זיי האָבן דעם פּסק־דין נישט אויסגעפירט. איך האָב זיך באַפריינדעט מיט אַ פרוי, אַ לאַגערפירערין פון 500 רוסישע פרויען, און אויך פון איר באַקומען עסן.

איך האָב געהאַט דאָס גליק אָפּצוראַטעווען אַ פרוי פון סאָסנאָוויץ מיט דעם נאָמען טאַלא לאָונער. זי איז אַריין אין דער שוואַרצער ליסטע אַוועקגעשיקט צו ווערן קיין אוישוויץ. זי האָט שווער געליטן פון אישיאַס. היות ווי זי איז נישט געוואָרן גוט דערנערט, איז זי אין גאַנצן געוואָרן אויסגעקרימט, כמעט געגאַנגען אויף אַלע פיר. איך האָב איר געמאַכט וואַרעמע פילצענע שיך און וואַרעמע אונטער וועש, געגעבן אין געהיים עסן און טאַלא פלאָונער האָט, ווי אויף ס'ניי געבוירן געוואָרן, זיך אויסגעגלייכט, באַקומען אַ צורה און געוואָרן פון דער שוואַרצער ליסטע אויסגעמעקט. היינט געפינט זיך טאַלא פלאָונער אין קאַטאָוויץ.

אין דייטשלאַנד האָב איך זיך געטראָפן מיט מאַשאַ פייערמאַן, אַ חברה פון די לינקע „פועלי־ציון". זי האָט דאָס קינד פאַרלוירן אין קריג. דער מאַן, זייענדיק נאָך דעם קריג אין פּאַריז, איז אַוועק קיין פוילן און דייטשלאַנד זוכן זיין פרוי. אין דייטשלאַנד האָט ער זיך דערוווּסט אַז זיין פרוי לעבט. ווען ער איז אַוועק צו איר, האָט ער זי געפונען מטפּל זיין אַ קראַנקן מאַן. זי האָט נישט געוואָלט צוריקגיין צו איר מאַן, מיט דעם ענטפער, אַז זי קאָן נישט פאַרלאָזן אַ קראַנקן מאַן אַליין. ער איז צוריקגעפאָרן קיין פּאַריז אָן דער פרוי און שפּעטער — קיין אַמעריקע.

(באַאַרבעט דורך יהודה לאַנדנער)

איסר סלומניצקי

ה־1.9.1939 היום הנורא בחיי

ה־1.9.1939 הוא התאריך אשר פצע אותי פצע שלעולם לא יגליד, הוא ילווה אותי עד יומי האחרון. זוכר אני את כניסתם של קלגסי היטלר במגפיהם המסומרות השחצניות לתוך עירנו דומברובה־גורניצ׳ה, ואני עדיין אדם צעיר שטרם טעם את טעם החיים. הם הגיעו אלינו במהירות רבה, כי אנחנו שוכנים לא רחוק מהגבול הגרמני.

כדבר ראשון הכריחו אותנו לענוד סרט צהוב עם מגן דוד על היד השמאלית, הם כינו זאת תו קלון. החרימו חנויות יהודיות, מינו קומיסרים לנהל את עסקי היהודים. בבית החרושת של דודי אברהם־יעקב קליין הי״ד מינו קומיסר אכזר לנהל את המפעל. מיד פיטר את כל העובדים היהודים שהשקיעו מכוחם ואונם בבנית בית החרושת.

הקורבן הראשון במשפחתנו היה דודי שמואל קליין הי״ד, אחיו הצעיר של אברהם המהנדס. יום ששי אחד, בחודש פברואר 1941, הופיעו הגסטאפו בביתו, בטענה שהוא קורא כביכול עתונות חשאית ואסרו אותו. לא הואילו כל ההוכחות שזאת היא



אברהם יעקב קליין
המהנדס מבית חרושת אחים קליין
בתערוכת פוזן

אינזשיניער אברהם יעקב קליין
איינער פון די אייגנטימער פון דער אייזן־פאַבריק
ברידער קליין אויף אַן אויסשטעלונג אין פויזן

עלילה. הוא נלקח למיסלוביץ, עונה שם ולבסוף נלקח לאושויץ. המיתו אותו ואת אפרו ובגדיו מוכתמי הדם שלחו לאשתו בחבילה.

בסוף שנת 1941 היו קורבנות נוספים במשפחתנו: בילסקי, פיטמן וברטק. בילסקי, שהיה מהנדס במקצועו היה חותנו של אברהם־יעקב, מנהל בית החרושת, נשוי לגניה בתו. גרנו כולנו בבית אחד ברחוב לוקשינסקיגו ושמענו איך הגיסטאפו באו לעצרו. פיטמן היה המחסנאי וברטק היה מנהל החשבונות הראשי. כל המאמצים מצד המשפחה לשחררם עלו בתוהו. הם עונו קשות, הוכו באכזריות, טולטלו בכל מיני מחנות, ולבסוף רצחו אותם ואת אפרם שלחו למשפחותיהם, למען הוסיף עינוי לביתם השכול והדווי.

בראות דודי אברהם־יעקב ור׳ וואלף את השכול המתהלך במשפחתנו, החליטו להפטר ממיפעלם שבנו בזעת אפיהם, ולהפקירו לשודדי היטלר. אברהם־יעקב המהנדס עבר לגור אצל בתו גניה, מצא תעסוקה בתור מנהל עבודה בבית מלאכה פרטי, ואחיו ר׳ וואלף הועסק בתור מנהל ומדריך עבודה לבחורים צעירים במקצוע המסגרות. כפי שנמסר לי, נשאר בגטו עד חסולו, עבר אחר כך את כל שבעה מדורי הגהינום באושויץ, אך נשאר בחיים הודות למומחיותו במקצוע המסגרות. פגשתיו אחרי המלחמה בגרמניה בעיר לנדסברג. הוא עלה ארצה בשנת 1953 ונסה שוב לבנות מפעל, אך כוחותיו נטשוהו והוא נפטר.

המהנדס אברהם־יעקב הסתתר אצל נוצרי בסביבה. הלשינו עליו והרגוהו ברחוב. את הידיעה הזו קבלתי ממכרים, במחנה עבודה בגליביץ, שעמדו בקשר עם אזרחים נוצרים, הם סיפקו לנו את כל הידיעות על הנעשה בבית.

אבי בעריש ז״ל עבד במפעל האחים קליין בתור מנהל עבודה בהלבנת חוטי ברזל. הוא עבד שם עד חסול הגטו, לא פעם רצו לפטרו מהמפעל אך לא מצאו ממלא מקום אשר יהיה ברמתו המקצועית.

בינתיים המשיכו הנאצים להשתולל בדומברובה ללא מעצור. ערכו חיפושים ומצודים על צעירים יהודיים ברחוב. את אלה שמצאו הרעיבו, היכו, עינו ואמרו למשפחותיהם שהם נשלחים למחנות עבודה לשישה שבועות בלבד, אך סופם היה רצח. איך פיתו

את הורינו באשליות! איך הרדימו את ערנותם! איך לא ראינו שהם זוממים להשמידנו ללא רחם!

אחי המבוגר, משה הי״ד, חזר הביתה שבור ורצוץ ממחנה עבודה, אבל מיד תפסוהו שוב ושלחו אותו למחנה קיטליז גריידיז, ושם נרצח בצורה אכזרית ע״י קאפו. נוכח במקרה הזה בן־דודי, שהיה עד לרצח זה ולא יכול להושיעו.

הפכנו לכוח העבודה הזול ביותר אצל הגרמנים. מותר היה להם להתיש את כוחנו עד להתעלפות חסרת אונים. במה לא העסיקו אותנו: בסלילת כבישים, בניה, בבתי חרושת לנשק, הזינו אותנו בקצת מרק דליל וכך עבדנו, אלה שהראו סימנים של אפיסת



על יד קבר אחים (עומד מיטק קרייצר
מיטעק קרייצער ביי אַ ברידער־קבר

כוח שולחו לאושויץ להשמדה. כוח החיים היה כה גדול, שנתפתינו לכל אשליה של הבטחה לא להשלח למחנות השמדה, אבל זה לא הועיל; מחנות עבודה קמו ומחנות עבודה חוסלו, אלה שעבדו למען המאמץ המלחמתי שילמו מס חודשי שנקרא מס מיוחד, שהקנה להם אשליה של בטחון, אך עם רדת התפוקה נשלחו למחנות ההשמדה.

בשנת 1941 הפרידו אותנו מהאוכלוסיה הנוצרית, ככת מנודה, כדי שיוכלו לרדוף אותנו ביתר שאת. גרמניה הנאצית עשתה הכל כדי שיהיו לה הרבה סימני היכר לפגוע בנו, להשפילנו ולדכאנו, להסתיר ולטשטש כל סימן המאפין אותנו כבני אדם שנבראו בצלם האלוהים. היה עלינו להתהלך רק ברחובות המיועדים ליהודים, נאסר עלינו לבוא במגע עם הנוצרים או להתהלך ברחובות הראשיים. עלילות רדפו עלילות. אלה שנתפשו ב„חטאם" משום שסחרו במזון, או יותר נכון בקפה או כיכר לחם — נאסרו מיד ונשלחו למחנה השמדה.

בקיץ שנת 1942, בחודש אוגוסט, ריכזו הנאצים במקומות מיוחדים את כל יהודי איזור סוסנוביץ, בנדין, דומברובה והעיירות הסמוכות, על מנת להחתים אותם על תעודות זהות. יהודי דומברובה נאספו על יד הבנין של הקהילה היהודית, במגרש ברחוב פולנה. הקהילה היהודית הורתה לכל המתיצבים להתלבש בבגדי חג ולענוד את מעט התכשיטים שנשארו להם: „הרי זו רק התיצבות לשם החתמה על תעודת זהות" — טענו ראשי הקהילה.

היה זה יום מר ונמהר, מעשה מירמה שרק השטן יוכל להמציא נגד בני אדם חסרי אונים, נטולי האפשרות הקטנה ביותר להתגונן: הנאצים הופיעו, ובשצף קצף, באכזריות של פראי־אדם, יצרו שני תורים של אנשים, לגירוש ולשחרור. השמים פתחו את ארובותיהם וגשם שוטף ירד על הארץ, האנשים נרטבו, והשטן הוציא להשמדה את שמנה וסלתה של המבוגרים מהקהילה. עדין חסו על הצעירים מתחת לגיל 30, כי הנאצים היו עדיין זקוקים לכוח עבודה.

כשהגיע תורנו עמדנו כל המשפחה ביחד. אבי ז״ל הציג בפניהם תעודת ביטחון עם הרבה בולים. הם נדהמו בראותם יהודי איש עמל ותיק ולא האמינו שישנם כאלה בתוכנו, ודומברובה היהודית היתה מבורכת ביהודים כאלה. למזלנו שחררו אותנו. באותה סלקציה נלקחה גם אשתו של אברהם קליין אך שוחררה בהשתדלותם של אנשי הקהילה, כי אברהם־יעקב עבד אז בקהילה. בגירוש זה נלקחה גם משפחת נוישטטר, אחותו של הדירקטור וגיסו. את המגורשים העמיסו על מכוניות משא, לבושים בגדי החג שלהם, בצפיפות כזו שקשה היה לנשום, את הילדים והתינוקות זרקו כאילו היו חפצים דוממים והם נהרגו בזרועות הוריהם. וככה זזה שיירת המוות לעיני הנותרים.

בזכות אבי שהיה מנהל עבודה ומומחה במקצועו, נשארתי בעבודה ועבדתי אתו חדשים. בעוברי לעבודה שמעתי בבוקר בכיות בוקעות מבתים מיותמים ואין מנחם, הנאצים לא הסתפקו בגרושים אלה ודרשו מהקהילה עוד קבוצות לגירוש.

בתחילת שנת 1943 סגרו את הגטו, ובתאריך 6.3.43 דרשו התיצבות של כל המועסקים. ביום שישי הופיע צו בפקודה ולמחרת, בשבת, התיצבנו כולנו. גם אני נלקחתי. העבירו אותנו לסוסנוביץ ושם עבדתי במחנה בנין. אחי הצעיר עבד בבית מלאכה של הקהילה וגיסי דימנשטיין היה מועסק במפעל ליצור

חוטי ברזל בשביל קומיסר גרמני. כולנו נלקחנו למחנות עבודה לסוסנוביץ. בפקודתו של הנאצי לינדנר פורז המחנה והועברנו לגליביץ. למזלי מצאתי מייסטר גרמני שעוד היה בו ניצוץ של רחמים והוא העסיקני במפעל שלו, תמורת זה דאג עוד לספק לי ידיעות מהנעשה בבית, כי אבי עדיין עבד במפעל לחוטי ברזל. עם חיסול הגטו חוסלה גם השארית הקטנה של יהודי דומברובה.

בגלייביץ הייתי יחד עם מר זילברשאץ שנמצא בארץ, נתן סטשגובסקי, פרזרוביץ, ולך לוקסנבורג. נשארנו במחנה הזה עד ה־17 לינואר 1945, עד שוחררנו על ידי הצבא הרוסי שהתקדם מערבה וכבש שטחים שהיו קרובים לקרקוב ואושויץ.

מחנה אושויץ פונה מאנשים, הנאצים גררו אותנו ממחנה למחנה, הרעיבו אותנו אך היו זקוקים לנו ככוח עבודה שיש לנצלו עד תום, למזלנו לא ניתנה להם האפשרות וזממם לא בוצע. ב־25.4.45 השתחררתי בגרמניה, באימדינגן ברדן. בקיץ שנת 1947 הגעתי ארצה.

התאריך 1.9.39 שפתח את שואת יהדות אירופה ושואת בית הורי בכלל זה, יהיה חרות על לוח ליבי. אזכור ואזכיר מה עוללו לנו הנאצים הגרמניים.

ל. רחל (אייבעשיץ)

דער גורל פון מיין היים

מיין פאָטער ר׳ מאיר אריה אייבעשיץ ז״ל איז געווען פון די חשובע יידן אין שטעטל אַ גערער חסיד. אַן אמתדיקער חסיד, אַ ירא שמים, אַ למדן, אַ תלמיד חכם, פון די שושלת ר׳ יהונתן אייבעשיץ ז״ל.

אַן ערלעכער ייד, האָט געפירט דעם מסחר. יעדער האָט געהאַט צו אים דעם גרעסטן צוטרוי, מען האָט געוווסט, אַז זיין וואָרט איז קודש קדשים. דער פאָטער ע״ה פלעגט אַלעמאָל זאָגן, „אין ערלעכע הענט, גייט איבערן גאַנצן לאַנד״. מיין פאָטער האָט זיך ניט געמישט אין קהילישע ענינים, געווען צו יעדן פריינדליך די קינדער דערצויגן אין רעליגיעזן גייסט און אין מוסטערהאַפט מאָראַלישע זיטלעכקייט. תמיד מיט אַ שמייכל אויפן פנים, ער האָט קיינמאָל קיינעם נישט געמוסרט, ער האָט יעדן געלאָזט גיין זיין וועג.

די מוטער, די צנועה, שטילע גוטהאַרציקע פרוי, חיה צימה בת ר׳ לייביש קויפמאַן ז״ל, איז געווען אַן אידעאַלע אשת חייל אין אמתן זין פון וואָרט. זי האָט געדינט יעדן איינציקן מיט ראַט און טאַט, זיך באַטייליקט אין געשעפט און איר ערלעכקייט און פינטקלעכקייט האָט איר דערוואָרבן אַ שם טוב.

איך דערמאָן זיך אַן עפּיזאָד. אַנהויב יעדן חודש פלעגן די סוחרים באַזוכן די געשעפטן און איינקאַסירן פאַר די אַריינגעגעבענע סחורות. תמיד איז די מוטער ע״ה געשטאַנען אויף דער שוועל פון געשעפט און ממש זיך געבעטן ביי די דורכגייענדע סוחרים: ״קומט אַריין, איך וועל אייך באַצאָלן״. אָבער דער ענטפער איז געווען: „צו אייך האָבן מיר צייט, דאָס געלט איז זיכער, עס איז שוין אָוועקגעלייגט פאַר אונדז. אָבער ביי די אַנדערע, אויב מיר קומען ניט צו דער צייט, האָבן זיי אַ תירוץ, איר זייט ניט געקומען, האָבן מיר דאָס געלט אָוועקגעגעבן אַן אַנדער סוחר״.

און נאָך אַ זאַך דערמאָן איך זיך: אין דאָמבראָווע פלעגן פאָרקומען מאַרקן איין מאָל אין וואָך, און גראַד אין פרייטיק. יידן פון דער גאַנצער אומגעגנט פלעגן קומען מיט זייערע סחורות און ביים אַהיים גיין איז שוין געווען שפעט. ניט ווילנדיק מחלל שבת זיין, פלעגן זיי ביי אונדז אַריינלעגן די סחורות און איבערלאָזן דאָס געלט אומגעציילטערהייט. די עלטערן האָבן אויסגעדריקט זייער אומצופרידנקייט, אָבער די סוחרים האָבן געענטפערט: „ר׳ מאיר, מיר האָבן צוטרוי צו אייך, וואָס האָט איר מורא״.

מיטן באַטייליקן זיך אין מסחר, האָט די מוטער ע״ה געגעבן די געלעגנהייט דעם פאָטער ע״ה זיך אינגאַנצן איבערצוגעבן צו לערנען תורה ביז שפעט ביינאַכט. איך געדענק נאָך דאָס בילד, ווי מיין פאָטער זיצט אויף זיין שטענדיקן אָרט אין צימער ביים אָפענעם ספר ,און זיין פנים און די אויגן פלאַמען. ער פילט זיך דערהויבן פון טאָג־טעגלעכן לעבן, ער שוועבט ממש אין אַן אַנדערע וועלט, וואָס איז שטענ־

דיק ליכטיק. מיין עלטערנס שטאַרקע אמונה אין רבונו של עולם האָט זיי דווקא געהאָלפן אין די קריטישסטע מאָמענטן. איך דערמאָן זיך בעת דער דייטשער אָקו־פּאַציע רופט מען מיך אין אַרבעטספּלאַץ צום טעלעפאָן. איך האָב אַ פאַרגעפיל געהאַט אַז עס האָט עפּעס פּאַסירט. און ווירקלעך, די שכנטע גיט מיר איבער, אַז איך זאָל גלייך קומען אַהיים. און עס שטעלט זיך אַרויס פאָלגענדס: אַ דייטשער פּאָליציאַנט האָט ביי אונדז אין געשעפט געקויפט אַ שטעקן. דערהערנדיק דעם פּרייז וואָס דער פאָטער ע״ה האָט פאַרגעלייגט, האָט ער גלייך אויסגערופן: עס איז „וואוכערפּרייז״. דאָס איז אַ הויכער פּרייז, און גלייך פאַרלאַנגט דעם פּאַס און באַפוילן דעם פאָטער צו קומען אויף דער פּאָליציי. און געוווּסט האָט מען אַז ווען אַ ייד מיט אַ באָרד און פאות קומט צו זיי אין די הענט, שיקט מען אים גלייך קיין אוישוויץ. דערהערנדיק די גע־שיכטע האָט מיר דאָס האַרץ אָנגעהויבן קלאַפּן, אָבער נישט אַריינפאַלנדיק אין יאוש, האָב איך באַשלאָסן אַליין גיין אין דער „געסטאַפּאָ״. די שכנטע האָט מיר געשילדערט אַז דער ס.ס.־מאַן איז געווען מיט אַ גרויסן הונט.

קומענדיק אויף דער פּאָליציי האָב איך ,גלייך זיך נאָכגעפרעגט אויף דעם פּאָליציסט מיט דעם הונט, ווייל דעם נאָמען איז מיר ניט געווען באַקאַנט. דער סעקרעטאַר האָט מיר געענטפערט אַז ער ,געפינט זיך אויף אַ זיצונג. איך זאָל צוּוואַרטן און ער פרעגט מיך, אין וואָס פאַר אַן ענין בין איך געקומען. אין צווישן־צייט מאַכט זיך אויף אַ נעבן־טיר און דער דייטש מיט דעם הונט קומט אַריין אין צימער וווּ איך בין געווען. איך נעם זיך אָן מיט מוט גיי צו אים צו איך בעט אַנטשולדיקונג און גיב אים צו פאַרשטיין אַז עס איז פאָרגעקומען אַ טעות, ווייל דער פאָטער ע״ה האָט אים געזאָגט דעם פּרייז אין פּויליש געלט, און ער האָט פאַרשטאַנען אין דייטשע מאַרקן. דאָס פּויל־ישע געלט האָט געהאַט העלפט די ווערט פון דעם דייטשן געלט. אויסהערנדיק מיך, פרעגט ער מיך אויב איך זאָג דעם אמת. נאָך מיין פאַרזיכערונג נעמט ער אַרויס פון שופלאָד דעם פּאַס און גיט מיר צוריק. זעט אויס אַז מיינע ווערטער האָבן אים אויסגעוויזן איבערצייגנדיק.

ווי אַ פייל פון בויגן האָב איך אָנגעהויבן לויפן, און וואָס אַמאָל שנעלער כדי, ווי אַמשנעלסטן דערפרייען די אומעטיקע הערצער. און פון דערוווייטנס זע איך שוין די טייערע עלטערן און די שכנים וואָס וואַרטן אויף מיר. פון דערווייטנס מאַך איך פאַרשידענע סימנים, און מיט די לעצטע כוחות בין איך געפאַלן אין די אָרעמס פון די עלטערן מיט דער פרייעלכער בשורה — אַז איך האָב צוריקבאַקומען דעם פּאַס. די שמחה איז ניט צו באַשרייבן ,ניט אַנדערש נאָר מלאכים האָבן מיך געהיטן.

ווי מיין האַרץ בלוטיקט, דערמאָנענדיק זיך וועגן מיינע צוויי ברידער און אין איינציקע שוועסטער, האָב איך נישט זוכה געווען, אַפילו צו אַזאַ טרויעריקע בשורה ווי וועגן דעם נאַטירלעכן טויט פון מיינע גאָט־זעליקע עלטערן. מיינע ברידער און שוועסטער, צו־זאַמען מיט זייערע קינדער, זענען אומגעקומען צוויש; אַלע קדושים.

ווי מיין האַרץ ווייטיקט, דערמאָנינדיק זיך וועגן מיין עלטערן ברודער ,וואָס איז געווען בקי אין תורה, בעל יראת שמים, אברהם ז״ל, ווי גרויס ער איז געווען אין תורה אַזוי גרויס איז ער געווען אין מעשים טובים. ער האָט געפירט זיינע געשעפטן באמונה שלמה, כדי מפרנס צו זיין די פאַמיליע. זיין פרייע צייט האָט ער געווידמעט אויף תורה.

אַן ערלעכער ייד געווען, געשלאָסן גרויסע טראַנ־זאַקציעס אויפן וואָרט, און זיין ערלעכקייט איז געווען באַוווּסט אין די סוחרישע קרייזן. נאָך אין זיינע יוגנט־יאָרן, האָט, ער אויסגערופן באַוווּנדערונג ביי אַלע חברים מ,יט זיינע פעיקייטן, אַ פלינקער, שאַרפזיניקער תפיסה, פענאָמענאַלן זכרון. צו וואָס ער האָט זיך גענומען, איז אים אַלץ אָנגעקומען לייכט.

פון מיינע אויגן רינען טרערן, ווען איך דערמאַן זיך וועגן מיין צווייטן ברודער יונתן ז״ל. ער איז געווען אַ יראה שמים אַ שטילער רויִקער מענטש, אַ באַשיידענער גוטהאַרציקער, תמיד מיט דעם שמייכל אויף זיין פנים און מוכן ומזומן צו טוען טובות. באַ־קאַנטע, וואָס זענען געווען מיט אים אין לאַגער, דער־ציילן, אַז ער האָט נישט געגעסן די זופּן פון דער דייטשער קיך און זיך באַגנוגנט מיט געבראָטענע קאַרטאָפל און ברויט. אַפילו די דייטשע מערדער האָבן אים גערופן „דער ראַבינער״.

טרערן גיסן פון מיינע אויגן ווען איך דערמאַן זיך וועגן מיין שוועסטער, ליבע רייזל ז״ל, וועלכע איז געווען באַוווּסט מיט איר חכמה, צנועסדיקייט, גוטהאַרציקייט און באַשיידנקייט. זי איז געווען תמיד גרייט צו העלפן די נויטבאַדערפטיקע. דער מאַן איז

געווען אַ גרויסער למדן פון דער משפחה אורבאַך. נאָך אַלס יונגערמאַן האָט מען אים גערופן רב הירש. געוווינט אין סאָסנאָוויץ, און כמעט אין די ערשטע געיעגן וואָס די דייטשע מערדער האָבן געמאַכט אין שטעטל, האָט מען זיי אָוועקגעשיקט קיין טערעזיענשטאָדט. אין אַ קורצע צייט שפּעטער — אויך דעם מאַן און קינד, ווו זיי זענען אומגעקומען צווישן אַלע קדושים.

* * *

דאָס יאָר 1939 וועט מיר בלייבן אין זכרון אויף אייביק. און איבערהויפּט דער 31 אויגוסט 1939 — דער לעצטער טאָג פון מיין אַרבעט אין ביוראָ אין סאָסנאָוויץ. דער אייגנטימער האָט פאַרלאָזט דאָס שטעטל, און מיט דעם לעצטן צוג אָפּגעפאָרן קיין וואַרשע, ווו עס האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז דאָרט וועט זיין בעסער ווי אין זאַגלעמביע. און צומאָרגנס — דעם 1־טן סעפּטעמבער — זענען אַריין אין קראַפט ספּעציעלע מיליטערישע פאַרשריפטן און עס איז פאַרבאָטן געוואָרן דער ציווילער באַפעלקערונג צו פאָרן מיט די באַנען.

האָבנדיק פיל פרייע צייט, האָב איך באַשלאָסן צו באַטייליקן זיך אין אונדזער געשעפט וואָס האָט זיך געפונען אין צענטער שטאָט, און ווו ביז דאַמאָלט האָבן זיך נאָר די גאָטזעליקע עלטערן באַשעפטיקט.

עס דערגרייכן שוין קלאַנגען, אַז די דייטשן דערנעענטערן זיך. עס הויבט זיך א בהלה. מען ווייס נישט וואָס צו טאָן, אָבער יעדער טראַכט, נישט אַריינצופאַלן אין די הענט פון די מערדערס. מענטשן פּאַקן די פּעקלעך און באַשליסן צו פאַרלאָזן דאָס שטעטל. מענטשן גייען און גייען אָן סוף, אָן עק. אַ ים פון מענטשן. מען גייט, מען פאָרט, אַלע אין איין ריכטונג, מיט דעם וואַנדערשטעקן אין האַנט. עס פּאַלט אַ פּחד, מען ציטערט, אָבער אַלע פאַרלאָזן די וווינונגען — כדי אויסצומיידן דעם גיהנום.

אין שטעטל געפינען זיך אייניקע פאַמיליעס וואָס זענען נישט אומשטאַנד, צוליב געזונטהייטלעכע סיבות מיטצוגיין מיט דעם שטראָם, און צווישן זיי — אויך מיינע גאָטזעליקע עלטערן, וועלכע זענען געווען צו שוואַך צו גיין, און אַפילו צו פאָרן אַ ווייטן וועג. און מיר האָבן באַשלאָסן צוזאַמען מיט אונדזער געוועזענעם טייערן שכן משה אליעזר זאַרנאָוויעצקי ז״ל צו בלייבן און וואָס עס וועט פּאַסירן מיט אונדז, זאָל פּאַסירן.

און ווען איך האָב מיין בליק געוואָרפן אין גאַס, איז אַ ציטער אַדורך אין מיין קערפּער, זעענדיק ווי ברייט און לאַנג די גאַס איז, האָבן מענטשן געשטראָמט אָן אויפהער און אַלע געווענדעט אין דער ריכטונג פון אלקוש, קעלץ א.א.וו.

די עלטערן ווענדן זיך צו מיר, איך זאָל זיך ווענ־ניקסטנס ראַטעווען און גיין ווו אַלע גייען. אָבער דער ענטפער מיינער איז געווען ווי רות האָט געזאָגט צו נעמי „ותאמר רות אל תפגעי בי לעזבך לשוב מאחריך כי אל אשר תלכי אלך וכאשר תלוני אלין, עמך עמי ואלהיך אלהי, באשר תמותי אמות ושם אקבר.״

עס דערנעענטערן זיך קלאַנגען אַז די דייטשן געפינען זיך שוין אין נאָענטסטן שטעטל בענדין און דאָרט אונטערגעצונדן די שול, כדי אָנצוואַרפן אַ פּחד אויף דער באַפעלקערונג. כדי צו באַרעכטיקן זייערע אוממענטשלעכע טאַטן, האָבן זיי פאַרשפּרייט קלאַנגען, אַז די איינוווינער האָבן אויף זיי געשאָסן פון די פענצטער. מען קאָן זיך פאָרשטעלן די שטימונג ביי אונדז ווען עס איז דערגאַנגען די ידיעה, אַז די מערדערס דערנעענטערן זיך שוין צום שטעטל.

אין דער צייט געפֿין איך זיך מיט מיין פֿאָטער אין געשעפֿט, איך שטיי אויף דער שוועל, און פֿון דערווייטנס זעט מען שוין די געפּאַנצערטע אויטאָס דערנענטערן זיך אין אונדזער ריכטונג. די מערדערס מיט די אויסגעשטערעקטע ביקסן. זיי האָבן אַ פּחד אָנגעוואָרפֿן בלויס מיט זייער אויסזען — געפּאַנצערט פֿון קאָפּ ביז פֿוס.

דאָס האַרץ הויבט אָן צו קלאַפּן וואָס אַ מאָל שנעלער; דער גאַנצער גוף ציטערט, און מען ווייס נישט וואָס צו טאָן: שליסן אָדער נישט שליסן דאָס געשעפֿט. מיר באַראָטן זיך מיט אונדזער שכן משה אליעזר זשאַרנאָוויעצקי און באַשליסן נישט צומאַכן דאָס געשעפֿט און דאָס מיליטער איז אַדורך.

דאָס טאָג־טעגלעכע לעבן גייט ווייטער. אין די גרעסערע געשעפֿטן זעצט מען אַריין פֿאָלקס־דייטשן אַלס קאָמיסאַרן (פֿאַרוואַלטערס) פֿון געשעפֿט, און דערווייל באַשעפֿטיקט מען מיך, דעם אייגנטימער. אָבער דאָס איז נאָר געווען אַ קורצע צייט, און די דייטשן נעמען איבער כמעט אַלע געשעפֿטן.

עס שאַפֿט זיך אַ „יודענראַט" פֿון וועמען די דייטשן פֿאָדערן צו אָרגאַניזירן גרויסע גרופּעס יוגנט צו דער אַזוי גערופֿענע „איינזאַץ־אַרבעט". דער יודנ־



על מגרש המיון בדומברובה
לשליחת יהודים לאושביץ
אויסזידלונגס־זאַמלפּונקט פֿון דאָמבראָווער יידן
קיין אוישוויץ

ראַט הויבט אָן צו זיין טעטיק. זיי אָרגאַניזירן אַ יידישע מיליץ, וועלכע האָט די אויפֿגאַבע צוצושטעלן די געפֿאָדערטע צאָל יידן צו דער אַרבעט.

דער יודנראַט האָט געהאַט אַ גענויע ליסטע פֿון דער גאַנצער דאָמבראָווער יידישער באַפֿעלקערונג. אויף יעדן איינעם איז געוואָרן אַרויפֿגעלייגט אַ באַשטימטן שטייער, לויט דער אָפּשאַצונג פֿון אַן אויסדערווײלטע קאָמיסיע פֿון יודנראַט. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ דינגעניש, אַלע האָבן געצאָלט שטייער איבער די כוחות, אַלע האָבן פֿאַרשטאַנען אַז מיט זייער געלט און פֿאַרמעגן קויפֿן זיי זיך אויס פֿון אַ זיכערן טויט, ווייניקסטנס פֿון ארויסגעשיקט צו ווערן פֿון זייער היים. אויסער דער איינמאָליקער געלט־אַקציע האָט יעדער ייד געמוזט צאָלן יעדן חודש אַ סטאַבילן קאָפּ־שטייער און אויך דירה־געלט. אומאָפּהענגיק צו ער זיצט אין אַ קליינע אָדער גרויסע דירה. אַזוי ארום האָט זיך דער יודנראַט איינגעשאַפֿט אַ פֿאָנד, בכדי צו קענען צופֿרידנשטעלן די שטענדיקע פֿאָדערונגען פֿון די אָרטיקע דייטשן, ווי אויך צו דעקן די אַדמיניסטראַטיווע הוצאות פֿון יודנראַט.

דער דאָמבראָווער יודנראַט האָט געאַרבעט זייער ענערגיש. אַלע זענען געווען פֿעאיקע, טיכטיקע און צוגעפּאַסטע מיטגלידער, אַזוי אַז זיי האָבן פּינקטלעך אויסגעפֿירט די אַלע פֿאָדערונגען פֿון די דייטשן און זיי צופֿרידנגעשטעלט אויף דעם בעסטן אופֿן, אויסמיידנדיק דערווייל דעם גירוש און אומקום. יעדער מיטגליד פֿון יודנראַט האָט געהאַט זיינע באַשטימטע פֿונקציעס, אַזוי צום ביישפּיל האָט איינער זיך פֿאַרנומען מיט שאַפֿן מייסטערס, בעלי־מלאכות, און פּאַסנדע אַרבעטער צו פֿאַרשידענע אַרבעטן און צוצושטעלן אַלע נויטיקע מאַטעריאַלן און מכשירים צו דער אַרבעט. אַן אַנדערער האָט געהאַט די אויפֿגאַבע אין יודנראַט צוצושטעלן יעדן טאָג די געפֿאָדערטע צאָל שוואַרצע אַרבעטער צו פֿאַרשידענע אַרבעטן א.א.וו.

כסדר האָט דער דאָמבראָווער יידישער באַפֿעלקערונג באַאומרואיקט די קלאַנגען פֿון די ארומיקע שטעט און שטעטלעך, פֿון וועלכע מען האָט ארויסגעפֿירט אַ גרויסע טייל יידן אין די ערשטע מאָנאַטן ווען די דייטשן זענען אריין. דערווייל האָבן די יידן באַטראַכט די צוואַנגס־אַרבעט פֿאַר אַ שטיקל רעטונג, אַז דאָס איז דאָס איינציקע וואָס עס האַלט נאָך דערווייל אָפּ די דייטשן נישט צו פֿאַרניכטן מיט איין מאָל אַלע יידן. מען קאָן נאָך דערווייל אויסנוצן זייער אַרבעט און מיר, כל זמן עס קלאַפּט נאָך אַן אָדער, מוזן זיך טרייסטן מיט דער שוואַכסטער האָפֿנונג וועגן אַ נס מן השמים.

דער באַזיצער פֿון אַ קאַרטע איז „זיכער", אַז מען וועט אים נישט אַוועקשיקן; אָבער די דייטשן האָבן שוין דאַמאָלס געוועבט אַ מערדערישן פּלאַן, פֿון וועלכן מיר האָבן קיין אַנונג נישט געהאַט: די קאָנצענטראַציע פֿון דער יידישער באַפֿעלקערונג אין

געוויסע ערטער, אַז די מערדערישע פּלענער זאָלן זיי אָנקומען לייכטער.

איך דערמאָן זיך — דאָס איז געווען דעם 10טן אָקטאָבער 1939 — באַזוכט אונדז אַ קרוב פון מיין געוועזענעם צווייטן שותף ווו איך האָב צייטווייליק געאַרבעט, און דערציילט מיר אַז היות דער בוכהאַלטער איז אין פּוילישן מיליטער, קאָן איך דעם פּאָסטן איבערנעמען. דאָס איז געווען אין דער מיל פון וואַלדליפּעראַנט קליינבערג אין ניי בענדין, 5—6 קילאָמעטער פון דאָמבראָווע.

איך האָב איינגעשטימט אָנצונעמען דעם פּאָסטן, כדי צו באַקומען די אַזוי גערופענע „קען־קאַרטע”, וואָס פאַרזיכערט צייטווייליק דעם מענטשן פון אַוועקשיקן אין אַרבעטס־לאַגער.

איך האָב אָנגעהויבן אַרבעטן און געפאָרן טאָג־טעגלעך צו דער אַרבעט, אַ חוץ מיר זענען נאָך דאָרט געווען באַשעפטיקט איניקע בעאַמטע.

עס זענען פאַרביי עטלעכע טעג איז דערשינען אין דער מיל אַ פאָלקס־קאָמיסאַר און איבערגענומען די ליטונג פון דער מיל און דערווייל איבערגעלאָזט די אייגנטימער און אויך דאָס גאַנצע יידישע פּערסאָנאַל. און אַזוי ווי די גאָטזעליקע עלטערן האָבן די קינדער דערצויגן אין רעליגיעזן גייסט, האָב איך גלייך געמאָלדן דעם קאָמיסאַר, אַז איך אַרבעט נישט אין שבת, און ער איז דערצו מסכים געווען. טאָג־טעגלעך בין איך געפאָרן מיט אַ ספּעציעלער דערלויבעניש פון דער פּאָליציי פון דאָמבראָווע קיין בענדין, ווו איך האָב געאַרבעט 10 ביז 12 שעה טעגלעך, ווייל אַ מיל איז אָנערקענט געווען ווי אַ לעבענסוויכטיקער „באַטריב” (פאַבריק) און פאַרלאַנגט אַרבעט פון פרי ביז אָוונט.

דער פאָלקס־קאָמיסאַר איז נישט לאַנג געבליבן אויף זיין פּאָסטן. אין אַ געוויסן פרימאָרגן פאַרפאָרן אין די מיל איניקע דייטשן אין ביוראָ. שטעלט דער קאָמיסאַר פאָר דעם נייען רייכסדויטשן לייטער פון ביליץ מיט זיין גאַנץ פּערסאָנאַל וואָס ער האָט מיט זיך מיטגעבראַכט. מיר, די אָנגעשטעלטע, האָבן גלייך פאַרשטאַנען אַז עס איז געקומען די צייט צו פאַרלאָזן אונדזערע פּאָסטנס. וואָס מיר האָבן פאָרויסגעזען, איז געשען. דער נייע קאָמיסאַר לייענט די נעמען פון דעם יידישן פּערסאָנאַל, וואָס דאַרף פאַרלאָזן די אַרבעט, און מיין נאָמען האָט ער נישט דערמאָנט. איך האָב נישט געוווסט אַז דער פריערדיקער קאָמיסאַר האָט איבערגעגעבן דעם נייעם, אַז איך בין אָנפירערין פון דער מיל, דערצו גוטע בוכהאַלטערין און באַזיץ אין וואָרט און שריפט חוץ די פּוילישע אויך די דייטשע שפּראַך און איך קאָן זיך פאַרשטענדיקן מיט דער אָרטיקער באַפעלקערונג. איך האָב פאַרשטאַנען אַז די דייטשע לייטערן, וואָס איז געקומען אויף מיין פּלאַץ וועט נישט קאָנען אין אַ קורצע צייט באַהערשן די פּוילישע שפּראַך און איבערנעמען מיינע פונקציעס.

איך וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן וואָס איז ווייטער פאָרגעקומען. איך דערצייל די עלטערן אַז אַ דייטשער קאָמיסאַר האָט איבערגענומען די לייטונג, און זיי פרעגן מיך, אָב איך האָב שוין גערעדט מיט אים וועגן שבת. איך האָב באַשלאָסן צו רעדן מיט דעם נייעם קאָמיסאַר דאָנערשטיק. עס קלאַפּט דאָס האַרץ און עס קלינגט נאָך די ברכה פון די עלטערן אַז איך זאָל מצליח זיין. איך שטאַרק מיך און ווענד מיך צו אים מיט מיין בקשה:

היות מיינע עלטערן און איך זענען רעליגיעזע און איך האָב ביז איצט אין שבת נישט געאַרבעט, בעט איך, מיך ווייטער צו באַפרייען. און דער ענטפער זיינער איז געווען פּאָזיטיוו. ד.ה. אַזוי ווי עס איז געווען, וועט עס בלייבן.

נאָך עטלעכע חדשים האָט די מיל ווידער איבערגענומען אַ דריטער קאָמיסאַר, אָבער ער איז שוין געווען אַ בעסטיע און מען האָט ממש געציטערט מיט אים צו רעדן. ער האָט מיך אָנגעהויבן רודפ׳ן וועגן אַרבעטן אין שבת און מיך אָפּגעזאָגט פון פּאָסטן.

דעמאָלס האָבן די דייטשן שוין קאָנצענטרירט די יידישע באַפעלקערונג אין ספּעציעלע קוואַרטאַלן, אין ענגע שמאָלע געסלעך, כדי צו האָבן אַן אויפזיכט איבער אונדז און מיר זאָלן נישט קאָנען אויסבאַהאַלטן זיך. איך האָב אָנגעהויבן אַרבעטן אין אַ געשעפט, אויף אַ קליינעם פאַרנעם אין יידישן קוואַרטאַל.

אין צווישנצייט, אין יאָר 1941, זענען די גאָטזעליקע עלטערן נפטר געוואָרן און אַלע האָבן מיך מקנה געווען, ווייל זיי האָבן זוכה געווען קומען צו קבר ישראל.

איינמאָל אַ שבת, וועלנדיק אַריינגיין צו אונדזער שכן אין זעלבן קאָרידאָר, באַמערק איך אַז אַ מאַן דרייט זיך אַרום. איך דערקען אין אים איינעם פון די אָנגעשטעלטע פון דער מיל, ער זאָגט מיר אַז ער זוכט מיך, ממש נישט צו גלויבן, דער זעלבער

קאַמיסאַר, וועלכער האָט מיך אָפּגעזאָגט צוליב דעם וואָס איך האָב נישט איינגעשטימט צו אַרבעטן שבת, בעט מיר צוריקצוקומען צו דער אַרבעט.

אין ערשטן אויגנבליק האָב איך עס אָנגענומען אַלס שפּאַס, אָבער ער האָט מיך איבערצייגט אַז טראָץ דעם וואָס זיי האָבן געגעבן באַקאַנטמאַכונגען אין דער צייטונג, אַז זיי זוכן בוכהאַלטער, האָט זיך קיי־נער נישט געמאָלדן. דעריבער איז ער געצוווּנגען צו בעטן די יידישקע, זי זאָל באַוויליקן צוריק קערן זיך צו איר פֿאַריקער אַרבעט, און באַקומען די געהעריקע דערלויבעניש מצד די פּאָליציי צו פֿאָרן צום אַרבעטס־פּלאַץ.

עס איז פֿאַרגאַנגען נאָך אַ יאָר און אָן אויפֿהער שיקט מען ווייטער ארויס גרופּעס יידן, אָבער שוין נישט אין אַרבעטס־לאַגער, נאָר אין פֿאַרניכ־טונגס־לאַגערן, ווי אוישוויץ, מיידאַנעק, טרעבלינקע און נאָך אַנדערע, ווו עס איז קליינע האָפֿענונג, צו בלייבן דאָרט ביים לעבן. טאָג־טעגלעך, קומענדיק פֿון דער אַרבעט, דערציילן מיר די באַקאַנטע און שכנים, אַז די רעוויזיעס דויערן ווייטער, מען נעמט שוין יידן פֿון די שאַפֿן, פֿון אַנדערע אַרבעטס־פּלעצער, ווי אויך די אַנגעשטעלטע פֿון די ביוראָס און מען שיקט זיי אַוועק. די באַקאַנטע עצה׳ן מיך נישט פֿאָרן מער צו דער אַרבעט, ווייל דער זעלבער גורל וואַרט אויך מיך.

קומענדיק איינמאָל צו דער אַרבעט, דערציילט מיר דער קאַמיסאַר, אַז אזוי ווי די פּאָליציי זוכט מיך, זאָל איך מיך אויסבאַהאַלטן אין דער מיל. איך בין געווען זיכער, אַז ער איז פֿאַראינטערעסירט מיך צו פֿאַרטיי־דיקן. אָבער עס האָט נישט געדויערט לאַנג און ער האָט מיך איבערגעגעבן אין די הענט פֿון דער גע־שטאַפּאָ. דאָס איז געווען דעם 19. פֿעברואַר 1943.

זיי האָבן מיך געשיקט אין „דולאַג" אין סאָסנאָ־וויעץ אין דורכגאַנגס־לאַגער, ווו די סאַניטאַרע באַדינ־גונגען זענען געווען אונמענטשלעכע, און דאָרט מיט אַנדערע פרויען פֿון פֿאַרשידענע שטעט זיך געטראָפֿן און געטיילט זיך מיט די ליידן און געוואַרט אויף הילף.

איינמאָל קומט צו גיין אַ הינקענדיקער דייטש (מיט דעם נאָמען האושיל), ער מאַכט אַן אַפּעל און טרייסט אונדז, אַז ער וועט אונדז שיקן אין אַרבעטסלאַגערן און ווענדעט זיך צו אונדז בזה הלשון:

„איך ברויך פרויען צו פֿאַבריק און ביוראָ־אַרבעט מיט קוואַליפֿיקאַציעס, און אויב עס געפֿינען זיך צווישן אונדז אַזעלכע, זאָלן אויסטרעטן. איך טראַכט, נישט צו זיין די ערשטע, אָבער ווען צוויי שטייען שוין אין די ריי אַלס קאַנדידאַטקעס, טרעט איך אַרויס די דריטע, דאַן קומט אַ פֿערטע, און דער קאָמפּלעט איז געשאַפֿן געוואָרן. דער דייטש גיט אונז צו פֿאַרשטיין,



קבר אחים — אַ ברידער־קבר

אַז מיר וועלן געטריי אַרבעטן, וועט אונדז נישט פֿעלן קיין עסן, און אויב מיר וועלן די אַרבעט סאַבאָטירן, שיקט ער אונדז אין ערגסטן לאַגער קיין בויטן.

אין דער זעלבער נאַכט, 2 אַ זייגער, מאַכט מען אַן אַפּעל און מען גרייט זיך אין וועג. די נאַכט איז פֿינצטער, די דייטשן באַפֿעלן זיך אויסשטעלן אין שורות צו פֿיר. יעדע איינע האָט מיטגענומען די פּעק־לעך וואָס מען האָט געהאַט פֿון דער היים, אָבער דער באַפֿעל איז אַלץ איבערצולאָזן. מען קאָן זיך נישט מאַרשטעלן די שטימונג וואָס האָט זיך געשאַפֿן נאָך דעם באַפֿעל, אַ סימן אַז מען וועט אונדז נישט שיקן אין אַרבעטס־לאַגערן, נאָר אין פֿאַרניכטונגס־לאַגער. אַלענפֿאַלס נישט קוקנדיק אויף דעם באַפֿעל, האָט יעדע איינציקע מיטגענומען לויט די כוחות. מען גייט אין שורות; דייטשן מיט די הינט היטן אונדז, אַז עמי־צער פֿון אונדז זאָל נישט אַנטלויפֿן. מיר קומען צו דער באַן און פֿאַרנעמען ערטער, אין יעדער אָפּטיי־לונג אַ שומר. איך ווענדע מיך צו אים מיט אַ פֿראַ־גע, ווו אַהין פֿאָרט מען? און דער ענטפֿער איז: אַר־בעטסלאַגער פּאָולבריק. אָבער מיר גלויבן נישט, און ער גיט אונדז אַ צייכן אַז מיר פֿאָרן נישט דורך מיסלאָוויץ (דאָס הייסט אושוויענצים), ער האָט אונדז ממש אַ נייע נשמה אריינגעזעצט.

שפּעט ביינאַכט קומען מיר אָן הונגעריקע, דורש־

טיקע, אין לאַגער. מען הײסט אונדז אופזאַמלען פוש־קעס פון קאָנסערוון, וואָס ליגן אויף דעם הויף און זיי וועלן אונדז טיילן אַ ביסל זופּ. איך האָב פון אָנהויב רעזיגנירט, און מיך נישט געוואָלט אונטער־געבן, אָבער ווען דער הונגער איז גרעסער געוואָרן, ז׳איז קיין עצה נישט געווען. די פרויען וואָס זענען צעגעטײלט געוואָרן צו פאַבריק, האָבן געמוזט אליין אַלץ אָרגאַניזירן. ס׳איז געווען אַ צוקער פאַבריק, און מיט בשותפותדיקע כוחות האָבן מיר אַלץ ריין גע־מאַכט, אַריינגעשטעלט בעטן. דאָס האָט געזאָלט זיין אַ נייע היים פאַר אונדז. מיר, די 4 פרויען, וועלכע זענען געוואָרן אויסגעוויילט צו אַרבעטן אין ביוראָ, האָבן געוואָרט אויף אַ נס, נישט קאָנענדיק זיך דער־וואַרטן, פרעג איך איינמאָל דעם דייטש, פאַרוואָס מיר ווערן נישט צוגעטײלט צו אונדזער אַרבעט. דער ענט־פער איז אַז זיי האָבן נישט באַקומען אַזאַ באַפעל. פאַרלויפיק האָבן מיר אַנדערע אַרבעטן געטאָן. איינמאָל קומט דער דייטש און רופט אונדז. מיר זענען צע־טומלט געוואָרן, איז עס מעגלעך, איז דאָס נישט קיין חלום, אַז יידישע פרויען זאָלן אַרבעטן אין ביוראָ אין לאַגער, אָבער דאָס איז די ווירקלעכקייט. אין דעם זעלבן ביוראָ האָבן געאַרבעט 4 מענער, אָבער צוליב אַ באַפעל אַז קיין מענער דאַרפן נישט אַרבעטן מער אין ביוראָ, האָבן מיר געדאַרפט איבערנעמען פון זיי די אַרבעט.

די דייטשן זענען געווען צופרידן פון אונדזער אַר־בעט. עס איז געווען אויך אַ דייטשע ביוראָ, און מיר 4 יידישע פרויען זענען געזעסן אין אַ באַזונדער צי־מער. דער לייטער פון דייטשן־ביוראָ און די בוכהאַל־טערן זענען געווען אָנשטענדיק; זיי האָבן אונדז פון צייט צו צייט אַריינגעטראָגן עסן פון דער אַרישער קיך. דער לייטער פלעגט אויף יעדן זונטיק פאָרן קיין ברעסלאו צו דער משפחה, און יעדן מאָנטיק פרי פאַרבײגייענדיק אונדזער צימער, פלעגט ער אויפמאַכן די טיר און אַריינגעבן קוכן, עפּעלעך, אַ פראַשיק צו וואַשן וועש, לא יאומן כי יסופר.

אַ דאַנק די דייטשע לייטערין האָבן מיר געהאַט אַ באַזונדער צימער צו שלאָפן. פריער זענען מיר גע־שלאָפן אין אַן אַלגעמיינעם צימער, בערך ביי 150 פרויען. מיר זענען נישט געווען אויסגערוט, דען די מיידלעך פלעגן פון קיך שפּעט צוריק קומען, און דער רעש איז געווען גרויס. מיר האָבן זיך צוערשט געוואַנדן צו דער יודנעלצטע, זי זאָל אונדז געבן דאָס צימערל פון מאַגאַזין וואָס פלעגט מערסטנטייל זיין לעדיק. נעמענדיק אין אַכט אַז מיר רוען זיך נישט אויס ווי געהעריק און פאַר דעם קלענסטן פע־לער וואָס מיר קאָנען מאַכן, קאָנען די דייטשן אָננע־מען אַלס סאַבאָטאַזש. האָט די דייטשע לייטערין אונ־דזער אַרגומענט באַוויליקט, און געגעבן אַ באַפעל די יודענעלטסטע זאָל אונדז צוטיילן דאָס צימער.

דער כעס אויף אונדז האָט ביי דער יודענעלצטע שטאַרק געברענט, און זי האָט געזוכט ווי אַזוי זיך אין אונדז נוקם זיין.

איינמאָל קומענדיק פון דער אַרבעט פאַרשטעלט זי אונדז דעם וועג און ווענדעט זיך צו אונדז אויף פויליש:

„מיידלעך, עס איז אָנגעקומען אַ וואַגאָן מיט שפּי־נאַק, וועלכן מען דאַרף אויסלאָדענען". און זי איז געגאַנגען איר וועג. ווענד איך מיך צו מיינע קאָלע־גינס. מיר זאָלן דאָס נישט טאָן, ווייל איך צווייפל, אויב זי קאָן אונדז באַשעפטיקן נאָך אונדזער אַרבעט.

נאָך אַ געוויסער צייט, זעענדיק אַז דער שפּינאַק ליגט אין דרויסן, וואָרנט זי, אַז אויב אין 10 מינוט וועלן מיר דעם שפּינאַק נישט באַזאָרגן אין מאַגאַזין, וועלן מיר קיין אָונטברויט, און די קאַרעספּאָדענץ הײנט נישט באַקומען. ערשט נאָך אַן אינטערווענץ פון דער דייטשער לייטערין האָט זי געביטן די באַ־ציונג צו אונדז און פלעגט אונדז נאָך מיטברענגען ברויט, פּוטער א.א.וו.

אַלס ביוראַליסטינס האָבן מיר געקאָנט באַקומען איניקע פּאַרציעס, האָבן מיר זיי צעטײלט צווישן די אַרבעטנדע מענער, וואָס פלעגן קומען פון אַנדערע לאַגערן.

אין 1944 איז דער לאַגער פאַרקלענערט געוואָרן און מיר האָבן באַקומען אַ באַפעל איבערצוגיין אין לאַגער „גראַודיטץ", ווו עס האָבן געהערשט אונ־מענטשלעכע סאַניטאַרע באַדינגונגען. דער יודענעלצ־טער האָט זיך נישט פאַראינטערעסירט מיט דער מאַנשאַפט און עס איז אויסגעבראָכן אַ טיפוס־עפּידע־מיע און הונדערטער מענטשן זענען געשטאָרבן. מיר, 4 פרויען ביוראַליסטינס, האָבן זיך געמאָלדן פריי־וויליק ריינצומאַכן די צימערן, דעזינפעקצירן. מען האָט אונדז אָפּגעגעבן דעם גרעסטן כבוד.

סוף 1944 האָבן מיר באַקומען אַ באַפעל אַריבער־צוגיין קיין פעטערוואַלדאַו אין אַן אַמוניציע־פאַבריק, ווו די רוסן האָבן אונדז באַפרייט אין 9טן מאי 1945.

אריה וועקסלער

אין די לאגערן:
אשוויענטשים, מאסלאוויטש, דאכאו

דעם 1. סעפטעמבער 1939, ווען דער קריג איז אויסגעבראָכן בין איך געווען אַלט 17 יאָר, אַ טאָג נאָך שמחת תורה בין איך געשיקט געוואָרן מיט נאָך עטלעכע הונדערט בחורים אין אַ טראַנספּאָרט ביי דער אָנפירונג פון מאָניעק מערין אין אַן אַרבעטס־לאַגער „קליין־מאַנגעסדאָרף", עס האָט געהייסן אַז מיר וועלן דאָרט אָפּאַרבעטן אַ פּאָר חדשים און נאָכדעם וועט מען אונדז אויסטוישן. באַלד האָבן מיר דאָרטן דערפילט די פויסט פון די נאַציסשע מערדער. מיר האָבן געאַרבעט זייער שווער, נישט געקריגן קיין עסן צו דער זאַט, און מען האָט אונדז זייער געפייניקט, אַזוי אַז איך בין אין דער בעסטער יוגנט אָפּגעשניטן געוואָרן פון מיין טייערער היים. איך האָב זיך געוואַלגערט פון איין לאַגער צום צווייטן, געליטן הונגער און פּיין, זייער שווער געאַרבעט און געזען דעם טויט פאַר די אויגן. ס׳איז שווער צו באַשרייבן וואָס איך האָב דורכגעמאַכט ביז צו דער באפרייאונג. איך בין געווען אין 3 לאַגערן: אַשוויענטשים, גרויס מאַסלאָוויץ און אין דאַכאַו, ווו איך בין פאַרמשפּט געוואָרן צו גיין אין קרעמאַטאָריום, און בין על־פּי־נס ניצל געוואָרן. אין דאַכאַו בין איך באַפרייט געוואָרן דורך די אַמע־ריקאַנער, אָבער איך בין געווען אַזוי קראַנק אַז איך האָב בכלל נישט געוווסט וועגן מיין באפרייונג.

איך בין געלעגן אין שפּיטאָל אונטער דער אויפ־זיכט פון די אַמעריקאַנער ביז איך האָב אָנגעהויבן קומען ביסלעכווייז צו זיך. איך האָב מיך אָנגעהויבן צו פאַראינטערעסירן צי עס איז ווער געבליבן פון מיין פאַמיליע. ליידער איז פון זיי קיינער נישט געבליבן.

מיין משפחה־כראָניק

מיין זיידע שמעון ע״ה איז געווען אַ גרויסער תלמיד חכם מיט מידות טובות, אהבת אדם. ער האָט געהאָלפן מיט גמילות חסד, זיך באַטייליקט אין אַלע צדקה־אינסטיטוציעס און געווען באַליבט אין אַלע קרייזן. 3 ביינאַכט פלעגט ער שוין זיצן אין בית־מדרש ביי אַ גמרא און לערנען, אַזוי מיין באָבע ריבעלע ע״ה איז געווען אַ פרוי אַ צדיקת, געפירט די שטיב באַשיידן, אַלע וואָס האָבן זי געקענט האָבן איר גרויס כבוד אָפּגעגעבן, זי האָט באַשיידן געהאָלפן יעדן וואָס האָט זיך געניטיקט. אין די וועגן איז געגאַנגען מיין טייערער פאָטער משה הערש ע״ה מעשה אבות ירשו בנים, געווען אַ חסיד אַן ערליכער מענטש. קובע געווען עיתים לתורה, באַ־טייליקט זיך אין אַלע מוסדות צדקה, געהאָלפן ווער עס האָט זיך געניטיקט אין אַ גמילות חסד, אַלעס בצנעה, באַשיידן, געליבט געווען ביי אַלעמען, ווי אויך ביי קריסטן מיט וועלכע ער איז געווען אין קאָנטאַקט מיט מסחר. זיי האָבן אָנערקענט זיין ערליכקייט אין האַנדל. מיין מאַמע חייטשל ע״ה פלעגט מיט איר קליג־שאַפט און ערליכקייט, מיט וואַרעמקייט העלפן בויען די שטוב, ווי אַן אשת חיל דערצויגן די קינדער אין יידישן וועג און אויך אין וועלטלעכע לימודים, געווען אַקטיוו אין אַלע חברות צדקה. מיינע 4 ברידער שמואל, בערל, מאָטל און יעקב ע״ה און די איינציקע שוועס־טער באַשקע ע״ה זענען געווען רעליגיעז און וועלט־לעך מיט זייער איידלקייט, העפלעכקייט און מענטש־לעכקייט. מיין שוועסטער איז, ווי מ׳האָט מיר נאָך דער מלחמה דערציילט, געשטאָרבן אויפן וועג קורץ פאַר דער באפרייאונג. מיין מאַמע, טאַטע און די ברידער זענען אַוועק מיטן לעצטן טראַנספּאָרט פון שראַדאָלע קיין אוישוויץ. געגאַנגען אויפן מזבח אויף קידוש השם. אַזוי איז פאַרטיליקט געוואָרן דורך די נאַציסשע רוצחים מיין טייערע משפחה.

יתגדל ויתקדש שמיה רבא.

לאה שלנגר (טננבוים)

נתיב יסורי בשואה

לרבים כיום דומבדובה היא רק נקודה במפת פולניה שלאחר המלחמה. אך בשבילנו, שנולדנו בעיר, זו הטרגדיה הגדולה בחיים. קשה במיוחד מסירת פרטים מפי אדם אשר חי ועבר זוועות אלה מיום הכיבוש הראשון ועד יום חיסולה של קהילתנו.

דומה היתה עירנו לכל ערי פולניה המאוכלסות יהודים על מפלגותיהם, תנועותיהם והמוניהם הסוחרים, הפועלים, העשירים והדעבים ללחם. המאבק האידיאולוגי ברחוב היהודי הלך וגבר, אך גם השפעת הקומוניזם הלכה וגברה בין המוני היהודים הנתונים לסכנת האנטישמיות ההולכת וגוברת פיזית ונפשית. לא ניתן לרכוש השכלה. מקומות העבודה עבור יהודים הלכו והתמעטו וכך הלכה ותפסה המחשבה על עליה לארץ את מקומה הראוי במחשבת היהודי הפשוט והמשכיל כאחד. רבים היו מאורגנים בתנועה הציונית ואירגוני הנוער השונים, ואלה חתרו בלב ובנפש למטרה הנאצלה: להגיע ארצה בכל הדרכים. משפחות אשר זכו ובניהם הגיעו לארצם המיוחלת — גאות לבם היתה גדולה. קבלת מכתב מבניהן היתה יום חג למשפחה, לשכנים, לדיירי הבית כולו. המכתב נדד מיד ליד והיווה נקודת אור בחיי היום־יום האפורים. מאידך — גברו גזירות קיצוץ העליה וכך היינו נתונים בין סדן העליה וגל האנטישמיות.

חיינו בצל האנטישמיות העולה. גברה גם ההרגשה של אסון המלחמה ההולכת וקרבה. הציבוריות היהודית נתונה היתה באוירה של מאורעות קשים העומדים להתרחש, אך מי פילל שאכן עד כדי כך ישתנו פני הדברים.

העיר דומברובה היתה מחולקת לשניים: „הוטה בנקובה" ו„רדן" ובין השניים מפריד שטח ביניים של מיכרה עזוב. בדומברובה חיו יהודים בשני חלקי העיר, והעריכו שהם היוו 10% מכלל האוכלוסיה.

אופיינית היתה אוכלוסית היהודים ברדן. את השכונה חצה הרחוב המרכזי על שם יאדוויגה המלכה ובצדדיו סימטאות קצרות. שוכני רדן היהודיים היוו מעין משפחה אחת על כל גווניה וסוגיה. היו דמויות שאין לשכחן. אזכיר את בית הרצל ויהודית ליבדמן שהצטיין בכך שהיה בית פתוח לכל: לקרוב ולרחוק. אזכיר את שרהל'ה בייטנר המסייעת והמעודדת כל בית אשר בו חולה על ערש דווי, ורבים דבים אחרים.



מקורות משפחתי מראשוני המתישבים בדומבדובה. אזכור את סבי בינם וסבתי פריידל, אנשים דתיים ומכובדים בעיר. כמינהג הזמן עזבו הבנים והיגרו לארצות חוץ, שניים יצאו לארצות הברית, ושניים נשארו בעיר. הצעיר ביניהם הוא לייזר טננבוים, לימים מפעילי התנועה הציונית בעיר, מהמשכילים, מנהל הבנק המקומי ומקובל בין הבריות, כמו כן ידוע היה כעיתונאי. אבי שמעון היה הבן הבכור, יהודי למדן ושקדן על התודה, מכובד היה ומקובל על הכל, מן הותדנים והנוחים לבריות, תמיד היה במרכז החיים בבית המדדש וקהל דב שומע בצמא דברו. היה מלמד זכות על כל אחד. אף את ילדיו חינך ללכת בדרך זו.

עד 1938 גרנו ברדן, אך בפרוץ החוליגניות עברנו לרחוב 3 במאי. היו אלה הסימנים הראשונים של הסופה המתקרבת, וכך מצאה אותנו המלחמה אשר פרצה ב־1 בספטמבר; גיוס ובהלה ואין יודע מה ילד היום.

ביום השלישי של המלחמה החלה המנוסה הגדולה מזרחה. ברגל וברכב זרמו המונים מבלי לדעת לאן, אך דחף פנימי קבע שרק מזרחה. לא ארכה התנועה ולנגד עינינו פרצו קלגסי היטלר כשהם מקיפים אותנו, ומעל לראשנו האווידיה הגרמנית, לא היה טעם להמשיך במסע. כל התיקוות נגוזו. החלה התנועה חזרה ממרחק 40—30 ק"מ מעירנו. כאן ראינו כבר במו עינינו את הקרבנות הראשונים בני עירנו. אחד הראשונים היה לייבל מאנלה, אך עוד רבים אחדים מצאו מותם בימים אלה של תוהו־ובוהו. חזרנו לבתינו שבינתיים גם נשדדו לא מעט על ידי שכנינו הפולנים.

החלו ימי המלחמה, כשהמצרכים הראשונים נעלמים, והעמידה בתור ללחם מדאה סימנים ראשונים לצפוי לנו. עם זאת החלו פעולות הדיכוי וההתנקשויות ביהודים. הוטל עוצר חמור וכך גברה הרגשת האין־אונים למתרחש. הגיעו גם ידיעות על בני נוער שהיו מגויסים בצבא הפולני ונפלו מיד בפרוץ האויב

לגבולות פולניה, וביניהם בנים יקרים כמנדק שיינוקסלר, קופרברג, באליצקי ועוד.

כשנעצרו הגרמנים בגבול הרוסי החדש נוצרה מציאות פוליטית חדשה של קירבה לעולם הרוסי. החלה נהירה מעבר לגבול. היתה זו דרך מסוכנת רבת חתחתים שלא מעטים מצאו בה מותם. לא מעטים מבני הנוער התלבטו קשות, הלנטוש את הוריהם ולמלט נפשם. הייתי עדה ללבטיה של אחותי מאשה. אישיות אינטלקטואלית היתה, מקובלת על בני הנעורים, בעלת מראה נאה ועם זאת קשורה קשר חזק למשפחתה, וכך הכריעה ונשארה אתנו. אחי ז״ל נמנע מלעזוב את ביתו. הוא חשש מאוד לחייו עקב קלסתר פניו היהודי וזקנו. יהודים קיימו מנינים בבתים פרטיים ובלבד שלא להתקהל במקומות ציבוריים. זוכרת אני את אחד ממרכזי התפילה בבית קאנאריק.

יהדות דומברובה הלכה ונמוגה, המעמד הכלכלי הלך ונהרס, בתי מגורים וחנויות הולאמו ונמסרו ל„פולקס־דויטשן" שהגיעו בהמוניהם. אוירת חדלון אפפה את כולנו וכך, ב־15.6.1940, פקד אותנו גם האסון המשפחתי כשאבינו נפטר מיתת נשיקה במוצאו את מותו במיטה. היה זה גם יום היסטורי כשנודע לו על נפילת פאריז, הנושא שהסעיר את הרוחות באותו יום מר וכנראה קירב את קיצו. אמנו היקרה נשברה ועול הבית נפל על אחותי מאשה ואחי משה. אחינו אברהם היה בארץ בטרם המלחמה ואחותנו אידה עברה לגור בסוסנוביץ. נשאר אתנו סבנו בינם, שנפטר במאי 1943.

אבינו השאיר אחריו כתבי־יד לא מעטים וחילופי מכתבים בסוגיות שונות עם גדולי הרבנים בפולניה. אחד העיסוקים המקובלים עליו היה התרת עגונות, וזכורני מקרה אחד בו עסק ושהיה קשור עם בריחתו של אחד הבעלים לארץ ישראל. אספנו את עזבונו של אבא כנכס יקר ושמרנו עליו מכל משמר.

במהלך הטרור הגדול שהלך וגבר ברחוב היהודי נתפס אחי יחזקאל והועבר לגרמניה, וכך הלך ונהרס ביתנו. אך לא היינו היחידים. כל האוכלוסיה היהודית נסגרה בגיטו צר — איזור מיעיסקא על יד בית הכנסת הגדול. התחילה תקופת ה„יודנראט" והן השנים 1941—43.



כל האוכלוסיה היהודית שנשארה עבדה כידוע ב„שופים" ובמפעלים גרמניים שונים. חלק ניכר עבר לעבוד במפעלי רוזנר בבנדין. היה זה גרמני אציל שגילה יחס אוהד לעובדיו היהודים ואכן, בשנת 1943, שילם בחייו עבור יחסו זה במותו במרתפי הגיסטאפו. שעות העבודה, ביחוד במפעלו של רוזנר, היו שעות שהשכיחו לא מעט את שאלות היום והזמן. בזמן העבודה נעלמו כל הבדלי מעמדות ומוצא והיינו משפחה אחת. לאחר העבודה היתה דאגה להבטיח את הקיום לבני הבית וזאת בדרכים שונות.

אך לא ידענו שהולך ומתקרב יום מר ומכריע בגורלנו. ה־8 באוגוסט 1942 היה היום שנקבע כיום חופש. היה זה יום קיץ בהיר בו נקראו כל היהודים לריכוז אחד באיזור הגיטו. תמימים היינו ולא הרגשנו במלכודת שמכינה לנו הגיסטאפו. ראינו בזה רק מיפגש ואכן באו יהודים לבושים בבגדי חג כלפגישת רעים וידידים, אך חיש מהר נוכחו לדעת שאכן יהיה זה גיא ההריגה. החלה האקציה הגורלית וניפו את כל הנאספים לסוגים שונים. כל משפחה הופרדה: זקנים, מבוגרים, ילדים, כל אחד לכיוון אחר, וכך נחרץ גורלנו. אוירת פחד ומות אפפה את כולנו. הגשם החזק שהחל לרדת הביא למנוסת כל הנאספים, אבל כוח הגיסטאפו גבר, והרוב נתפסו.

לפנות ערב החלו לחזור בודדים לבתים המיותמים. בכי מר — על אבות ואמהות שאינם, על ילדים שנעלמו, על אשה ובעל שלא חזרו — פרץ מכל בית. היה זה סימן ראשון להתמוטטות המחשבה „מיר וועלן זיי איבערלעבן" (אנו נחיה לאחריהם). החלה לחדור ההכרה שאכן מרה המציאות ואנו מובלים לטמיון.

ושוב עברה שנה על כל מאורעותיה, והגיע אוגוסט 1943 ובו פקודת הגירוש מדומברובה, חיסול הגיטו המקומי והעברת מעט הנשארים לגיטו שרודולה בסוסנוביץ. עוד בפעולות 1942 התרכזו בגיטו דומברובה שרידי הקהילות הקטנות בסביבתה (גולינוג, זומבקוביץ, סטזעמיעשיץ ועוד), וכך יצא למעשה הגירוש והריכוז לשרודולה על כל יהודי האיזור. חלק מהם הועבר לקמיינקה בבנדין ואילו יתרם — לשרודולה בסוסנוביץ. היתה זו התחנה האחרונה של יהדות דומברובה בדרכה אל המוות.

הגענו לשרודולה בימי שלישי ורביעי, אך בליל שבת (צחוק הגורל) החלה האקציה הגדולה, בה נחטפו והובלו למשרפות אושויץ מאות ואלפי יהודים. את זוועות הימים והלילות אין לתאר בשפת אנוש. ההוראה היתה להפוך את שרודולה לנקודה נקיה מיהודים — כל אשר ימצא בשטח יירה.



לוויתי מספר פעמים את המובלים לקרונות המוות. כיצד הצלחתי להימלט וכיצד מצאתי לי מקלט בבונקרים, זהו סיפור בפני עצמו שאין בכוחי לחזור ולשחזרו מחדש. וכך ב־1.9.1943 מצאתי מיסתור לאחותי ולעצמי (את אמי ובני ביתי איבדתי) בבונקר מוסווה יפה שבו התאספנו, כ־30 איש שרידי בני עירנו ונלווים אחרים מיהודי האיזור. ימים אחדים היינו כלואים בבונקר מבלי לצאת ולהראות סימן חיים מפחד השוטרים שסובבו בשטח וחיפשו בני אדם. היתה בינינו אשה אחת אשר היו לה קשרים עם קבוצת החיסול שנשארה בשטח בפקודת ה־ס.ס., אך נסיונות לצאת ולחפש מצרכי מזון ומים הביאו לגילוי הבונקר, וכך שוב התפזרנו, למצוא לעצמנו מחסה חדש.

רעב וצמא היו מנת חלקנו, ובערבים הייתי יוצאת לשחר לטרף. לאחר מאמצים הצלחתי להתקשר ולהשתייך לקבוצת המחסלים את גיטו שרודולה שנשארה במקום. באותה תקופה התקיימה האקציה שמטרתה היתה ביצוע המשלוחים לאושויץ. פעולת חיסול המחנה נעשתה מאוגוסט 1943 ועד ינואר 1944. הגיע גם תורנו להשלח לאושויץ, ובדרך נס נמלטתי יחד עם אחותי מהמיכלאה והגעת לדומברובה. חיפשנו מקלט במקום שבו היה קיים הגיטו, אך לא מצאנו איש. משפחה פולנית נתנה לנו מקלט במשך 4 ימים, ואין מילים בפי להעריך את אומץ לבו של הפועל הפולני אשר הציל אותנו מידי הגיסטאפו.

לאחר חיפושים מרובים אחרי מקום מקלט חדש הגענו לפוגון אשר על יד סוסנוביץ, שם היתה קבוצת יהודים שעבדה במפקדת ה־ס.ס. בפיקוחו של גרמני אחד, מחסידי אומות העולם. אך תקופה זו ארכה רק 7 חודשים. לאחר זמן הגיעה הפקודה להעביר את כל הקבוצה לבית הסוהר של הגיסטאפו בסוסנוביץ, יחד עם אסירים פליליים. הגיע היום המר בו הוצאנו לחצר לשם הוצאה להורג. עמדנו צמודים לקיר בידיים מורמות, כיתת חיילים עמדה מאחורינו מוכנה לבצע את פקודת הירי; לאחר שעות מספר הועברנו לבית הסוהר במיסלוביץ, וזה לאחר שעות אימה בלתי נשכחת.

אך טרם ידענו את הצפוי לנו. היינו בדרך למחנה המוות אושויץ, היה זה אחד מימי יוני 1944 כשהגענו לידיו המגואלות בדם של הרוצח מנגלה. ימים מלאי זוועה של מחנה מוות. מאבק מתמיד על קיום ואי־ידיעה על המחכה לנו בשעה הבאה. כיצד זכינו והגענו

ליום השיחרור מ:ווּעות המות לא אדע. האם זה רצון החיים החזק או שמא נס? גם זה וגם זה.

במאי 1945 זכינו שכוחות הברית ישחררו אותנו, כשאנו יחידים, פירורי היהדות הגדולה ובודדים עד אימה מקהילה דומברובה.

וכך אני מגיעה ליתר השלבים בקורות חיי: תקופת הבראה והחלמה בשודיה הנאורה, מחנות מעפילים בקפריסין ולאחר מזה עליה לארצנו המשוחררת.

אשרי שזכיתי לכך, אך כל מאוויי וכל חיי קודש וזכר ליקירי בני משפחתי, אשר לא זכו ומצאו את מותם הטרגי בגיטאות ובמחנות המוות.

יהי זכרם ברוך.

היודנראט בדומברובה

השנים 1943 — 1941 היו שנות קיום היודנראט ותחילת הכחדתו של הצבור היהודי בעירנו. אז עוד טרם ידענו את הצפוי לנו. עוד חיינו באשליה של שלטון עצמי כביכול.

בזמנו היו הדעות חלוקות על תפקידו של היודנ־ראט, וודאי שגם כיום לא ימצא בתוכנו מי שיוכל לקבוע בודאות מה היתה צריכה להיות פעולתו. סבורה אני שתקופת ביניים זו של שלטון היודנראט על כל תופעותיה השליליות, היו בה בכל זאת מעט נקודות אור של עזרה הדדית והרגשת שות־פות הגורל לכולנו.

ראשי היודנראט היו כפופים למרכז בסוסנוביץ — מקום שלטונו של מוניק מרין הידוע לשמצה. הר־גשתי שאנשי היודנראַט שותפים לדעה של „רווח זמן", למען התקווה שאכן ישתנו פני הדברים ועוד תבוא הגאולה. בינתים יש לעשות למען הקל על המצוקה היום־יומית, והשלטון העצמי — אמנם המ־דומה — יסייע בכך.

ודאי שהיו גם גילויים שליליים כגון העדפת קרובים, דמורליזציה, שוחד, מעשי אנשי המיליציה וכיו"ב. אך למען האמת אין לבטל את הישגי העזרה ההדדית שאפיינה את חיינו באותו פרק זמן. הוגברו סדרי אספקה ותזונה, דאגה למפעלי בריאות, חינוך ועזרה סוציאלית.

סבורני שהיתה זו זכות גדולה לאלה, שבתנאים ההם יכלו להוכיח שותפות גורל של כולנו ומאמץ בלתי פוסק למען הקיום הפיזי והרוחני. אציין כמה מהם: העזרה הרפואית שבראשה עמד ד"ר מיטלמן ז"ל ועל ידו עזר במרפאה ד"ר שמידל. העזרה הרפו־אית כללה גם רפוי שניים ופעולה רפואית מונעת. מקרי מחלה קשים הועברו לבית החולים היהודי בסוסנוביץ.

העזרה הסוציאלית פעלה למעשה לטובת כל האוכ־לוסיה, כי הרי כולנו היינו מחוסרי פרנסה, פרט אולי למעטים אשר עוד הצליחו למכור מנכסיהם ורכושם לפולנים שמחוץ לגיטו. היתה דאגה לארוחות חמות, וביחוד דאגה לילדים. אך זהו פרק נפרד שברצוני להקדישו לזאת אשר עמדה בראשו ויהיה זה ציון מעט לשמה הנעלה. (צילה למקוביץ).

(הערה: לסיום ברצוני לציין שהדברים שהובאו כאן הם הערכותי האישיות בלבד לתקופת היודנראט.)

הגן ומושבת הילדים בגיטו

(לזכר ידידתי בנפש צילה למקוביץ)

את צילה הכרתי עוד בהיותה שכנתי ברדן, ולאחר מכן כאחת המדריכות האהובות שבקן „השומר הצעיר".

בשנים 1940—41 הוקם באיזור הגיטו גן־פנימיה ששכן בביתו של מנדל ונשטיין, אחרי בית הכנסת הגדול. מפעל זה ריכז בתוכו כ־70 ילד מגיל הגן והנהלתו נמסרה לצילה. היה זה מפעל חינוכי־סוציאלי ממדרגה ראשונה בזמנים רגילים, אך ערכו עלה פי כמה בתנאי החיים של הגיטו. הורי ילדים אלה יצאו לעבודה ב„שופים" (בתי המלאכה) ומפעלים שונים בהם העסיקו אותנו הגרמנים. מעשה צדקה עשה ה„יודנראט" בהקימו את המפעל ובכך מנע מילדים רכים לשוטט ברחובות ולהיות עדים לזוועות שהתרחשו בגיטו. וזכות גדולה התגלגלה לצילה, אשר קיבלה תפקיד זה והפכה אותו לנקודת אור יחידה ומאירה את סביבת הגיטו.

הילדים וההורים ראו בה מלאך אלהים. היא לא ידעה גבולות להתמסרותה כדי ליפות ככל האפשר את עולמם של הקטנים. דמיון רב ומאמץ חינוכי עליון השקיעה כדי ליצור לילדים עולם אחר, רחוק מאימי המלחמה. היה זה עולם שארך מספר שעות בלבד כל יום, אך עולם מלא צחוק, שירה ריקוד וחיים. כאילו סגור ומסוגר היה מכל הסובב אותו.

מאין שאבה נערה זו בת 20 כוחות חינוכיים מעולים אלה? ההיתה זו השפעת החינוך בבית הוריה אהרן ושפרינצה למקוביץ? או שמא היה זה החינוך התנועתי בהשומר הצעיר, בו היתה פעילה ורכשה את יסודות הגישה החינוכית? כך או אחרת היתה זו דמות נאצלה, מלאת רוך ועדנה, אשר השכילה בתנאי אימים אלה ליצור עולם ילדים עשיר, ולו רק לשעות ולימים, עד שיבואו יחד עם הוריהם או בלעדיהם למחנות אושויץ וטרבלינקה.

אף צילה הי"ד גורלה היה דומה. היא היתה מאחרוני הגיטו שהגיעו לשרודולה בסוסנוביץ, ומשם יחד עם הוריה ועם ראש היודנראט, יצחק בורנשטיין, נשלחו לאושויץ.

היא היתה לי ידידה, אחות ונפש יקרה, פעלה והתמסרותה לחיי הילדים יכולים לשמש דוגמא ומופת לנפש יהודית, אשר אף בתנאי שאול ומות ידעה ליצור עולם עשיר לאחרים.

צילה לא זכתה להגיע לחוף מבטחים — לארצנו שכל כך אהבה וערגה אליה ולאחיה הנמצאים בה.

יהיו שורות אלו בבחינת צרור פרחים על קיברה הבלתי נודע, וציון מה לנערה יהודיה חמה ונאצלת.

לאה טננבוים — שלנגר

(רשם איסר לביא).

דאמבראווא־גורניטשא

אין יאָר 1939 איז אין דאָמבראָוואַ־גורניטשאַ געווען די אַלגעמיינע צאָל איינוווינער 30 טויזנט, דערפון בערך 5600 יידן. אין דער צווייטער העלפט פון חודש דע־צעמבער 1939 זענען די געלע בענדער, וואָס יידן האָבן געמוזט טראָגן, געווען די ערשטע דערשיינונג פון ראַסן־שנאה.

יאָר 1940 — אָנהייב פון דער איבערזידלונג פון דער יידישער באַפעלקערונג, צוואַנגסאַרבעט וואָס האָט כלומרשט געהייסן נאָר אויף דריי חדשים. אין דער צייט האָבן די יידן אין שטאָט געציילט 6300, ווייל ס'זענען אָנגעקומען פליטים פון דייטשלאַנד, עסטרייך און טשעכן. דער „איינזאַץ" האָט נישט אויפגעהערט און פון די אַרויסגעפירטע קיין דייטשלאַנד איז קיינער נישט צוריקגעקומען. אויפן אָרט (ד. ה. אין שטאָט) האָט מען די יידן באַשעפטיקט ביי עפנטלעכער אַרבעט. שטייערן און שטראָפן זענען געווען אָן אַ שיעור.

אין יאָר 1942 זענען שוין די יידן געווען קאָנצענ־טרירט אין איין קוואַרטאַל (אַן אָפענע געטאָ), וואָס האָט אַרומגענומען די גאַסן: שאָפען, לוקאַשינסקיעגאָ, סטאַראַ־בענדזשינסקאַ, היעראָנימסקאַ־דאָלנאַ און גורנאַ.

צוזאַמען מיטן פרילינג זענען געקומען אויסזידלונ־גען, צו ערשט האָט מען אַרויסגעשיקט די אָרעמסטע שיכט באַפעלקערונג, וואָס האָט גענומען אונטערשטי־צונג פון דער קהילה (בערך 300 יידן).

פאַר דער אויסזידלונג האָט יעדער באַקומען אַן אויסזידלונגס־קאַרט מיט אַ רשימה פון דערלויבטע זאַכן מיטצונעמען, אין דער גרויס פון 10 ק"ג.

שפּעטער זענען געוואָרן אויסגעזידלט אַזעלכע, וועל־כע זענען פון פריער געווען אַדמיניסטראַטיוו באַ־שטראָפט (פאַר נישט טראָגן קיין באַנד, אָדער נישט לויט דער פאָרשריפט), נישט פאָרשריפטלעך אַריבער־גיין די גאַס און נאָך פאַרשידענע צוטשעפּעניש. חוץ דעם האָט מען אויך געשיקט קראַנקע און אַלטע.

מען האָט זיך באַמיט צו האָבן אַ „זאַנדער", און שפּעטער האָט אויך דאָס נישט געהאָלפן. די געבליבענע יוגנט אין שטאָט איז געווען געצוווּנגען זיך כסדר אויסצובאַהאַלטן. ווי ס'האָבן זיך נאָר באַוויזן אין גאַס יוגנט מיט בענדער, זענען זיי באַלד אויסגעזידלט געוואָרן קיין דייטשלאַנד.

ס'זענען צו אונדז דערגאַנגען ידיעות, אַז די פון אונדז אויסגעזידלטע אַרבעטער־גרופן האָבן זיך דאָרט שטאַרק פאַרקלענערט. דער הונגער און שלעכטע באַ־דינגונגען האָבן גורם געווען פיל קרבנות.

אין דער צייט זענען די אַרבעטס־לאַגערן פאַר־וואַנדלט געוואָרן אין קאָנצענטראַציע־לאַגערן. קיין פּאָסט־פאַרבינדונג איז נישט געווען און קיין פּאַקעטן



נערי דומברובה בימי הגיטו
דאָמבראָווער יוגנטלעכע אין געטאָ

האָט מען נישט געקאָנט שיקן. דער מצב איז געוואָרן וואָס אַ מאָל טראַגישער. און פון די אויסגעזידלטע איז קיין פּאָסט נישט געקומען, דאָך האָט מען נישט גע־גלייבט אַז זיי זענען אַזוי שנעל געוואָרן אומגעבראַכט.

אין יולי 1942 איז געוואָרן באַקאַנט געמאַכט, אַז דעם 12 אויגוסט מוזן זיך אַלע יידן — אָן אויסנאַם (אויך קינדער און זקנים) צושטעלן אויפן פּלאַץ נעבן דער קהילה, כדי צו לאָזן זיך מאַכן אָפּדריקן פון די פינגער. כאָטש די קהילה האָט פאַרזיכערט אַז ס'וועט נישט פאָרקומען קיין נייעס, האָבן אַלע געמיינט אַז ס'וועט פאָרקומען עפּעס שרעקלעכעס.

אין דעם באַשטימטן טאָג, 7 אין דער פרי, האָבן

זיך אַלע יידן פֿאַרזאַמלט (אויך די וועלכע זענען געװען באַשעפּטיקט), דער פּלאַץ איז געװען פֿול, ס'האָבן נאָר געפֿעלט בערך 40 מענטשן.

די פֿאַרזאַמלטע זענען אויסגעשטעלט געװאָרן אין רייען לויטן אַלף־בית. די גרויסע היץ האָט גורם געװען פֿאַלן פֿון אָנמאַכט, דאָקטוירים און סאַניטאַרן האָבן צוגעטיילט הילף, אָבער בעיקר האָבן זיי זיך אַליין אויסגעהיטן.

אַרום 8 אין דער פֿרי זענען אָנגעקומען די דײַטשע רוצחים. זקנים און קינדער און עלטערן, וועלכע האָבן געהאַלטן די קינדער, זענען אָפּגעטיילט געװאָרן אויף איין זײַט, און די יוגנט איז געבליבן אין די רייען, ווײַט אָפּגערוקט פֿון די אַנדערע.

די עס־עס־מענער האָבן מיט נאַגייקעס געשלאָגן יעדן, וואָס האָט געפּרוּווט זיך אַריבערקוקן אויף דער צווייטער זײַט. מען האָט געפֿילט אַז דער רוב ווערט אַוועקגענומען אויף תּמיד. אויך דער רעגן, וואָס איז געגאַנגען, האָט נישט געשטערט די רוצחים אין זייער פּייניקן. דאָס קרעכצן פֿון די זקנים און דאָס געוויין פֿון די קינדער איז נישט צו באַשרײַבן. מיטאָגצײַט איז נאָר אַ טייל געבליבן אויפֿן פּלאַץ און פֿון זיי האָט מען גענומען די פֿינגער אָפּדרוקן, און די לאַנגע ריי פֿון דער רעשט מאַסע האָט מען געפֿירט אין יתומים־הויז אין בענדין.

די איבערגעבליבענע אויפֿן פּלאַץ האָבן כּסדר נאָכגעקוקט די מענטשן וואָס מען האָט אַוועקגעפֿירט, און מען האָט געמיינט אַז דער צוג וועט זיך קיינמאָל נישט ענדיקן.

דאָס יתומים־הויז האָט אַרײַנגענומען דרײַ טויזנט נפֿשות. צוזאַמענגנס האָט מען אַלע פֿון דאָרט געפֿירט צו דער באַן, און אַזוי האָט זיך אַלץ געענדיקט.

נאָר אייניקע איז געלונגען זיך צו ראַטעווען, און מיט קנאה האָבן אויף זיי געקוקט די יעניקע, בײַ וועמען מען האָט אַוועקגענומען די משפּחות. דער אַרבעט־אײַנזאַץ און די אויסזידלונגען האָבן זיך נישט אָפּגעשטעלט.

אין אָנהייב יאָר 1943 איז דאָס געטאָ געװאָרן אָפּגעשלאָסן.

(פֿון אַרכיוו פֿון יידישן היסטאָרישן אינסטיטוט אין וואַרשע, גבֿיית עדות פֿון געניע לעווקאָוויטש).

אסתר קמינסקי (מבית וינגרטן)

בת שתים־עשרה בצפרני הנאצים

יודעת אני שאת השורות האלה שאני כותבת, את הפרטים שאני מזכירה מימי השואה, מאות ואלפים בני גילי הכירום, התנסו על בשרם את זועת העבר. צעירה הייתי מכדי שאבין מדוע עושה אדם לאדם מעשים כאלה: נדמה לי שעד יומי האחרון לא אש־תחרר מהזכרונות. אני מעלה בזכרוני את המאמצים ואמצעי חכמת החיים שקיבל האדם היהודי בכדי להי־שאר על פני המים ולא לטבוע, להתקיים ולא לחדול עד יעבור הזעם. כשאני מעלה את הדברים האלה אני אומרת בלבי כי יש לרשמם למען לא ישכחו.


כאשר אני מעלה את דמותם של אמי בלטשה ז״ל מבית חנוך לונדנר ז״ל; את אבי שמעון וינגרטן ז״ל, את הסבתא איידל לונדנר ז״ל ואת שתי אחיותי חיה והנדזה ז״ל, את חרדתם ופחדם, את עיניהם התוהות לבלתי הצפוי, את אי־היכולת להבין למה יש לרצחם, כי מה חטאו? כשאני מעלה בפני את דמותם, את פניהם חרושות הפחד שהשתנו עם בואה של כל בשורה רעה, אני אומרת לעצמי כי יש לכתוב כל פרט ופרט למענם, למען הנרצחים שכה רצו לחיות.

השואה

בת שתים־עשרה הייתי כשפרצה המלחמה, ואני תלמידה בבית ספר וחברה בקן השומר הצעיר. החיים התנהלו במסגרת משפחתית שקטה, אבי הטוב והמ־טיב שמעון וינגרטן שמר על הבית מפני מחסור, אמי בלטשה מסרה כל כוחה ומרצה למען טובת ילדיה. אחיותי חיה והנדזה ואני מצאנו בית חם שעד יומי האחרון אזכור לטובה.

הימים ימי אוגוסט 1939. הקיץ היה בכל זוהרו, אני בחופשה אצל הסבא בזרנובצה, והנה נתקבלה ידיעה שהגרמנים מפציצים ערים בפולין. השלוה נהפכה לאנדרלמוסיה. יהודים נפחדים נטשו את בתיהם והחלו לברוח לגבול רוסיה, ידעו שהרוצח יוציא זעמו על האוכלוסיה היהודית השקטה. הדרכים היו מלאות פליטים שנעו לעבר הגבול המזרחי. הצבא הפולני שנחל תבוסה בהתנגשות הראשונה עם הצבא הגרמני, נטש את שדה הקרב והחל לחסום את הדרכים בנסי־גתו. הערב־רב שנתהווה לא יתואר: המוני בני אדם חסרי ישע, סוסים וצבא מובס, פילסו להם בכוח דרך מתוך שיירות הפליטים ולא חסו על אחיהם. רבים נפלו בדרכים תשושי כוח, ולא נמצא מי שיגיש להם מעט מים.

אבי שמעל׳ה ז״ל, שכר במיטב כספו עגלה רתומה לסוס והסיע אותנו לוולברום. התהלכו שמועות שהגר־מנים מתקרבים לקראתנו, לוקחים את הגברים וממיתים



אסתר קמינסקי (וינגארטן) בימי הנאצים
הראשונה מימין: אסתר קמינסקי (ויינגרטן)
אסתר קאַמינסקי־וויינגאַרטן (רעכטס) אין דער צייט פון די נאַציס

אותם במקום, או שולחים אותם למקומות שמהם לא חוזרים. קבוצת גברים ובתוכם אבי התארגנו ולבדם המשיכו למיכוב. קבענו להפגש שם.

בהגיעם לשם מצאו מחבוא באחד הבתים הנטושים אך לא עברו שעות והאויר התמלא קולות ירי. בשח־צנות ובגאוה נכנס הצבא הגרמני למיכוב בלי להתקל בהתנגדות הקלה ביותר. עוד לא נרגעו הרוחות מה־יריות, מיד החלו השודדים בחפושים אחרי יהודים, מצאו את מקלטו של אבי ובו במקום הרגו את מנלה. בידי אבי ועוד כמה יהודים עלה להמלט. אמי, שתי אחיותי, הסבתא ואני, למרות המצב, המשכנו למיכוב ושם נפגשנו.

אחרי שהגרמנים השתלטו על מיכוב נחלשה הנ־הירה לגבול רוסיה; הדרכים היו כבר תפוסות על ידי הצבא הגרמני. על הגשרים עמדו משמרות. בצדי דרכים, בלילות, נמלטנו והגענו חזרה לדומברובה.

התמונה שמצאנו בדומברובה לא היתה שונה מהמראה הכללי. הפחד מאי־הוודאות מה ילד יום. שמועות וגזירות חדשות היו מנת חלקנו כל בוקר. כל המשפחות, מלבד קטינים, היו נאלצים לענוד את סרט המגן־דוד על השרוול. אחרי זמן מה נדרשנו לענוד את המגן דוד על רקע צהוב, על החזה, כדי שיזהו אותנו בתור יהודים. אינני יודעת אם הרגשתי היתה כה מושפלת בשאתי את המגן דוד, בתוך תוכי הייתי גאה במגן דוד שהזכיר לי קצת את גדולתם של היהודים, לולא הסכנה שארבה לי מהסביבה לא היה איכפת לי לשאת את הסמל.

עברו ימים ושבועות מלאי חרדה, דופק החיים כמעט שנפסק, המסחר שותק, בתי הספר לילדי יהודים נסגרו. יציאה החוצה בעניני עסקים היתה כרוכה בסכנה. קן השומר הצעיר נסגר, נפגשנו בבתים פרטיים לשיחות חטופות וחזרנו הביתה. ישבנו כלואים והצצנו החוצה לדעת מה נעשה. לעיני נצבת דמותה של אמי, עיניה התוהות בהסתכלה עלינו והשאלה שפרצה מפיה מדי פעם: „מה יהיה?" נחרתה בזכרוני ועד יומי האחרון לא אוכל לשכחה. אבי השכים, נשא עיניו לשמים המתבהרים כתמול שלשום ואינם זעים על הרצח המתחולל על בני אדם, וזעמו היה עצור ופשר השתיקה של העולם לא הבין. המחסור החל להציץ מכל הפנות.

מבריחה בת שתים־עשרה

בשנת 1940 המשכנו לגור ברחוב נרוטוביצה. הגרמנים הנהיגו תלושים לקבלת מזון. יצא לי לעמוד בתור כל הלילה על יד מאפיה לקבלת כיכר לחם, כשהגיע תורי אזל הלחם. הלכתי הביתה זועמת ומדוכאה. אם נתמזל לי המזל וקבלתי כיכר לחם לא ידענו איך לחלק בין שש נפשות.

בראותי את המצב הזה העמסתי עלי את עול פרנסת המשפחה. מראי הארי ושפתי הפולנית הרהוטה עזרו לי הרבה. דודה פרידה, אחות אבי גרה באולקוש, בעלה היה צורף זהב, לפני פרוץ המלחמה קשר קשרים עם בעלי אמצעים בסביבה וסיפק להם חפצי זהב, הבעל נלקח למחנה ריכוז, אך הקשרים נשמרו.

לבושה כנערה נוצריה, עם מטפחת על ראשי וסל מזונות בידיה כדי להסוות את הזהב שהיה חבוי על גופי, עברתי פעמיים בשבוע לאולקוש ברכבת או בעגלה עם עגלון נוצרי. היו אתי עוד נערות יהודיות ונוצריות מכפרי סביבת אולקוש שהעבירו מצרכי כפר לסביבת דומברובה. הדודה פרידה מכרה את הזהב ואת התמורה החבאתי על גופי וחזרתי באותו המסלול.

בלילות עצרו אותנו הגרמנים, ערכו חפושים, האירו בפנסים גדולים לתוך הפנים לגלות את היהודי שבי אך לשווא, גם העגלון וגם קבוצת הנערות לא העלו חשד שנוסעת אתם נערה יהודיה, גם יתר הנערות היהודיות היו מוסוות היטב ואחת לא הכירה את השניה.

ההברחה התנהלה כמעט שנה, והקלה על מצוקת המחסור, כי בכסף מלא עוד ניתן להשיג מזון בסביבה. ידעתי שבדרך זאת אמנע רעב בבית. ערב אחד התפרצו אנשי ס. ס. לביתו של המתווך שקיבל מידינו את הזהב וערכו חפוש. הבינונו שהיתה הלשנה. הם לא מצאו דבר. אבי, שהיה שקוע בשיחה עם המתווך, נאסר. העבירוהו לבית הסוהר בקטוביץ, אמי הטובה לא נחה אף רגע הגיעה לקטוביץ ופעלה למען שחרורו, ואכן עלה בידה אחרי תשלומי כופר.

בתום שנה של „הברחה" החלו הגרמנים להציק לנו. הגבירו את החפושים ברכבות ובדרכים בעזרת כלבי גישוש. גילו את קבוצת הנערות היהודיות ואותי בתוכן. אסרו אותנו והעבירונו לבית סוהר; אותי בת־ר קטינה ובתור נתינת פלסטינה שהיתה תחת מנדט בריטי (נולדתי בארץ ישראל) אסרו גם כן, אך נהגו אתי בחסד ונתנו לאמי להפגש אתי.

בינתיים נמשכו וגברו הנגישות, ההחרמות ושליחת צעירים למחנות עבודה שמהם לא חזרו. בבתי היהודים שלטו הדיכאון והפחד. כששוחררתי מבית הסוהר לא המשכתי יותר בהברחה, כי כבר הכירו אותי בתור יהודיה.

האוכלוסיה היהודית הלכה וקטנה, הסלקציות עשו שמות. הוצאה פקודה בדבר חיסול המגורים היהודיים ברדן. כל הנשארים מקהילת דומברובה נצטוו להצטופף בגטו מייסקה. מחריד היה המראה להסתכל בנעקרים ממקום מגוריהם בהשאירם את כל רכושם מאחריהם ורק חבילה מתחת בית שחיים. מחריד היה המראה לחזות בשיירה הזאת ששרכה רגליה לגטו החדש.

גרנו כולנו בחדר אחד, הצטרפה אלינו גם פרידה אחות אבי מאולקוש, שגם בה חוסל הגטו.

שנת 1942. התבגרתי בעוד שנה. עבדתי במתפרה של רוזנר למען מכונת המלחמה של היטלר, עבודה זו זכתה אותי בזונדר־קרטה שמשמעותו: לא להשלח

למחנה. עבדנו שתים־עשרה שעות ביום וחיינו באשלייה שאיכשהו נעבור את הסערה, אך האשליה התפוצצה כבועת סבון.

באמצע שנת 1942 צוו על כל יהודי העיר להתיצב על יד הגמינה כדי לחתום על „תעודות זהוי". היה זה יום קיץ לוהט ועמדנו בחוץ שעות על גבי שעות, אנשים נשברו מרוב עייפות. פתאום הופיעו אנשי ס. ס. מזוינים. החלו דחיפות, צעקות ואיומים ברצח; חילקו אותנו לארבע קבוצות, הראשונה היתה מיועדת ללכת הביתה, השניה היו צעירים שהיו מיועדים למחנות עבודה, והשלישית לקחו גם עם זונדר־קרטה, גם צעירים וגם מבוגרים, לפי ראות עיניו של איש ה־ס.ס. בקבוצה הרביעית היו קשישים שמיד נשלחו לאושויץ, ובתוכם היתה הסבתא, איידל לונדנר ז"ל. אותי שח־ררו מיד. את אבי ואמי והאחיות העבירו לקבוצה השלישית. את שתי אחיותי הגנבתי לשורה של המשוח־ררים, אבי ואמי התחמקו והתחבאו בתוך בית הגמינה וכך נצלו מהמשלוח לאושויץ ונשארו בחיים עוד שנה. מספרת אני את הדברים האלה בכדי להראות מה גדול היה רצון החיים, למרות הפחדים והאיומים שרחפו על ראשנו, למרות הרעב. לא אוכל להשתחרר מת־מונות סיוט אלו של אנשים הלוחמים בשארית חכ־מתם ותבונתם להתחמק מהמוות האורב להם.

במחנה עבודה

1943. בחוצות העיר הודבקו מודעות שעל פיהן הצעירים, אפילו אלה שיש להם זונדר־קרטה, חייבים להתייצב, בעד אי־התיצבות צפויים עונשים כבדים. התיצבתי ויותר לא חזרתי הביתה. העבירו אותנו למחנה מעבר בסוסנוביץ ומשם למחנה העבודה גלנאו.

בגרמניה עבדתי במפעל לטקסטיל עשר שעות ביום. לפני לכתנו לעבודה בשעות המוקדמות קיבלנו דיסה דלה וקפה שחור, בצהרים קיבלנו מרק דליל מירקות. התנאים האלה נתנו מיד אותותיהם, אך הגרמנים לא חסו על גילנו הצעיר, העבידו אותנו בכל העבודות הקשות והמפרכות.

הקשר עם הבית עדין נשמר. קיבלתי מדי פעם חבילות מזון, מנין השיגון — האל יודע. החבילות שמשו לי וליתר חברותי במחנה מנת חיזוק כדי שלא נתמוטט לגמרי מחוסר תזונה. באמצע קיץ שנת 1943 נפסק הקשר עם הבית באופן סופי. כל הצפיות לחדו־שו היו לשווא, הבינונו את גורלם המר של הורינו. ידענו שיותר לא נראם, ידענו שהנאצים שפכו את דמם על לא עוון בכפם. פרצנו בבכי, הספדנו אותם לפי דרכן של נערות בנות ארבע־עשרה. נשאנו את זעמנו העצור ואת היתמות כל יום לבית החרושת למען עזור להיטלר להתעצם יותר במאמץ הרצח.

אחרי שנה העבירו אותנו למחנה לנגבלאו שהיה שייך ל־ס.ס. התנאים במחנה זה היו גרועים פי כמה.

המחנה כולו היה מגודר בגדר תיל. גרנו בצרי־פים שעובי קירותיהם כשל לוח דק, שכבנו בדרגשים בשלש קומות, הכסוי בלילות היתה שמיכת חיילים שחורה אחת. בכניסתנו למחנה ערכו בנו חפושים בהיותנו ערומות, לבדוק אם איננו מסתירות חפצי זהב. „זקנת הצריף" היתה סדיסטית, העגישה את כל המחנה על מעשיו של הפרט, על סחיבת קצת פחם, על ליקוט קצת תפוחי אדמה שנשארו בשדות המחנה. לקחו מאתנו את כל הבגדים והשאירו רק בגד אחד להחלפה. מדי פעם הופיעו ה־ס.ס. ונעשו בדיקות בהשראתה של זקנת הצריף לראות מה מצב בריאותנו: על כל סימן של אדישות וחול־שה, על הסימן הקטן ביותר של צבע כחול בשפתיים־ היינו צפויות להשלח למחנה ההשמדה אושויץ. העז־רה ההדדית והאחריות הדדית בין הכלואות הצעירות היתה גדולה, זו שעבדה במטבח סיכנה את חייה למען הביא בסתר מנת אוכל נוספת לחלשה בתוכנו, ולמ־רות הסכנות סחבנו בלילות פחם לחמם את ידינו ורגלינו הקפואות.

עשרים וחמש שנה אחרי הסבל הזה, עשרים וחמש שנה אחרי החבלה בנעורי, אני שואלת את עצמי: איזה כוח פנימי פעל בתוכנו לא להתפס לאדישות? להאמין ולהאמין בלי סוף? אני נזכרת באוכל שנתנו: מין תערובת של עשבים בלי מלח, תהא זו מחמאה לקרוא לזה אוכל; לא פעם קנאתי אז בכלב במלונתו, בחזיר בדירו, על טיב האוכל שהם מקבלים. האוכל החגיגי היה מרק מקליפות תפוחי אדמה. כשאני נזכרת בעונשים הכלליים בכריעת ברך בחוץ בשלג בעד „חטאו" של יחיד בסחיבת קצת פחם, הרי חבלה זאת בנעורים תזעק עד השמים ותתבע נקמה!

אדמת גרמניה היתה זרועה במחנות ריכוז. נשים הובאו מכל ארצות אירופה הכבושות. ניתן להן קצת יותר חופש, אך הבנות הצ'כיות עבדו עבודות פרך כמונו. נעזרנו על ידיהן בקבלת פרוסת לחם נוספת בחשאי. בקרבתנו היה מחנה גדול של גברים. תנאיהם היו קשים פי כמה, עבדו בסחיבת פסי רכבת והתקנתם

במסילה. יוצאים השכם בבוקר לעבודה וחוזרים מאוחר, נגשו בהם באיומים ויריות. סרגנו בשבילם כפפות מהחוטים שסחבנו מבית חרושת.

ערב השחרור

תקופת ערב השחרור. ההדים של תבוסת הצבא הגרמני בסטלינגרד נמסרים בלחישות מפה לאוזן. עצבנות הגרמנים היתה מורגשת על כל צעד ושעל. עשו נסיונות נואשים לטשטש את מעשי הזועה. מדי יום נשמעו בבהירות היריות המתקרבות של הרוסים.

ביום אחד הרגשתי צמרמורת בגופי, חושי נטשטשו. לא יצאתי לעבודה, קדחתי כולי מחום. הכניסו אותי לחדר שבו שכבו עוד כמה בנות במצבי. סגרו עלינו את הדלת וצפו ליציאת נשמתי בנשיקה. נודע לי שחליתי בטיפוס בטן קשה ולא היה ביכולתם של הנאצים לשלחני לאושויץ. כשהתאוששתי קצת מצאתי את עצמי בבית חולים של הצבא הרוסי. טיפלו בי עד שהעמידוני שוב על הרגלים. ב־8 למאי 1945 שוחררתי. לא ידעתי לאן לפנות, ידעתי שאין לי בית, אך בכל זאת נסעתי לדומברובה־גורניצ'ה, במחשבה שאולי אמצא שם מישהו ממשפחתי. כשהגעתי נודע לי שנש־ארתי גלמודה מכל משפחתי.

בסוסנוביץ נפגשתי עם דודי ראובן לונדנר, שהיה ארבע שנים במחנה קיטליץ סטריידן. כשיצא את המ־חנה שקל שלושים וחמישה ק״ג ולא היה ביכולתו ללכת, רק לזחול על ארבע. אבדן אשתו וילדתו שכה אהבם שבר אותו. שום דברי עידוד ונחמה לא הועילו.

הוא נשלח לסנטוריום להבראה אך מבחינה נפ־שית לא יכול להשלים עם אבדן יקיריו. (כעת נמצא בקנדה). כשנפרדתי ממנו בעלותי ארצה הסתכלתי בעיניו הנוגות וידעתי את כאבו — כאבי.

(רשם: יהודה לונדנר)

די יידן־אויסזידלונג פון דאמבראווע

(גביעת־עדות פון ד״ר שמואל מיטלמאן)

דער ערשטער אַרבעטס־איינזאַץ אין דאָמבראָווע־גורניצה איז געווען אין הערבסט 1940. דעמאָלט האָבן די דייטשן ארויסגעפירט אין לאַגער גראָס־מאַנגלסדאָרף בערך 400 יונגע מענער, אין עלטער פון 18 בי 25 יאָר.

די אַקציע איז אַדורכגעפירט געוואָרן אויפן סמך פון צוגעשיקטע צעטלען פון דער קהילה. דעמאָלט איז נאָך נישט געווען דער „דולאַג".

דער צווייטער גרעסערער אַרבעטס־טראַנספּאָרט איז פאָרגעקומען אין פרילינג, אָנהויב מאַי. אין דער פרי איז געקומען אַ שוץ־פּאָליציסט און מיך גענומען (ער האָט אויך געוואָלט נעמען מיין זון, אָבער ער איז נישט געווען אינדערהיים) און געפירט אויפן פּאָליציי־רעוויר, אויפן פּלאַץ „הוטאַ באַנקאָווע".

דאָרט אויפן פּלאַץ האָט מען פאַרזאַמלט צוויי טויזנט יידן, בלויז מענער אין פאַרשידענעם עלטער. ס'איז געקומען לונדנער און אליין סעגרעגירט, אין אַ געביידע אויף דעם פּלאַץ האָט אַ דייטשער דאָקטאָר אונטערזוכט די אַלע, וועמען לונדנער האָט געשיקט. דעמאָלט האָבן די דייטשן ארויסגעפירט בערך 5—6 הונדערט מענער אין „דולאַג" אריין, און פון דאָרט אין די לאַגערן. די באַשעפטיקטע זענען געוואָרן באַפרייט.

אין הערבסט (בערך נאָוועמבער) איז געווען אַ גרויסער אַרבעטס־איינזאַץ פון פרויען (מיידלעך און פאַרהייראַטע). די פרויען האָבן זיך געמוזט אליין צושטעלן אויפן פּלאַץ נעבן דער קהילה. די קהילה האָט זיך געפונען אויף דער שאָפען־גאַס. די דייטשן האָבן מיט טראַמווייען אַרויסגעפירט ביי 4—5 הונדערט פרויען קיין סאָסנאָוויצע אין „דולאַג" אַריין. מיט דער אַקציע האָבן אָנגעפירט לונדנער און קוטשינסקי —ביידע טעטיק אין דאָמבראָווע.

אין „דולאַג" זענען די פרויען געוואָרן מעדיציניש אונטערזוכט דורך דעם פּוילישן דאָקטאָר זאַרזשיצקי. אַריבער 60 מיידלעך זענען צוריקגעקומען פון „דולאַג", אין פרילינג 1942 זענען לונדנער, קוטשינסקי און מעסנער געקומען קיין דאָמבראָווע און זיך ארומגעשטעלט ביי בראָונס שאָפּ. די מענער זענען געוואָרן אונטערזוכט דורך מיר און ד״ר שמידעל, דעמאָלט האָט מען אָוועקגעפירט הונדערט געזונטע מענער.

אין אַפּריל האָט לונדנער גערופן מיך און אַ קראַנקענשוועסטער אין די דינסטשטעל קיין סאָסנאָוויצע. זיי האָבן מיר געפירט אין לאַגער אויפן באַרג „שוויענטאַ אַנאַ (אַנאַ־בערג).

ביי מיין אָנקומען אין אַנאַ־בערג זענען דאָרט געווען 20 קראַנקע און 60 געזונטע מענטשן. די געזונטע זענען באַלד אַרויסגעפירט געוואָרן אין לאַגער אין קלאָטענבערג.

אין משך פון 3—4 טעג זענען געברענגט געוואָרן גרופּנווייז בערך 400 קראַנקע יידן אויף פלעקטיפוס, אַלע זענען געברענגט געוואָרן פון מזרח, פון דער געגנט פון לענינגראַדער פראָנט.

מען האָט דערציילט אַז דער אַזוי גערופענער „אָסט־איינזאַץ" האָט אַ גאַנצן ווינטער ביי די גרויסע פרעסט געאַרבעט ביי פאַרלייגן אַ באַן־ליניע. זיי האָבן דערציילט אַז אַ טייל איז געשטאָרבן דאָרט אויפן אָרט, און אויך אַ טייל אויפן וועג און די רעשט איז אָנגעקומען קיין „אַנאַ־בערג אין אַ שרעקליכן מצב: שמוציק, פאַרלייזט, אָפּגעריסן, אויסגעהונגערט און קראַנק.

אין מיט יולי האָט מען מיך צוריקגעשיקט אין „דולאַג" קיין סאָסנאָוויץ. צוריקקומענדיק אין דאָמבראָווע, האָב איך זיך דערוווּסט אַז די ערשטע אויסזידלונג איז געווען אין מאַי 1942. דעמאָלט זענען אָוועקגעשיקט געוואָרן 5—6 הונדערט מענטשן. ביים סוף יולי זענען צוזאַמענגענומען געוואָרן קליינע גרופּן, וועלכע זענען פאַר פאַרשידענע חטאים געשיקט געוואָרן קיין אוישוויץ.

דער 12 אויגוסט 1942 איז געווען דער אַזוי גערופענער „פּונקט" אין דאָמבראָווע. דעמאָלט האָט מען אויפן פּלאַץ נעבן דער קהילה צוזאַמענגענומען 3500 יידן. אויף דער פאָדערונג פון די דייטשן האָט די קהילה באַפוילן אַז אַלע זאָלן זיך צושטעלן מיט די דאָקומענטן, כדי אָפּצוסטעמפּלען די ליכטבילד אויסווייזן. בעת אַלע זענען געווען פאַרזאַמלט, זענען זיי דורך די געסטאַפּאָ און „שופּאָ" (פּאָליציי) געוואָרן אַרומגערינגלט, אויף די דעכער זענען געשטאַנען באַוואָפנטע „געסטאַפּאָ" און „שופּאָ" אין די העלמען. צו ערשט איז געקומען קוטשינסקי און סעגרעגירט,

מען איז צו אים צוגעגאַנגען פאַמיליען־ווייז. ער האָט קלאַסיפיצירט דריי גרופן: 1 — 2 — 3.

יעדע גרופע האָבן די דייטשן אָפּגעטיילט פון דער צווייטער. דערנאָך זענען געקומען דרייער און פּייקערט מיט דער סוויטע. דרייער האָט פאַראָרדנט אויך צוצונעמען די קוואַליפיצירטע צו דער גרופע 2. די דייטשן האָבן צוזאַמענגענומען 1500 מענטשן און זיי געפירט צו פוס אין דעם יתומים־הויז אין בענדין. אין דאָמבראָווע זענען נאָך געבליבן בערך 2000 יידן. צום סוף 1941 איז שוין געווען צוגעגרייט אַ ווינגעביט פאַר די יידן. צו ערשט האָט מען געטריבן די יידן פון די גאַסן: סאַביעסקיעגאָ, 3 מאַי, דאָמבראָווסקיעגאָ, שענקעוויטשאַ און פון צענטער־שטאָט. דאָס געביט איז געוואָרן פאַרמאַכט אין אָנהויב יאָר 1943, און איז באַשטאַנען פון די גאַסן: שאָפּענאַ, מיעסקאַ, אַ טייל לוקאַשינסקיעגאָ, פאַלנאַ און אַ טייל אָפּטשי. צו דעם אָפּענעם געביט האָבן געהערט די גאַסן: שאָפּענאַ, לוקאַשינסקיעגאָ, סטאַראַ־בענדזינסקאַ, העראָנימסקאַ־דאַלנאַ, העראָנימסקאַ־גורנאַ, טאַוואַראָוואַ און מירעצקיעגאָ.

קלענערע אויסזידלונגען זענען כסדר פאָרגעקומען. צום מייסטן איז געקומען קוטשינסקי מיט נאָך דייטשן און געכאַפּט.

אין דער לעצטער וואָך פון יולי 1943 האָבן די איבערגעבליבענע 1000 יידן אין דאָמבראָווע געמוזט אין משך פון דריי טעג אריין אין געטאָ אין שראָדאָלאַ. אייניקע האָבן זיך איבערגעטראָגן קיין בענדין. די איבערזידלונג איז פאָרגעקומען אויף וועגענער און צו פוס, לויט מעגליכקייט.

דאָמבראָווע איז געבליבן אָן יידן.

אין סוף יאָר 1939 זענען פאַר יידן געוואָרן איינגעפירט די געלע בענדער און אין יאָר 1941 — דער געלער מגן־דוד.

אין אָנהויב יאָר 1940 האָב איך אויך באַקומען אַ שריפט פון דייטשן קרייז־דאָקטאָר, אַז כ׳מעג היילן נאָר יידן, און שפּעטער, נאָכן איינפירן די נירנבערגער געזעצן, האָבן אַלע יידישע דאָקטוירים באַקומען אַ צירקולאַר אַז זיי מעגן היילן נאָר יידן. די אַלע רעצעפּטן האָבן געמוזט זיין פאַרזען מיט דעם סטעמפּל: „פיר ערצטלעכע באַהאַנדלונג נור פיר יודן בערעכטיגט״ און ביים לינקן ווינקל — אַ געלן מגן־דוד. די שילד האָט געמוזט זיין פון אַ בלויער פאַרב, שוואַרצע אויפשריפט און אין אַ לינקן ווינקל אַ מגן דוד פון געלער און בלויער פאַרב.

די דייטשע פּאָליציי האָט שפּעטער מיט אַ מאָס אין דער האַנט קאָנטראָלירט צו די שילד ענטשפּרעכט דער פאַראָרדנונג.

(—) ד״ר מיטלמאַן

פראָטאָקולירט מאַגיסטער נ. שטערנפינקל

דאָמבראָווע 4 מאַי 1947 (אין פּויליש)

(אַרכיוו פון יידישן היסטאָרישן אנסטיטוט אין וואַרשע).

צבי קאַזשוך

דער אומקום

דאָס יידישע דאָמבראָווע, וואָס האָט זיך אויסגעצייכנט גענוי אַזוי ווי אַנדערע שטעט אין זאַגלעמביע און אין גאַנץ פוילן מיט זיין פּאַרוואָרצלטן און אַנטוויקלטן יידישן קולטור־ און פּאָליטישן־לעבן — האָט גלייך בעתן אַריינמאַרש פון די דייטשישע חיילות דערפילט וואָס עס דערוואַרט זיי. שוין אין די ערשטע טעג זענען אויסגעקלעבט געוואָרן פּלאַקאַטן וועגן ספּעציעלע באַגרענעצונגען פאַר דער יידישער באַפעלקערונג; אַלע געשעפטן און פאַבריקן פון יידישע אייגנטימער, זענען גלייך באַזעצט געוואָרן דורך ד״י א. ג. „טרויהענדלער״, באַקומענדיק אַ מינימום געהאַלט. די יידישע קהילה מוז צושטעלן יידן, צו פאַרשידענע אַרבעטן פאַר די דייטשן. יידן ווערן באַגרענעצט צו באַוועגן זיך עפנטלעך אין דער שטאָט אין די אָוונט־שעהן. עס איז אויך באַלד פּאַראַליזירט געוואָרן דאָס יידישע געזעלשאַפטלעכע לעבן. אַלע פּאַרטייען, אָנהויבנדיק פון אגודה ביז דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, ליקווידירן זייער טעטיקייט; יידישע שולן און חדרים ווערן געשלאָסן.

סוף 1939 האָבן די דייטשן דורכגעפירט די ציילונג פון דער גאַנצער באַפעלקערונג. יידן ווערן באַזונדער געציילט אין דער יידישער קהילה, פאַר אַ דייטשן באַאַמטן. ס׳ווערט אויפגענומען: די יידישע אָפּשטאַמונג, פערסאָנאַליען און אַדרעס, און אַרויסגעגעבן דעם אַזוי פּאָפּולערן דאָקומענט, די „פּאַלצווויקע״, וואָס האָט שפּעטער דערמעגלעכט די דייטשע מאַכט צו באַזיצן אַ גענויע עווידענץ פון אַלע דאָמבראָווער יידן, און ביי פאַרשידענע אַקציעס אָן שוועריקייטן צו דערגרייכן זייער ציל.

אין יאָר 1940, ווען אין בענדין און סאָסנאָוויץ ווערן אויפגעצווינגען די יידן צו שאַפן די טרויעריק באַרימטע „יידן־ראַטן״, נעמט איבער די טעטיקייט פון דער יידישער קהילה (פריער אָנגעפירט דורך שלמה פּרווינד און אברהם נייפעלד) — דער חבר פון דעם דורך די דייטשן נאָמינירטן יידן־עלטסטן פון גאַנץ זאַגלעמביע, משה מעריז.

די יידישע פּאָליציי העלפט דורכפירן די רעקוויזיציע־אַקציעס פון געלט און פעלצן, וואָס די דייטשן האָבן דורכגעפירט אין גאַנץ זאַגלעמביע. אין געציילטע טעג ווערן אָנגעפילט די מאַגאַזינען מיט רויב. צענדליקער קילאָגראַמען גאָלד זענען געשטעלט געוואָרן צו דיספּאָזיציע פון די אָקופּאַנטן. ס׳ווערן מאָביליזירט די ערשטע גרופּן צו צוואַנגס־אַרבעט. שוין אין ווינטער 1940 געפינען זיך הונדערטער יידן פון דאָמבראָווע אין די אַרבעטס־לאַגערן פון קליינמאַנגערסדאָרף, סאַקסו, א.א. ס׳דערגרייכן די ערשטע גרוסן, דעמאָלט נאָך לעגאַלע, דורך פּאָסט, וועגן הונגער און טעראָר, לגבי די יידישע צוואַנגס־אַרבעטער.

אין די לאַגערן ווערן געשיקט אויסצופילן דעם געפאָדערטן קאָנטינגענט, הויפּטזעכלעך, די יידישע אָרעמקייט און אַרבעטנדיקע עלעמענטן: די פאַרמעגלעכע האָבן געפּרוווט מיט פאַרשידענע געלט־מיטלען צו ראַטעווען זיך, גלויבנדיק אַז דאָס דייטשע געזעץ וועגן צוואַנגס־אַרבעט וועט אַזוי אַרום צו זיי נישט דערגרייכן. דאָס איז נישט געווען מער ווי אַ צייטווייליקע אילוזיע.

די דייטשן באַגניגענען זיך נישט מיט די קאָנטינגענטן, וועלכע דער יידן־ראַט האָט זיי צוגעשטעלט. איבער די דאָמבראָווער גאַסן באַווייזן זיך מאַשינען מיט ס. ס.־לייט, וועלכע פאַרכאַפּן יידן און שיקן זיי אַוועק אין אומבאַקאַנטע ריכטונגען.

אין 1941 ווערט די יידישע באַפעלקערונג פון דאָמבראָווע קאָנצענטרירט אין יידישן קוואַרטאַל, וואָס האָט אַרומגענומען אַ פּאָר גאַסן ביי דער שול אויף מיעיסקאַ־גאַס, און אַ פּאָר געסלעך אויף רעדען, עס ווערט פאַרבאָטן יידן צו באַנוצן די הויפּט־גאַסן פון שטאָט. צו 2—3 פאַמיליעס ווערן יידן אַריינגעשטופּט אין קליינע דורך פּאָליאַקן פאַרלאָזטע וווינונגען. די פּאָליאַקן פאַרנעמען מיט שאָדן־פרייד פון נקמה די וווינונגען, וועלכע ס׳האָבן פריער פאַרנומען יידישע פאַמיליעס, אַריינלייגנדיק מי און פּראַצע במשך צענדליקער יאָרן.

אין יאָר 1942 ווערט די יידישע באַפעלקערונג, אין רעזולטאַט פון די אַנטי יידישע געזעצן אין גאַנץ פוילן, אַלץ מער און מער איינגעקלעמערט. אוישוויץ, אין די צום רייך צוגעטיילטע געביטן און אין דעם גענעראַל־גאָווערנעמענט: מאַידאַנעק, טרעבלינקע,

סאָביבאָר, ווערן שוין צוגעגרייט פאַר דער מאַסן־פאַרניכטונג. אין דאָמבראָווע, ווי אין גאַנץ זאַגלעמביע, ווערן די אַקציעס פון צוואַנגס־אַרבעט פאַרשטאַרקט; עס קומען שוין אין דער ריי אַלע זעלבסטשטענדיקע פאַכלייט, וועלכע האָבן זיך פאַרזיכערט מיט בלויע „זאָנדערקאַרטן", מיינענדיק, אַז דאָס וועט זיי אָפּראַטעווען פון פאַרשיקונג. עס בלייבן אין שטאָט דער גרעסטער טייל עלטערע מענטשן און ביי דער אויסזידלונגס־אַקציע אין אויגוסט 1942, ווערט דאָס יידישע דאָמבראָווע דורך ס.־לייט באַגלייט מיט הינט און געווער, צונויפגעזאַמלט אויפן פּלאַץ ביי דער שול, און פון דאָרט ווערן יונג און אַלט, קראַנקע און שוואַכע, אכזריותדיק געטריבן צו דער באַן־ראַמפּע אין בענדין, און פון דאָרט — אין משא־וואַגאָנען טראַנספּאָרטירט קיין אויסשוויץ צום אומקום. אַ פּאָר צענדליקער פאַמיליעס, וועלכע זענען על־פּי צופאַל געבליבן אין דאָמבראָווע בעת דער גרויסער אויסזידלונג, ווערן איבערגעשיקט אין שראָדולע, צוזאַמען מיט די פון אַנדערע שטעט פאַרבליבענע רעשטלעך נאָך דער אַלגעמיינער אויסזידלונג. אין יאָר 1943, ווען עס קומט דאָס געזעץ וועגן „יידן־ריין", ווערן אויך די רעשטלעך ליקווידירט. אַ טייל ראַטעווען זיך פון די פאַרשידענע קאָנצענטראַציע־לאַגערן. פון די 6000 יידישע נפשות, וועלכע האָבן זיך געפונען אין דאָמבראָווע ביים אויסברוך פון צווייטן וועלט־קריג, געפינט זיך אין דאָמבראָווע איינע פון דער פאַמיליע גרינבוים און אַ פּאָר הונדערט, צעוואָרפענע איבער דער וועלט, דער גרעסטער טייל — אין ישראל. גאַנצע יידישע פאַמיליעס זענען פאַרשוווּנדן, נישט איבערלאָזנדיק נאָך זיך קיין זכר; און די, וועלכע זענען געבליבן ביים לעבן, זענען פאַראיינזאַמט און פאַריתומט פון שניט, וואָס ס'האָט די נאַצישע שווערד אַזוי מערדערלעך און גרויזאַם געפירט איבערן יידנטום אין פּוילן.



המשרפה במחנה ההשמדה
אַ קרעמאַטאָריום פון אַ פאַרניכטונגס־לאַגער

צבי קאַזשוך

אומגעקומענע חברים

ישראל קליינמאַן

אין ווינטער 1942 ווער איך פאַרשיקט אין לאַגער לודוויגסדאָרף. דאָרט האָב איך געטראָפן ישראל קליינמאַן, וועלכער איז אַוועק פון דאָמבראָווע בעת דער גרויסער אויסזידלונג פון אויגוסט 1942. אַן אויס־געמאַטערטער, גייסטיק צעבראָכענער, האָט ישראל מיר איבערגעגעבן וועגן זיינעליידן און יסורים ביזן קומען אין לאַגער. הונגער און רדיפות מצד די ס. ס.־לייט. נישט זייענדיק פעיִק צו דער שווערער אַרבעט, ווערט ישראל טאָג־טעגלעך גע־שלאָגן פון דער באַגלייטענדער וואַך און מערדערישע דייטשע מייסטער, וועלכע האָבן אָנגעפירט מיט דער אַרבעט. סוף דעצעמבער 1942 האָט דאָס איידעלע האַרץ פון ישראל געפּלאַצט. איך מיט לייבל מאַשקאָוויטש פון דאָמבראָווע, האָבן אים געבראַכט צו קבורה אין די בערג פון נידערשלעזיען. ביים סתימת הגולל האָב איך אָנגעהויבן זאָגן קדיש, אָבער די ביקס פון ס. ס.־מאַן האָב איך דערפילט אין מיין רוקן, דאָס איז געווען אַ סימן אַז איך דאַרף איבעררייסן דעם קדיש. מיט אַ געבויגענעם קאָפּ און געביילטע פויסטן האָב איך פאַרלאָזט דעם פרישן קבר פון חבר ישראל קליינמאַן.

ירמיה זילבערשטיין

דעם 17טן מערץ 1942 בין איך צוזאַמען מיט ירמיה זילבערשטיין געשיקט געוואָרן אין אַרבעטסלאַגער אויפן וועג פון דאָמבראָווע קיין סאָסנאָוויץ. פאַרנדיק מיטן טראַמוויי, באַוואַכט מיט ס. ס.־לייט, פאַרטרויט זיך ירמיה פאַר איינעם פון דער באַגלייטנדער וואַך, אַז ביי אים געפינט זיך אַ סומע געלט. דער ס. ס.־מאַן דערהערנדיק דאָס, נעמט צו ביי ירמיה דאָס געלט. ירמיה האָט געהאָפט, אַז ער וועט זיך קענען ראַטעווען, אָבער אַנשטאָט אים צו באַפרייען, ווערט ירמיה, צו־זאַמען מיט אַלע דעפּאָרטירט אין דאלאג קיין סאָס־נאָוויץ.

אויף צו מאָרגנס ווערט ירמיה אַרויסגערופן דורך אַן ס. ס.־מאַן אויפן פּלאַץ פון דאַלאַג. דאָרט האָט שוין געוואַרט אויף אים אַ מיליטערישע מאַשין, פון וועלכע ווי מיר האָבן באַמערקט דורך די פענצטער, איז אויסגעשטיגן אַ מאַן אין שוואַרצע קליידונג אין באַגלייטונג פון באַוואָפנט מיליטער. דער מאַן אין דער שוואַרצער קליידונג האָט געהאַלטן אַ פּאַפּיר, ווי מיר האָבן זיך משער געווען, איז דאָס געווען אַ פסק־דין. נאָכדעם האָבן מיר געהערט אָפּקלאַנגען פון די שאָסן, וואָס זענען געווען געצילט אין ירמיהס אומשולדיק האַרץ.

מאַקס טרעפער

מיר זענען געקומען צוזאַמען אינעם לאַגער בירקנ־היים ביי טאַרנאָווסקי גורי און צוזאַמען געאַרבעט אויף איין פּלאַץ. פון פיינלעכע איבערלעבונגען, איז מאַקס געקומען אין לאַגער אַ נערוועז קראַנקער און פיזיש צעבראָכענער. דאָס האָט אים אוממעגלעך געמאַכט אויסצופירן די שווערע פיזישע אַרבעט, וואָס די דייטשן האָבן דורך געוואַלד און טעראָר געפאָדערט פון יעדן איינעם. טאָג־טעגלעך ווערט מאַקס געשלאָגן מכות רצח, ביזן פאַלן אין חלשות. מיר האָבן מאַקסן פון דעם אַרבעטס־פּלאַץ אין קראַנקען־אַמבולאַטאָריום אויף אַ רעטונגס־בעטל צוגעטראָגן. מיט דער שתדלנות פון זיין משפחה ווערט מאַקס, אַ האַלב טויטער אַהיים געשיקט; נאָך אַ פּאָר טעג זיין אין דערהיים, פאַר־ענדיקט ער זיין לעבן.

שמעון גראָספעלד

די פּוילישע באַפעלקערונג האָט נישט ווייניק צו־געהאָלפן די דייטשן אין זייער מערדערישער אַרבעט. דער סטרוזש, וועלכער האָט געוווינט ביי זיין פאָטער ראובן גראָספעלד, האָט אָנגעגעבן אַ מסירה ביי דער דייטשער פּאָליציי, אַז שמעון האָט כלומרשט גע־שלאָגן זיין קינד. שמעון ווערט גערופן אויף דער פּאָליציי און ווערט באַשולדיקט אין ווילן דערמאָרדן דאָס אַרישע קינד. ער ווערט מערדערלעך געשלאָגן און פון די קלעפּ שטאַרבט ער נאָך אַ פּאָר טעג.

ת. נ. צ. ב. ה.

שמעון באַליצקי

דאָמבראָווע
אין קאַמף קעגן די נאַציס

מיט וואָס אייגנטלעך האָט זיך דער יידישער ישוב אין דער שטאָט אונטערשיידעט פון ענליכע ישובים אין גאַנץ פוילן? צו האָבן מיר, געוועזענע איינוווינער פון דער שטאָט עפּעס אייגנאַרטיק בייגעטראָגן צו דער געשיכטע פון יידן אין פוילן. און אין וואָס דריקט זיך דאָס באַזונדערע, אייגנאַרטיקע אייגענטליך אויס? באַזונדערס אין באַצוג צו דער תקופה 1939—1945 ווען די האַלטונג פון מענטש אין חברה איז געשטעלט געוואָרן פאַרן העכסטן פּרוּוו?

די גרינטליכע באַלויכטונג פון די פראַגן וואַרט אויף דעם היסטאָריקער, סאָציאָלאָג און שרייבער, וועלכע וועלן אין דער געשיכטע פון יידן אין דאָמבראָווע געפינען געוויס אַ שלל פון אויסערגעוועזנלעך אינטערעסאַנטע פּראָבלעמען, וואָס קרייצן זיך זעלטן וואו אין אַזאַ אַלזייטיקער, אינהאַלטסרייכער פאָרם.

אקדמות

נאָך איידער מיר וועלן אַריינגיין אינעם לעבן פון די יידישע קוואַרטאַלן: אַלט־דאָמבראָווע, שולגאַסן, רעדען און אַנדערע, איז כדאי פריער אַ קוקטון אויף דער שטאָט, אויף דער הילע פון דער באַרימטער אַרבעטס־שטאָט, וואָס איז אין דער פוילישער געשיכטע געקרוינט געוואָרן מיטן נאָמען „דאָס רויטע דאָמבראָווע".

די לאַנדשאַפט אַרום איר, דערמאָנט ערגיץ־וואו אינעם אינדוסטריעלן צפון־פראַנקרייך, אין מונסו, געזען לויט עמיל זאָלאַס „זשערמינאַל". אַ פּייזאַזש אַן אומעטיקער, מיט צעלעכערטער, פאַרברענטער ערד, מיט אַ לופט, אייביק אַדורכגעזאַפּטער מיט שטויב פון קוילן און קאָקס, מיט אַ הימל אַ דערוואָרגענעם פון וואָלקנס רויך וואָס האָבן געפּרייכט פון צענדליקער קוימענס פון די פאַבריקן, הוטעס און גראָבנס, לאַנגע וואָלקנס רויך אויפגעשפּרייטע איבער דער שטאָט, לויט דעם פאַרגלייך פון פּוילישן שרייבער קאַדן־באַנדראָווסקי: „אין זיינע שוואַרצע פליגל" — ווי „צעפלאַטערטע שרייענדע טראַנספּאַרענטן."

ביינאַכט האָט דער הימל געפלאַקערט פון די גרויסע מאַרטענס־אויוונס, פונעם שמעלצן דעם שטאָל אין דער „הוטאַ־באַנקאָוואַ", פון די ברענענדיקע האַלדעס קוילן־אָפּפאַל נעבן די גראָבנס „רענאַרד", „פּאַריז", פון אָפּשיין פון די האַלץ־ און קאָקס שייטערס אויף די גראָע פעלדער פון די וואָרפיעס, קאָשעלעוו, זאַגוזשע, ביי וועלכע די אַרבעטסלאָזע האָבן אונטערגעוואַרמט זייערע פאַרליימטע קערפּערס, זוכענדיק זייער ביטער ברויט אין די פאַרפאַלגטע הונגערשאַכטן. זומער האָט די שטומפּיקע היץ אין די ענגבאַווינטע, אַלטע הייזער פאַרשטיקט דעם אָטעם; ווינטער האָט דער פראָסט אין דעם קוילן־רייכן געביט, פאַרהעמערט אין די נעציק־קאַלטע שטיבן. דאָס אַריינכאַפּן אַ ביסל פרישע לופט ווייט הינטער די שטאָט אין וועלדל אויף די „זיעלאָנע"ס, נעבן די ברעגן פון דער „שוואַרצער פּזשעמשע", אָדער שוין גאָר אין די ווייטע בעסקידן־געבירג איז אָפט פאַר אַ ייד געווען פאַרבינדן מיט סכנות נפשות. ניט זעלטן איז די ערד רויט געוואָרן פונעם בלוט פון די צעהורג"טע יידישע און פּוילישע אַרבעטער און אַרבעטסלאָזע, בעת זיי האָבן אין שטרייקן און אין דעמאָנסטראַציעס געפאָדערט פאַר זיך אַרבעט, ברויט און רעכט, בעת די גראַנדיעזע 1־טע מיי מאַניפעסטאַציעס אין שטאָט, ווען די צעיוזשעטע גראַנאַטענע פּאָליציי האָט מיט זייערע פאַלקעס, ביקס און שווערד געזוכט נקמה אין דער אַרבעטנדיקער באַפעלקערונג. אַ שטאָט וווּ דאָס אַרבעטער־פאָלק האָט צום ערשטן מאָל אין פוילן געפּרוּווט אין די יאָרן 1918—1919 צו איבערנעמען זייער גורל אין אייגענע הענט; מיט אַרבעטער־ראַטן, מוניציפּאַלע פאַרוואַלטונג און שטאַרקע פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען אינעם גאַנצן געביט; אַ שטאָט מיט אַרבעטער פּאַרטייען און אָרגאַניזאַציעס, וועלכע האָבן געקעמפט קעגן דער ענדעקיש־סאַנאַציע מאַכט און אַרויסגערופן שטוינונג אין גאַנצן לאַנד.

קלאָר, אַז ווער ס'לעבט אין אַזאַ שטאָט, ווערט אויך אַרומגענומען מיט איר אַטמאָספער. ניט פיל זענען געווען שטעט אין פוילן ווי דאָמבראָוואַ־גור־

ניטשאַ, ווו יידן, אין שווערן קאַמף און מי, האָבן דעראָבערט און געהאָרעוועט אין ערנסטע אינדוסטריפּלעצער, אייזן־פאַבריקן, שטאָל־שמעלצערייען, בוי, און אַפילו אַ ביסל אין קוילן־גראָבנס און שאַכט; שלאָסעריי, טישלעריי, עלעקטראָטעכניק. ביי איינעם איז דאָס געווען אַ דרינגנדער לעבנס־באַדאַרף, ביי אַנדערע אַ פאַרבערייטונג צו אַ שפּעטעריש, פּראַדוקטיוו לעבן אין זייער צוקונפטיקע היים אין ארץ ישראל. ביי די אַלע האָט געהערשט דער ווילן אָפּצושיידן זיך איינמאָל פאַר אַלע מאָל פון די אויפגעצווונגענע „יידישע פּרנסות" — האַנדל־וואַנדל — מיט אַ לאָך אין טאַש און אָפּט אויך — אינעם קאָפּ. דאָס האָט באַאיינפלוסט פיל ברייטערע קרייזן פון דער יידישער באַפעלקערונג אין דער שטאָט, באַשעפטיקטע אין ווערקשטעלער, ביוראָען, אָנגעשטעלטע אין האַנדל, שטודירנדע יוגנט און האָט אויפגעדריקט איר חותם אויפן אַרט לעבן, מענטאַליטעט, אידעאַלן, אָרגאַניזאַציאָנאַלע טעטיקייט און שווונג פון דער גאַנצער יידישער געזעלשאַפט אין שטאָט.

דער גייסט פון דער באַפעלקערונגסשיכט איז תמיד געווען אַ בונטאַרער און פּראָגרעסיוו אין אינהאַלט אָן אונטערשיד פון פּאָליטישער צוגעהעריקייט, אָדער וועלט־אַנשאַונג. די יידן פון דאָמבראָווע און באַזונדערס די יוגנט האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט זייער מוט, מיט זעלטענע אָפּפערבערייטקייט פאַר די צילן וואָס זיי האָבן זיך געשטעלט.

וואָרט און טאַט

נאָך איידער מיר ווען אָנמערקן דאָס לעצטע, טראַגישע קאַפּיטל פון יידן אין דאָמבראָווע, דאַרף דאָ, כאָטש בקיצור, אונטערגעשטראָכן ווערן די זעלטענע, אָרגאַנישע פאַרבינדונג צווישן וואָרט און טאַט פון די דאָרטיקע מענטשן. די יידישע האָראָפּאַשניקעס, פאָלקס־לייט, אינטעליגענטן, בעלי־מלאכות פון פאַרשידענע קרייזן, קאָמוניסטן, וועלכע האָבן נאָך לאַנג פאַר דער מלחמה באַצאָלט פאַר זייער מוט מיט לאַנגע יאָרן תפיסה'ס אין די קאַזאַמאַטן פון מיסלעוויץ, ראַוויטש, מאָקאָטעוו אָדער קאַרטוז־בערעזע, פאַרוואַגלטע אין פּאָליטישן גלות אין פראַנקרייך, שפּאַניע; אָדער די יעניקע דרייסטע יונגע מענטשן פון „השומר־הצעיר", „גורדוניה", „פרייהייט", וועלכע האָבן פאַרלאָזן די היימען און זענען אַוועק אויף די הכשרה־פּלעצער פון טשענסטאָכאָוו, קיעלץ, פּאַלעסיע, וואַ־

ליז, ווו זיי האָבן אין שווערער מי געגרייט זיך צו זייער נייעם לעבן; אָדער יעניקע אונערמידליכע קולטור־טוער פון „בונד־צוקונפט", לינקע און רעכטע „פּועלי־ציון", און תרבות'ניקעס, וועלכע זענען מיט האַרץ און עקשנות נאָכגעגאַנגען זייערע אידעאַלן; רעליגיעזע יידן מיט זייערע הילפס־חברות הגם ס'רוב עלטערע מענטשן, האָבן זיי דעם דראַנג צום נייעם אויפגענומען מיט מער טאָלעראַנץ ווי אין אַנדערע ישובים און אָפּט דערטיילט הילף אַלע ריכטונגען.

נאַטירלעך האָבן אויך אין שטאָט געווירקט אַנדערע יידן, מה־יפות'דיקע, פאַרגרעבטע פון שמאַלץ און גוטס, אָבער זייער ראָל און השפעה אין שטאָט איז געווען פאַרהעלטניסמעסיק שוואַך. די ספּעציפישע אייגנשאַפטן פון דאָמבראָווער יידישן ישוב ביז צום אויסברוך פון היטלעריסטישן קריג זענען אויך בולט אַרויסגעטרעטן בעת דער קורצער תקופה פון זיין אומקום.

דער אָנהויב פון סוף

ביים באַטראַכטן פון שוידערליכן צייטאָפּשניט 1939—1945, וועלכן, הגם טיילווייז, אויך מיר איז אויסגעפאַלן מיטצומאַכן אין דאָמבראָווער זאַגלעמביער געביט — דאַרף מען באַמערקן, אַז נישט נאָר די יידן אין פּוילן און בתוכם יידן פון דאָמבראָווע האָבן זיך אונטערגעגעבן דעם היטלעריסטישן אָנגרייפער און זענען כאילו געגאַנגען צו פאַרניכטונג „ווי קעלבער צו דער שחיטה". יעדעס דערוואַקסענע קינד אין די שולן ווייסט שוין היינט גענוי וואָס פאַר אַ פעלקער־גרויס־מאַכטן האָבן זיך צוזאַמענגעבראָכן אין די ערשטע יאָרן קריג מיט דעם טאָטאַל באַוואָפנטן דייטשפאַשיסטישן רייך, און נאָר אונדז, שוצלאָזע, אונטערגעדריקטע יידן אין אַ סאַנאַציש־ענדעקישן פּוילן ווערט צוגעלייגט דער אַנטיסעמיטישער פאָרוואורף פון שוואַכקייט און פּחדנות. אַפילו דער באַשיידענער איבערבליק פון פאַקטן אויף דעם קליינעם אָפּשניט פון דאָמבראָווע־גורניטשאַ באַווייזט דעם היפך פון די פאָרווורפן, לערנט אונדז, אַז ווי לאַנג נאָר די יידן, מיטן אויסנאַם פון קליינע גרופּן פאַרעטער, האָבן נאָך געהאַט אָטעם, האָבן זיי, לויט זייערע מיטלען געקעמפט אין די רייען פון דער פּוילישער אַרמיי קעגן פיינט אין געטאָ, אין די וועלדער און אַפילו אין קאָנצענטראַציע־לאַגערן.

שוין בעתן בליץ־אַנגריף פון די היטלעריסטישע

חיילות אויף אויבערשלעזיען און זאַגלעמביע האָבן צענדליקער דאָמבראָווער יידישע יונגע זעלנער געקעמפט אין די רייען פון דער פוילישער אַרמיי קעגן די אָנפאַלער.

אויף די טשענסטאָכאָווער, קיעלצער, שלעזישע פראָנטן קעמפן דעמאָלט מיט געווער אין די הענט צווישן אַנדערע די זאַגלעמביער: וועלוול זאַיאָנץ, מענדל זאַיאָנץ, שמואל וועלנער, נוסינוויטש, שמשון דראָבינאָווסקי. ס׳פאַרלירן זייער לעבן דאָרט: יוסף קופערבערג, מענדעק שיינוועקסלער, יחזקאל קאָזשוך; אַנדערע פאַלן אַריין אין דייטשער געפאַנגענשאַפט און ווערן דורך די ס.א.־באַנדיטן דערמאָרדעט אין די סטאַלאַגן הינטער לובאַרטאָוו, אין די דאָרטיקע שניייקע וועלדער — איבער 200 יידישע זעלנער פון זאַגלעמביע, צווישן זיי דער אינהאַבער פון פריזירגאַנשטאַלט טייכנער, מ׳ין ברודער בערל באַליצקי און פיל אַנדערע קעמפער.

שפעטער, שוין נאָכן צוזאַמענברוך פון דער פוילישער אַרמיי, גייען אַריבער גרופן דאָמבראָווער יידן אין העכסטע סכנות נפשות דעם טייך סאַן, באַקומען זיך אַריבער אויף דער רוסישער ערד און שטעלן זיך האַנט־ביי־האַנט מיטן רוסישן מענטש צום קאַמף קעגן געמיינזאַמען שונא.

דער סוף

דער סוף פונעם דאָמבראָווער יידישן ישוב האָט זיך אָנגעמערקט שוין אָנהויב 1940 ווען דער רוב פון דער באַפעלקערונג איז אַריינגענומען געוואָרן אין שוידערליכן קלעם פון דער געסטאַפּאָ־מאַכט. די שטאָט איז איינגעגלידערט געוואָרן צום „דריטן רייך”, און זיינע „פאָרשטייער” — די בלוטיקע געסטאַפּאָ־חיות: לינדער, לודוויג קנאָל, קוצינסקי, קוטשעראַ און הונדערטער זייערסגלייכן, געשיצטע פון ס.ס. און ס.א. האָבן אָנגעהויבן זייער פאַרברעכערישע, פאַרניכטענדע טעטיקייט קעגן די גאַנצע באַפעלקערונג — פוילישע און יידישע. די דעזאָריענטאַציע צווישן דער יידישער באַפעלקערונג איז אַבער נאָך מער פאַרשטאַרקט געוואָרן צוליב די פּרעציזדורכגעטראַכטע און גלייך איינגעפירטע דורך דער געסטאַפּאָ אויסראָטונגס־מעטאָדן, מיט אכזריות וואָס האָט ניט קיין גלייכן אין דער מענטשליכער געשיכטע.

צום איינשלעפערן די וואַכזאַמקייט צווישן די אומרויקע יידישע באַפעלקערונג און אויסליפערן זי צו שקלאַפן־אַרבעט אין געטאָ, אין די דייטשע קאָנצענטראַציע־לאַגערן און צו פולער פאַרניכטונג, אָרגאַניזירט די געשטאַפּאָ אינערהאַלב די „קולטוס־געמיינדעס” יודענראַטן, אין אַלע שטעט פון זאַגלעמביע. צום דינסט די יודענראַטן, און בעיקר אין זיינע שפיצן האָבן זיך געשטעלט מענטשן אָן געוויסן, גרעניצלאָזע עגאָיסטן, קהל־מאַכערס אָדער סתם צעטומלטע, וועלכע האָבן באַוווסטזיניק אָדער פון שרעק אונטערגענומען אויך אין דאָמבראָוואַ די שמוציקסטע מלאכה פון פאַררעטעריי און זענען צום סוף אַריינגעפאַלן אין דער אייגענער נעץ.

די טעטיקייט פון די דאָמבראָווער יודענראַטניקעס איז געווען געקניפּט און געבינדן מיט דער יודענראַט־צענטראַלע אין סאָסנאָוויץ, אין דער שפּיץ פון דעם טרויעריק־באַרימטן פאַררעטער מאָניעק מערין. די יודענראַטלער דרינגען אַריין אין די פאַרבאָרגנסטע סודות פון דער יידישער היים, שאַנטאַזשירן פּאָליטישע און געזעלשאַפטלעכע טוער מיט אויסליפערן זיי די ערשטע אין די לאַגערן אין פאַל פון אַקטיוון ווידערשטאַנד. אין באַוועגונג ווערן געלאָזט, אויסער די פאַרשידנאַרטיקע מיטלען פון טעראָר, אויך גראָבע מיטלען פון פסיכאָלאָגישער אָפּנאַרעריי. אַזוי צום ביישפּיל רייזט אַרום אין די יידישע פירטלען אין אָנהויב 1940 אַ געוויסער פאַרשוין זיגעל, און האַלט דרשות אין די שולן און גמינע לאָקאַלן וועגן די „אויסערט גוטע באַדינגונגען” וואָס ער האָט מיט זיינע אייגענע אויגן געזען אין די דייטשע אַרבעטס־לאַגערן, ווו אַ טייל פון די זאַגלעמביער יידישע יוגנט איז שוין געווען פאַרשלעפּט: „די יידן האָבן גוטע באַשפּייזונג, לייכטע אַרבעט; פרייע באַוועגונג, פאַרוויילונגען” ממש אַ היטלעריסטישער „גן־עדן”.

כדי נאָך מער צו באַקרעפטיקן דעם פאַרשוינס רייד, פאָרט מערין אַרויס אין די לאַגערן, פּרעסט אויס מיט דער הילף פון די ס.ס.־לייט, בריוו פון די פאַרשלעפּטע יידן מיט „גוטע נאַכריכטן” צו זייערע משפחות. מערין לייענט פאָר די „בריוו” עפנטלעך, אין דער אָנוועזנהייט פון זיינע דאָמבראָווער משרתים, פאַר די פאַרצווייפלטע יידן, און פרווט זיי איבערצייגן, אַז דורך דעם אַרויסשיקן „גוטוויליק” די יונגע יידישע אַרבעטס־קרעפטן, דורך „דער זאַנדערשטעלע פיר פרעמדפעלקישן אַרבעטס־איינזאַץ” אין די דייטשע לאַגערן, וועלן די רעשט צלטערע, אָפּגעשוואַכטע און קינדער געשיצט זיין און גוט באַהאַנדלט

ווערן אויפן אָרט. די אַלע משונה׳דיקע פּראָפּאַגאַנדע־טריקן פון געבעלס טייוואָלישן מאַגאַזין, באַגלייט מיט אויסהונגערונג און בלוטיקן טעראָר, ווערן אין קורצער צייט אויפגעדעקט דורך דער יוגנט און דעם באַוווסט־זיניקן טייל פון דער אַרבעטנדיקער באַפעלקערונג אויפן אָרט. עס העלפט שוין נישט די אינטערווענץ פון „יודענראַט" אין זיין „הילפס־מיליץ". אויף יעדן איינעם ייד מוזן די געשטאַפּאָ־מערדער — די קנאָלס, די לינדערס אַליין אָנגרייפן, מיט מאַשין־געווער און יאַגד־הינט אין מיטן נאַכט; מוזן לויערן ווי הינט אויף די ראַגאַטקעס און פּאַרשטעס, וווהין עס צעלויפן זיך די פאַרפאָלגטע און פאַרשטעקן זיך ביי זייערע פוילישע פריינט. דער ווידערשטאַנד פון די יידישע און פוילישע מאַסן נעמט אָן וואָס מער ברייטע און קרעפטיקע פאָרמען. און כאָטש ער ענדיקט זיך לרוב טראַגיש, וואַרפט ער אָן אויף די געסטאַפּאָ און אירע משרתים שטוינונג אין אימת־המוות. בעת די רעפרע־סיעס פון דער געסטאַפּאָ ווערן אין אָנהויב יאַנואַר 1940 אַרעסטירט אַ גרופּע פון אַרום 50 מאַן, אַנטי־היטלעריסטישע טוער אין פאַרדעכטיקע אין סימפּאַטיע צו די ווידערשטענדלער, צווישן זיי די פּאָליאַקן צעדלער, ברילאַ, קוויעצינקי; און יידן: אינזשיניער ביאַלסקי, מרדכי פיינמאַן, שמואל קליין און אַנדערע, וועלכע ווערן דורך דער געשטאַפּאָ דערמאָרדעט. אין אַפּריל, פסח־צייט 1940, באַפאַלן הונדערטער פרויען, בעת אַ פאַרשטייענדן טראַנספּאָרט פון די יידן אין די לאַגערן, דאָס הויז פון דער „קולטוס־געמיינדע אין יודענראַט" אויף דער מיעיסקע־גאַס, דעמאָלירן די ביוראָען, גרייפן אָן די יידישע מיליץ, רייסן אַרויס ממש פון אונטער זייערע הענט און דורך די ס.ס.־זשאַנדאַרמען באַוואַכטע רייען, זייערע זון און טעכ־טער, פאַרשטעקן די אָפּגעשלאָגענע יידן אין לעכער, בונקערס, אַ טייל צעלויפט זיך אין די פוילישע קוואַר־טאַלן אויף אַלט־דאָמבראָווע, רעדען, זאַגזשע, אַנדערע — די ברידער שטערן, די סטערניקס, די בראַנדעסעס און באַקומען זיך אַריבער אויף דער רוסישער ערד. דער ווידערשטאַנד דויערט. עס הויבן זיך אָן צו באַוויי.ן די ערשטע יידישע אָרגאַניזירטע גרופּן אין דער אונטערערד צום קאַמף מיט דער געסטאַפּאָ און אירע אַגענטורן. אַזוי אַנטשטייט דעם 1־טן אָקטאָבער 1940 די אַנטי־פאַשיסטישע גרופּע פון יידישע פּראָ־גרעסיווע טוער פון די לינקע גרופּירונגען — קאָמו־ניסטן, לינקע „פּועלי־ציון", בונדיסטן און אומפּאַר־טייאישע, אונטער דעם „דימיטראָוו־פּאַראָל", צו וועלכער עס געהערן אָן צווישן אַנדערע די חברים ליבער ברענער, יעקב פרידמאַן, י. מאַשקאָוויטש, ישראל קליימאַן, שמואל שייקעוויטש, פריילייך פערענץ, דוד בראַט, קלמן יאָסקעל, חנן לעווענשטיין, דער שרייבער פון די שורות און אַנדערע. די קאָנ־ספּיראַציע־טעטיקייט ווערט אָנגעפירט וואָס־אַמאָל אין אַנדערע ווױנונג פון די מיטגלידער. דער ציל פון דער גרופּע איז צו באַפעסטיקן די ווידערשטאַנד־באַוועגונג אויך אויף דער יידישער גאַס, צוגעפינען אַ ברייטערע פאַרבינדונג מיט דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג אויף דער פוילישער זייט, אויפצוקלערן די ווירקלעכע געפאַר פון די צוואַנגס־אַרבעט־לאַגערן, די מעטאָדן פון דער געסטאַפּאָ און די פאַרברעכערישע ראָל פון יודענראַט. די יידישע באַפעלקערונג ווערט דורך ביו־לעטינען אין מינדליכע אויפקלערונג גערופן צו סאַ־באָטאַזש־אַקציעס אויף די אַרבעטס־פּלעצער און אין די שאָפּן, עס ווערט איבערגעגעבן פּאָליטישע נאַכריכ־טן, אונטערגעהערט אָדער איבערגענומען דורך די מיטגלידער פון דער גרופּע, ווי דוד בראַט, וועלכער אַרבעט נאָך צו יענער צייט אין דער דראָט־פאַבריק פון די געברידער קליין; דער שרייבער פון די שורות, וועלכער אַרבעט דאָן אין די ווערקשטעלן פון דער שטאָט־פאַרוואַלטונג ביי צוואַנג־אַרבעט; דורך יעקב פרידמאַן וועלכער האָט פאַרבינדונג מיט די פוילישע בעאַמטע פון קוילן־גרוב „פּאַריז". ליבער ברענער פאַלט שפּעטער אַריין אין די הענט פון „געשטאַפּאָ" און קומט אום אין קראָקע, דוד בראַט ווערט פאַר־שלעפּט דורך דער פּאָליטישע פּאָליציי מיט פיל אַנ־דערע פוילישע אַרעסטירטע און ווערט דאָרט דער־מאָרדעט אין אָשוויענטשים־אוישוויץ, ישראל קליינ־מאַן, פערענץ און אַנדערע ווערן פאַרשלעפּט אין אומ־באַקאַנטער ריכטונג.

די רעשט פון דער גרופּע גיסט זיך דעם 2־טן יאַנואַר 1942 צונויף מיט דער אַנטשטאַנענער דאַן פּ.פּ.ר. (פּאָלסקאַ פּאַרטיאַ ראַבאָטניטשאַ). די פאַרבינ־דונג ווערט אָנגעהאַלטן דורך דער פאַרמיטלונג פון פוילישן חבר סטאַליצקי, פון קסאָווער, מיטגליד פון ראַיאָן־קאָמיטעט פון דער פּ.פּ.ר.

עס דערגרייען צו אונדז אין יענער צייט ידיעות פון אַ ברייט־פאַרצווייגטער טעטיקייט פון אַנדערע ווידערשטאַנד־גרופּן און אָרגאַניזאַציעס — „השומר־הצעיר" „גורדוניה", „הנוער־הציוני". עס אינפאָרמירן

מיך וועגן דער טעטיקייט די ברידער פרייבערג, מאיר מונעטאַ און אַנדערע. די פאַרבינדונג מיט דער דאָמבראָווער יוגנט האַלטן צווישן אַנדערע אָן די חברים פון די אָרגאַניזאַציעס אין בענדין, ווו די טעטיקייט ווערט גרופירט —: פרעדקאַ אָקסענהענדלער, סאַמעק מייטליס, העלאַ שאַנצער און אַנדערע. אין מערץ 1942 באַזוכט די גרופן מרדכי אַנילעוויטש, שפּעטערדיקער קאָמענדאַנט פון געטאָ־אויפשטאַנד אין וואַרשע.

ער אינפאָרמירט די יוגנט וועגן דעם לעבן און גערעאַנגל פון די געפייניקטע יידן אין דעם אַזוי גערופענעם „גענעראַל־גאָווערנעמענט”, וועגן די אויסזידלונגען און פאַרניכטונגען אין די טויטן־לאַגערן מיידאַנעק און אוישוויץ, רופט צום פאַראייניקטן קאַמף קעגן ראַסיזם און פאַשיזם, פאַר זאַמלען געווער און אַנדערע מיטלען צום באַשיצן די יוגנט אויף יעדן פאַל — דורך אויסאַרבעטן „אַרישע” פאַפירן, אַרבעט אין די לאַגערן פון פוילישע אַרבעטער, וואו די שאַנסן צום איבערלעבן זענען געווען גרעסערע. נאָך שפּעטער, אין די יאָרן 43־44, ווערט דער גערעאַנגל נאָך קאָמפּליצירטער און טראַגישער. די דאָמבראָווער יידן, ווי אומעטום אונטער דער היטלעריסטישער אָקופּאַציע, ווערן פולקום פאַרריגלט אין געטאָ, עס קומען אָן די מאַסן־אויסזידלונגען קיין גראָס־ראָזען און אוישוויץ. עס טרעפן זיך דאַן פאַלן פון מענטשלעכע העראָיק, מאַרטירערטום, פון וועלכע דער שונא איז ניט איינמאָל געשטעלט געוואָרן אין שטוינונג. אַלס כאַראַקטעריסטישער ביישפּיל צו דעם קאָן דינען דער פאַל מיט דעם באַשיידענעם בחור מאיר בעלפער. בעת אַן אויסזידלונג, ווען זיין מוטער געפינט זיך שוין אין די רייען פון טראַנספּאָרט צו פאַרשיקונג, פאַרזוכט מאיר בעלפער זי אַרויסצובאַקומען פון די הענט פון די וואַך־לייט און, ווען די זאַך געלונגט אים ניט, שטעלט ער זיך ביי דער זייט פון זיין מאַמע — „ווי דיין גורל וועט זיין, וועט אויך זיין מיינער”, און שפּייט דעם ס.ס.־מאַן אָן אין פּרצוף.

ווי מיר זעען פון דעם קורצן איבערבליק, גייט דער קאַמף פון די דאָמבראָווער יידן מיטן היטלעריסטישן באַצווינגער, טראָץ די שווידערליכסטע באַדינגונגען, אָן אויפהאַלט אין אַפילו נאָך אין די הערמעטיש פאַרשלאָסענע און אָפּגעטיילטע פון דער וועלט קאָנצענטראַציע־לאַגערן אין נידערשלעזיען, סודעטן־געביט, אין טיף־דייטשלאַנד. אויך קעגן די טרופּן פון דער געשפּענסטערהאַפטער „טאָד־אָרגאַניזאַציאָן”, גייט דער גערעאַנגל פאַר לעבן און ווירדע ביז דער לעצטער מינוט, אָפּט ביזן לעצטן הויך פון דער נשמה. ניט איינער, ווי צום ביישפּיל יעזשי וואָלף, טוביה ברוקנער אַנטלויפן פון די בוי־שטעלעס און באַצאָלן דערפאַר מיט זייער לעבן, פאַרזוכן צו אַנטלויפן, ווי באַשקע דאפנער, ברידער באַליצקיס, וואָלף ליפּ אָדער, שטעלן זיך בראש פון אונטערערדישע, אַנטי־פאַשיסטישע גרופּן אין די לאַגערן ביזן שלוס פון קריג.

זאָלן אונדזערע העלדן און מאַרטירער קיינמאָל ניט ווערן פאַרגעסן.

ישראל קאָרנפעלד

די מאַרטיראָלאָגיע פון יידן אין די לאַגערן און קאַצעטן

די געשיכטע פון דער מאַרטיראָלאָגיע פון יידן אין דער היטלער־תקופה וועט זיך ביי די (על פי נס) לעבנגעבליבענע, קיינמאָל נישט אויסלעשן. מען מוז אָבער אויך דערמאָנען די עקשנות פון די יידן, וועלכע זענען געווען אין די צוואַנגס־לאַגערן, קאַצעטן און אויסראָטונגסלאַגערן. זייענדיק מער ווי פיר יאָר אין פאַרשידענע לאַגערן, און מיטמאַכן די אַלע צרות פון יידישע קאַצעטלער, האָב איך נישט באַמערקט ווער פון די יידן אין קאַצעט, זאָל זיך ווענדן צו אַן ס.ס. מיטן רוף: „שיסט מיך”. ווי געפיייניקט ער זאָל נישט ווערן.

גאָר אַנדערש זענען געווען געפאַנגענע פון אַנ־דערע פעלקער. איך האָב געזען ווי געפאַלן עס זענען געווען די סאָוויעטישע קריגס־געפאַנגענע אין דייטש־לאַנד.

אין לאַגער איענראַדע האָבן זיך רויט־אַרמעער געבעטן ביי דער דייטשער וועראַכט, וועלכע האָבן זיי געהיטן: „סטרעלאַי” (דערשיס מיך) און פיל פון די העלדישע סאָוויעטישע רויט־אַרמעער זענען טאַקי דערשאָסן געוואָרן. דאָס זענען דאָך געווען אויסגע־שולטע, יונגע, קרעפטיקע מענער, דאָך אין געפאַנ־גענשאַפט איז זייער מאָראַלישער כוח אויף אַזויפיל געפאַלן, ביז בעטן פאַר זיך דעם טויט, דערשאָסן צו ווערן.

זאָל דאָס זיין דער ענטפער פאַר די, וועלכע דיס־קרעדיטירן די יידן, וועלכע האָבן געלעבט אונטער די דייטשע רוצחים דערנידעריקטע, אויסגעפיייניקטע, הונגעריק און נאַקעט, נאָך פיל שעהן שטיין אויף „אַפּעלן” זומער און ווינטער. אָבער דאָך האָט נישט פּאַסירט אין די דאָזיקע שרעקליכע באַדינגונגען, ווער פון די יידישע קאַצעטלער זאָל בעטן ביי אַן ס.ס. מאַן אויף זיך דעם טויט. יעדער ייד אין קאַצעט האָט מיט פיל מוט און גלויבן זיך געראַנגלט פאַר זיין לעבן, ווינטשנדיק די רוצחיק אַ שנעלע מפּלה.

דער יידישער קאַצעטלער האָט זיך אין די שווערסטע באַדינגונגען געהאַלטן.

די באַפרייאונג אין לאַגער בערגען־בעלזען


אין קאַצעט־לאַגער בערגען־בעלזען זענען, ווי באַ־קאַנט, טויזנטער יידישע לעבנס פאַרשניטן געוואָרן.

אין דעם לאַגער זענען געווען צונויפגעזאַמלט קאַצעטלער פון פאַרשידענע פעלקער, צווישן זיי, מיר יידישע קאַצעטלער וואָס האָבן מיטגעמאַכט דעם טויטן־מאַרש פון פאַרשידענע קאַצעטן ביז דעם טויטן־לאַגער בערגען־בעלזן.

מען האָט אונדז געטריבן פון לאַגער צו לאַגער, נישט וויסנדיק ווי מען פירט אונדז, יעדער איינער האָט געטראַכט וועגן אונדזער סוף, ווייל אין מאַרש האָבן מיר געזען פיל דערשאָסענע קאַצעטלער.

דעם 10־טן פעברואַר 1945 האָט מען אונדז אַרויס־געפירט פון לאַגער בונזלאַו. עס איז אַ פינצ־טערע נאַכט, מיר זענען געווען באַוואַכט מיט ס.ס.־מענער. אין דריטן טאָג פון מאַרש האָט מען פון אונדזערע רייען דערשאָסן עטלעכע יידישע קאַצעט־לער און עטלעכע פאַרוואונדעט (זאָל דאָ דערמאָנט ווערן אַ יוגנטלעכער פון דאָמבראָווע־גור., וואָס איז בעת אונדזער טרויעריקן מאַרש דערשאָסן געוואָרן. מען האָט אים גערופן ליבערמאַן, פון 3־טער מאַי גאַס, זיין עלטערער ברודער איריש איז אומגעקומען אין לאַגער ווידאַו (ביי בונזלאַו). דאַן האָט מען אונדז אויסגעשטעלט אין אַ ריי צום דערשיסן. די מערדער האָבן זיך שוין פאַרגעברייט מיט זייער מאַשין־גע־ווער, אין דעם מאָמענט, ווי אַ נס פון הימל, איז אָנגעקומען דער לאַגער־פירער (אַ הויכער ס.ס.־אָפיציער) און האָט פאַרבאָטן צו באַנוצן געווער קעגן אונדז און אַזוי אַרום זענען מיר ניצל געוואָרן פון אַ זיכערן טויט.

מען האָט אונדז ווייטער געטריבן עטלעכע וואָכן פון וואָס מיר זענען געוואָרן פאַרלייזיקט און געליטן הונגער און קעלט. מען האָט אונדז געפירט אין אַ לאַגער דאָראַ און דערנאָך צו אַ לאַגער עלריך די באַדינגונגען אין די צוויי לאַגערס איז שווער צו באַשרייבן. מען האָט אונדז סאַדיסטיש געפייניקט. די דייטשע קאַפּאָס האָבן מערדערלעך געשלאָגן. די



ש. בליצקי: במחנה הריכוז

ש. באַליצקי: אין קאַצעט-לאַגער

ליידן אין אָט די לאַגערס איז שווער צו פאַרגעסן.

אין אַ געוויסן טאָג האָט מען אונדז צוזאַמען מיט געפאַנגענע פון אַנדערע פעלקער אַנגעלאָדן אין וואַגאָנען, געפּרעסט ווי הערינג אין אַ פאַס. אַזוי פאָרנדיק אין די וואַגאָנען זענען מיר אין עטלעכע טעג אָנגעקומען קיין בערגען־בעלזען. מען האָט אונדז אויסגעלאָדן לעבעדיקע מיט טויטע צוזאַמען. דערנאָך האָט מען אונדז געפירט אין אַ קאַזאַרמע אַריין, און ווידער אונדז צוזאַמען געפּרעסט אין שטובן, וויפל עס איז נאָך אַריין. יידן, רוסן, פּאָלאַקן, טשעכן, דייטשן א.א.וו.

אין דעם לאַגער בערגען־בעלזען, האָט מען באַ־קומען אַ קליין טעפּעלע וואַסערדיקע זופּ, דער הונגער אין דעם לאַגער איז געווען שרעקלעך. יעדן טאָג זע־נען מאַסן קאַצעטלער געשטאָרבן פון הונגער, דערצו נאָך האָט געהערשט אַ שרעקלעכע די׳ענטעריע־קראַנקהייט.

געפינענדיק זיך אין די שרעקלעכע באַדינגונגען אין דעם לאַגער און טראַכטנדיק וואָס דער מאָרגן קאָן אונדז ברענגען, האָבן מיר די לעצטע טעג פאַר דער באַפרייאונג באַמערקט געוויסע ענדערונגען.


פּלוצלינג — אַ געשריי, אַ לויפעניש (דאָס איז געווען אין 15 אַפּריל 1945) ס׳זענען דעמאָלט אַריין אין לאַגער בערגען־בעלזען צוויי ענגלישע טאַנקן.

אַ פרייד האָט אַלעמען אַרומגענומען. סוף סוף האָבן מיר דערלעבט די פרייהייט. אַ סוף צו די דייטשע מערדער. נקמה נעמען אין די רוצחים און אין די קאַפּאָס, „אַ טויט די מערדער", איז געווען דער רוף. דער רוב יידישע קאַצעטלער זענען געווען אין אַלגעמיין צו שוואַך נקמה צו נעמען אין די מערדערס. רוסישע קאַצעטלער, און אַ טייל יידישע האָבן די נקמה גענומען. ווי נאָר זיי האָבן געטראָפן אַ קאַפּאָ, האָבן זיי אים דערשלאָגן צום טויט.

מיר זענען פריי, מיר האָבן שוין נישט מער ד היטער, ס.ס.לייט, דאָך דער לאַגער ווערט ווייטער באַוואַכט פון ענגלישע זעלנער, מיר זענען פריי, אָ עס פעלן ווייטער קרבנות. און מיר הונגערן ווייטער און די הומאַניטאַרע ענגלענדער האָבן געהאַט גרויס רחמנות... אויף די דייטשן. די ענגלענדער ברענגע נישט קיין באַשפייזונג פאַר די אויסגעהונגערטע געפייניקטע קאַצעטלער. אַזוי האָט אויסגעזען אונדזע באַפרייאונג.

אין עטלעכע טעג אַרום האָבן די ענגלענדער קאָנ־צענטרירט די קאַצעטלער פון יעדן פאָלק באַזונדערע אין באַזונדערע בלאָקן. אַזוי זענען מיר יידישע קאַ־צעטלער צוזאַמען אין אַ באַזונדערן בלאָק. אין ז געוויסן טאָג האָט זיך באַוויזן אַ יידישער פאָרשטייער אין אַ ענגלישן מונדיר, מיר האָבן זיך צונויפגע.אַמלט אויף אַ פּלאַץ און דער יידישער פאָרשטייער האָט דערציילט: „מיר האָבן אַדורכמאַרשירט לענדער האָלאַנד, בעלגיע און נישט געטראָפן קיין איין יידן... יידן האָלט אייך, דער דזשוינט האָט פאַר אייך 15 מיליאָן דאָלאַר. עס ווערט אַ געשריי: „מיר הונגערן מיר שטאַרבן פון הונגער!" מען קאָן זיך פאָרשטעלן מיט וואָס פאַר אַ געפילן מיר ערשטלעך, על פי נס געבליבענע, זענען זיך צוזאַמענגעקומען.

אין די זכרונות פאַר די לעבנגעבליבענע וועלן מיר דערמאָנען דעם היסטאָרישן טאָג, דעם 15 אַפּריל 1945 פון באַפרייאונג, ווי אויך שפּעטער, די קרבנות נאָך דער באַפרייאונג אין בערגן בעלזן.



די שארית־הפליטה סאָלידאַריזירט זיך
מיטן קעמפנדיקן ישוב

ישראל קאָרנפעלד

זכרונות צום אנדענק פון די נאענטסטע

מיינע אומפאַרגעסלעכע עלטערן האָבן געהאַט צייט צו שטאַרבן.

מיין פאָטער ז״ל, איז געבוירן אין יאָר 1863 אין בענדין. די עלטערן פון מיין פאָטער זענען געווען פרומע. דער זיידע איז אין זיין לעבן געווען פאַר־בונדן מיט חסידים, אָבער זיינע קינדער, ווי אויך מיין פאָטער, האָבן זיך געפירט יידישלעך רעליגיעז.

דער פאָטער אונדזערער, נישט ווילנדיק דינען אין דער צאַרישער אַרמיי, אַנטלויפט קיין אַמעריקע און דאָרט זייענדיק עטלעכע יאָר, קומט ער צוריק קיין בענדין.

אין יענער צייט איז אונדזער פאָטער געווען אין דער „חובבי־ציון״־באַוועגונג, און ווען עס איז אַנט־שטאַנען די ציוניסטישע באַוועגונג אין בענדין, איז ער דאָרט געווען פון די ערשטע געציילטע ציוניסטן.

דער פאָטער פלעגט דערציילן אין יענער תקופה, ווי דער ציוניזם איז געוואָרן באַקעמפט און מיט וואָסערע מיטלען די קעגנערס האָבן זיך באַנוצט. „די ציוניסטן — האָט מען געטענהט — ווילן אונדז ברענגען משיחן״. ווען איינער האָט געטראָגן אַ קורץ רעקל: די ציוניסטן גייען שוין געקליידעט ווי די גויים. אין יענער צייט זענען יידן געגאַנגען לאַנג געקליידעט אין פאַלטעלעך. די עקסטרעם פרומע נישט באַגרייפנדיק דעם אידעאַל פון ציוניזם, האָבן זיך באַנוצט מיט פאַרשידענע מיטלען קעגן דער ציוניסטישער באַוועגונג. טראָץ אַלעם האָט זיך דער ציוניזם אין יענער תקופה צעוואָקסן צו אַ יידיש־נאַציאָנאַלן און געזעלשאַפטלעכן כוח.

אונדזער פאָטער ז״ל איז געווען זיין גאַנץ לעבן ציוניסטיש געשטימט. ער האָט אויך אין יענע יאָרן געקויפט ארץ־ישראל אַקציעס אויף זיין נאָמען (ליי־דער האָב איך שפּעטער דאָ אין לאַנד זיי נישט געפונען).

דער פאָטער האָט ליב געהאַט צו לייענען יידישע ביכער. שפּעטער האָט ער זיי באַקומען פון זיינע דערוואָקסענע קינדער.

מיר זענען געווען אַכט קינדער, אייניקע האָבן געהערט צו פאַרשידענע פּאַרטייען און געזעלשאַפטן, ווי „לינקע פועלי ציוניסטן״, „השומר הצעיר״ און איינער אויך אַ קאָמוניסט. מיר פלעגן שטענדיק דיס־קוטירן מיטן פאָטער וועגן יידישע פּראָבלעמען. ער האָט זיך שטענדיק באַצויגן צו אונדז ווי אַ חבר, און מיט ליבשאַפט.

אונדזער מוטער ז״ל האָט זיך אין די דיסקוסיעס נישט אַריינגעמישט און שטענדיק געזאָרגט פאַר דער שטוב און פאַר די קינדער, ווי אַ יידישע האַרציקע מאַמע. ווען עס פלעגן פאָרקומען דיסקוסיעס, פלעגט אונדזער מוטער אונדז הייסן שווייגן און זאָגן: „די קינדער זענען שוין קלוגער פון אונדז, זיי ווילן די וועלט פאַרדרייען״. אַזוי האָט אויסגעזען דאָס לעבן ביי אונדז אין הויז. כבוד מיט ליבשאַפט פון די אומפאַר־געסלעכע עלטערן און קינדער.

*

ווען עס איז אויסגעבראָכן די ערשטע וועלט־מלחמה אין יאָר 1914, איז אונדזער שטאָט דאָמבראָווע־גור־נישאַ, אָקופּירט געוואָרן פון עסטרייכיש מיליטער. אין די יאָרן פון דער ערשטער וועלט־מלחמה זענען אין דאָמבראָווע אַנטשטאַנען פאַרשידענע אַנשטאַלטן און געזעלשאַפטן: דער יידישער האַנטווערקער־פאַר־איין, וועלכן אונדזער פאָטער איז געווען איינער פון די ערשטע גרינדער, און פיל בייגעשטייערט הן מיט געלט און הן מיט אַרבעט. צווישן זיי זענען געווען: בערל פוקס, מאכל פּיענקני און יעקב פוקס. אונדזער פאָטער חיים קאָרנפעלד, שלמה ווינער, יוסף נתן שווימער און דער ערשטער סעקרעטאַר פון פאַראיין איז געווען אלתר שענהאַפּט

דער גורל האָט געוואָלט, אַז די לעצטע יאָרן בין איך געווען סעקרעטאַר פון דעם האַנטווערקער־פאַר־איין, ביז דער ליקווידאַציע דורך די דייטשע רוצ־חישע אָקופּאַנטן.

אונדזער פאָטער איז געשטאָרבן אין יאָר 1932 אין עלטער פון 68 יאָר. זיין טויט איז געווען אונדזער אַלעמענס טרויער. נישט האָבנדיק צווישן אונדז קינ־דער דעם געטרייען פאָטער און חבר אין אונדזער לעבן. ווען מיר קינדער האָבן געשטעלט אַ מצבה פאַר אונדזער פאָטער מיט אַ יידישן טעקסט, האָט עס אַ

טייל יידן פאַרדראָסן, ווייל ס'איז געשריבן אין יידיש.

אונדזער ליבע מוטער איז געשטאָרבן אין יאָר 1941. דער טויט פון אונדזער טייערער מוטער איז געקומען צוליב די טראַגישע אומשטענדן, וועלכע מיר יידן האָבן זיך דאַן געפונען ביי די דייטשע פאַשיס־טישע רוצחים. עס זענען געווען אין יענער צייט פאַר־שידענע קלאַנגען, אַז מען וועט אונדז אויסזידלען, נאָר מיט 50 קילאָ באַגאַזש. אָדער מען זאָל דאָמבראָווע גאָר מאַכן יידן־ריין און שיקן אַלע יידן אין געטאָס. די אַלע צרות האָט די ליבע מוטער נישט געקאָנט איבערטראָגן. זי האָט שטענדיק געזאָגט: ווו וועל איך גיין אויף מיינע אַלטע יאָרן מיט מיינע קינדער און אייניקלעך. דאָס האַרץ האָט נישט געקאָנט דאָס אַלץ פאַרנעמען, און אין חודש מערץ 1941 האָט זיך דאָס לעבן פון אונדזער הייס־געליבטע מוטער אויסגעלאָשן... זי איז געווען איינע פון די פיל קרב־נות פון די דייטשע נאַצישע באַרבאַרן.

ווי געזאָגט, איז אין דער משפחה קאָרנפעלד געווען דאָס הויז פול מיט לעבן. אַזוי ווי אונדזער פאָטער, זענען אויך די קינדער געווען טעטיק אין געזעלשאַפטן, ווי אויך אין פאַרשידענע פאַרטייען און אָרגאַניזאַציעס.

ליידער, די אַלטע היים מיט דעם שפּרודלדיקן לעבן איז מער נישטאָ. מיר זענען פון דער גרויסער משפחה קאָרנפעלד געבליבן גאָר אַ קליין רעשטל. פון אַכט קינדער זענען מיר געבליבן דריי.

זאָל דאָ דערמאָנט ווערן לזכרונות, אונדזער ברודער דוד קאָרנפעלד, וועלכער איז געווען אַ חבר אין די לינקע „פּועלי־ציון" אין ראַיאָן פון זאַגלעמביע, ווי אויך אונדזערע שוועסטערן: שפרינצאַ, האַלינאַ, אירקאַ און מאַניאַ, ווי אויך די שניערס און אייניקלעך, וועלכע האָבן פאַרצוויגט די משפחה קאָרנפעלד.

זאָלן די געשריבענע ווערטער זיין אַ יזכור פאַר די אומגעבראַכטער פאַרצווייגטער משפחה קאָרנפעלד.

דוד איזנברג

ניצולי השואה מספרים

שנת 1939. ימים ספורים לפני פרוץ המלחמה, כבר נראתה בעיר תנועה של פליטים הבורחים מהגבול. בשורות רעות התפשטו על בואו של צבא היטלר.

ביום שלישי, 5.9.39, נכנס הצבא לעירנו. המצב נעשה רע, תמורת כיכר לחם, שאי־אפשר היה לאכול אותו, עמדו כמעט כל הלילה בתור ולא אחד חזר הביתה ריקם.

הגרמנים פקדו שכל יהודי חייב לרכוש מין תעודת זהות, „פינגער־אָפדריק". תבליט של אצבע בצירוף שם: לגבר — „ישראל" ולאשה — „שרה". ניתן צו שכל אחד צריך לשלם מס־יחיד, „רטפ־שטייער", בסך עשרה מארק. חולקו כרטיסי מזון. ניתנה פקודה לרכז את כל היהודים ברחובות הצדדיים. לעלית על החש־מליות מותר היה אך ורק לקרונות שמעליהם התנוסס השלט: „רק ליהודים". „נור פיר יודן". בשנת 1942 לא הורשו בכלל לנסוע בחשמליות. כל יהודי חייב היה לענוד סרט לבן על שרוול הבגד של היד הש־מאלית, ועליו מגן־דוד רקום בכחול. כעבור זמן מה בוטל הסרט הלבן והוחלף בטלאי הצהיב. מותר היה להתהלך בעיר עד שעה שבע בערב או לפעמים עד תשע בערב. את מי שמצאו אחרי שעה זו עצרו.

הגרמנים החלו לנצל את היהודים לכל מיני עבודות וגם לניקוי שלגים בחורף. עבדתי אז בעיריה בעבודות ציבוריות. ניתנה פקודה לנפץ את האנדרטה של טדאוש קושצ'ושקו שניצבה בפינת רחוב המוביל לכיוון תחנת הרכבת. ניפצנו את האנדרטה והשלכנו אותה.

כל יהודי היה צריך להיות מסודר במקום עבודה קבוע, אחרת נשלח למחנות עבודה לגרמניה. הגר־מנים נהגו לערוך סריקות לעיתים קרובות, ואת מי שמצאו ללא תעודת עבודה במקום כסויים שלחוהו מיד לסוסנוביץ ל„דולאג" ומשם לעבודת כפיה.

הסריקות האלו לא פסקו. כשראינו את האוטו ה־ירוק של המשטרה הגרמנית, מיד הסתתרו כל הגברים איפה שרק יכלו. אחד החוטפים הראשיים לעבודה היה גרמני אחד בשם מאיור לינדנר ואנו קראנו לו „מאיר לינדנר". פעם, בכדי להטות את תשומת לבם של היהודים, הוא הופיע בעיר לא באוטו הרגיל אלא

באוטו האדום של הדואר, ואיש לא העלה על דעתו שזו תהיה חטיפת אנשים לעבודה.

הגרמנים פקדו להביא את כל דברי הנחושת, הזהב וכו'. הם לקחו מהיהודים את הרהיטים היפים ביותר. כעם, ביום בהיר בשנת 1940, ניתנה פקודה ליודנראט להביא נגרים ולהקים עשרה עמודי תליה. התברר אחר כך שהשוטרים של בית־הרושת ב„הוטה־באנקובה" אסרו עשרה גויים והאשימו אותם בבגידה והם נידונו למיתה בתליה. הגרמנים הכריחו כל עובר ושב בעיר להתבונן כיצד תולים את הבוגדים.

זכורני כיצד נשלחו הודעות לחלק מיהודי דומב־רובה שיתיצבו לטרנספורט. כולם התאספו בבית הכנ־סת הגדול, וביניהם גם ראובן ליכטציער ז"ל. האווירה



צייר: יצחק בלפר   צייכענונג: יצחק בעלפער

עד מתי?

היתה מאוד עצובה, אך מצב הרוח השתפר הודות לראובן ליכטציער שעלה על הדוכן והחל לדרוש דרשה ולעודד את היהודים, הוא קרא: „איך דאנק דיר גאָט אז איך בין אויך זוכה מיט אייך צוזאַמען אַנקעגן צו גיין דעם משיח". (מודה אני לאלוהים שזוכה אני לקדם פני המשיח בחברתכם). ממש באותו רגע רקאו את ראובן החוצה. היו אלה אנשי היודנראט והם שלחו את ראובן הביתה. אחר כך, אחרי הגירוש הגדול ב־12.8.42, פגשנו שוב את ראובן בגיטו ושאלנו אותו: „היכן היית ביום הסלקציה?" והוא ענה: „דא־מאלס צום זאַמלפונקט אין שול האָט מען מיר איינ־געלאַדנט, און צום אַנדערן זאַמלפונקט האָט מען מיך נישט איינגעלאַדנט, האָב איך מיך נישט צוגעשטעלט". (לנקודת האיסוף בבית הכנסת הזמינו אותי, ולמקום השני לא הזמינו — לכן לא התייצבתי.) ואכן, הוא זכה למות בביתו ועל מיטתו ולא נשלח להשמדה.

כעבור זמן מה ניתנה פקודה ליהודי העיירות ש־בסביבה להתייצב עם התעודות. הם התיצבו, החתימו את תעודותיהם ושלחו אותם הביתה. כעבור שבועיים ב־26.8.42 ניתנה פקודה לכל יהודי דומברובה, בנדין וסוסנוביץ להתיצב גם כן לשם החתמת תעודות. היי־הודים התאספו במקום המיועד וחשבו שאחרי ההח־תמה ישלחו הביתה, כפי שהיה עם יהודי העיירות הסמוכות. אך הפעם היתה זו מזימה של הגרמנים לעשות „אקציה", והיהודים מצאו את עצמם במיכלאה מוקפת גרמנים. באותו יום לקחו כ־1200 אנשי דומב־רובה, רובם מבוגרים, הורי ילדים וגם ילדים קטנים. הפעולה נעשתה בשיתוף עם היודנראט בניצוחו של הגרמני קוצינסקי. הוא קרא 3־2־1, זאת אומרת — הראשון והשני הלכו למחנות השמדה ומספר שלישי נשאר זמנית בבית. מאוחר יותר היהודים בעצמם כבר העדיפו לנסוע למחנות העבודה במקום לחכות למש־לוחי השמדה.

במחצית חודש פברואר של שנת 1943 הגיעה מש־לחת ממרכז היודנראט של סוסנוביץ, (צ'ארנוי ה־מזכירה, מאניעק מערין ועוד אחרים) והם הודיעו: „בכדי להציל נשים וילדים צריך להתיצב לעבודה לגרמניה". אחרי זה יצא מישלוח בשלישי למרץ. זה היה המישלוח האחרון וגם אני הייתי ביניהם.

הגרמני קוצינסקי בדק את הגברים ואותי שאל פתאום: „האם ברצונך לנסוע לגרמניה, או שאתה מעדיף להשאר בבית?" הסכמתי להישאר בבית. אחר כך הצטערתי, משום שכל אלה שנשארו היה להם רק סיכוי של השמדה.

המשכתי לעבוד בעבודות שונות בעיריה. מיום ליום הלך המצב ורע, היהודים חיו כל הזמן בפחד מתמיד מפני פעולת חיסול. הקהילה היהודית בדומברובה עמדה

בקשר טלפוני עם קהילת סוסנוביץ בשרודולה, היות ומול גיטו שרודולה היתה המפקדה הגרמנית בשם „איברפאלס־קומאנדו", וברגע שהם יצאו לפעולת חיסול בכיוון דומברובה, מיד הודיעו בטלפון ליודנראט בדומברובה. הידיעה התפשטה חיש מהר בכל הגיטו. הלילה הפך ליום. התחילה תנועה להסתתר. הדאגה הגדולה והחמורה היתה רק איך להרגיע ולהשתיק את הילדים שלא יבכו בזמן החיפוש ולא יגלו את המס־תתרים בבונקרים. כך זה נמשך יום יום, עד להעברת היהודים לגיטו שרודולה שבסוסנוביץ. הצפיפות היתה גדולה, כמה משפחות בחדר אחד, אך לא היה מקום להתלונן, מפני שהיו אנשים שלא קיבלו בכלל מקום, והיו צריכים להסתדר מתחת לכיפת השמים.

פעם, במוצאי שבת, התחילו הגרמנים לירות ללא כל הבחנה במשך כל הלילה עד אור הבוקר. המטרה היתה להרוג כמה שיותר, בכדי שהמישלוח החי יהיה קטן. ראיתי שהאקציה לא נפסקת, והחלטתי לברוח חזרה לדומברובה. מצאתי גיטו ריק. נשארתי שם כמה ימים והייתי בודד. מול הגיטו, בבית פומשטין שברחוב אוקשעאי, התגורר גוי שהייתי קונה אצלו לחם בשוק שחור בכדי להעביר לגיטו. הוא היה חייב לי כסף, כי תמיד נהגתי לשלם לו למפרע בעד הלחם. נכנסתי לביתו. ברגע שהגוי ואשתו ראו אותי היא נבהלה וביקשה שאעזוב את הבית כי הגרמנים יהרגו אותם וגם אותי. ביקשתי מבעלה שיצא אתי החוצה ובחוץ אמרתי לו שלא באתי לבקש את החוב אלא מקום להסתתר. הוא הציע לי להכנס לאחד ממחסני הפחם ושלא אגלה מי נתן לי רשות להכנס. כל הלילה ישבתי במחסן. שמעתי את קול היריות מפעולת החיסול של גיטו שרודולה שהיה קרוב.

למחרת בבוקר החלטתי לחזור לשרידולה כי לא ראיתי שום מוצא מהמצב. חשבתי שאולי פעולת ה־חיסול נגמרה. בדרך עצרה אותי אשה נוצריה ואמרה: „אל תסתובב כאן, כי הגרמנים נמצאים פה ואת מי שתופסים מיד הורגים".

השטחתי על האדמה בסביבת בית הקברות של יוזפוב, אך כתאום שמעתי את הצפירה מהוטה־באנ־קובה, האות להחלפת המשמרות של העובדים. ניצלתי את ההזדמנות של תנועת העובדים בכדי לחזור למקום המחבוא.

כעבור שעה הגיע אלי הגוי שקניתי אצלו את הלחם והביא לי צלחת עם מרק כרוב. ישבתי במחסן הזה על אבן, והחלטתי שאי־אפשר להישאר כאן בלי כל תנאים. החלטתי ללכת ברגל לזאוויערצ'ה.

יהודי העיר קיבלו אותי ושמחו שהצלחתי להגיע אליהם. כעבור כמה ימים הגרמנים עצרו את יהודי זאוויערצ'ה כדי שיגלו את הזרים. התחילה פרשה חדשה. שוב התחלתי להסתתר ולא ידעתי ממי לפחד וממי לא. הקהילה בזאוויערצ'ה הצליחה, תוך משא ומתן עם הגיסטאפו, להגיע לידי הסדר לשחרר את העצורים. את הזרים סידרו במקומות עבודה. היינו בערך 32 איש והתחלנו לעבוד בבית חרושת לנשק. כל אחד מאתנו היה צריך להשבע ליד ספר תנ"ך ומול תמונת היטלר שלא יבגוד ולא יספר במה הוא עובד.

כעבור שבועיים התנפלו עלינו שוטרים גרמניים, ערכו חיפוש, סחבו אותנו באמצע הלילה לכיכר השוק תחת משמר כבד. ניתנה פקודה לשכב על הארץ עם הפנים כלפי מטה. בין הדומברובאים שאתי היו ישראל לאסקע, שקראו לו „אולו" ונייער; מבנדין היו פאטאש ופלאכצינסקי; מגולונוג קלאקסבאלד וצ'זאנובסקי, מ־סוסנוביץ — ספיר עם בנו, ועוד שני יהודים מקראקוב. שכבנו וחכינו למות ביריות. הגרמנים התגרו בנו כל הזמן.

אחרי ליל הסיוטים, בעוד אנו שוכבים על הארץ, הביאו קבוצה של נשים מזאגלמביה, בפיקודו של מפקד הגיסטאפו בשם רויטער ובליווי כלב. בין צע־קותיהן של הנשים הכרתי את קולה של הדומברובאית לאה גולדשטיין, כלתו של לייזער רעכניץ ז"ל.

שכבנו ככה עד שעה 9.30 בבוקר, עד שהגיעו הגרמנים וצעקו: „פה שוכבים הנמלטים מדוברובה, בנדין וסוסנוביץ". ניתן צו להעביר אותנו לבית הסוהר של המשטרה המקומית, ומשם העבירו אותנו תחת משמר כבד למקום הריכוז של יהודי זאויערצ'ה אשר חיכו לטראנספורט. לאחר מכן העלו אותנו על קרונות משא. עמדנו ליד פתח הקרון כדי ייחשבו שכבר מלא ולא ידחסו לתוכו יותר כי היינו בפנים מעל ל־50 איש.

בדרך חשבנו כיצד להמלט על נפשנו. החלטנו לנפץ את ריצפת הקרון ותיכף התחלנו בעבודה. חתכנו בסכינים את הקרשים מסביב לברגים. רצינו לקדוח חור גדול שהבורג יפול וישאר פתח של חצי מטר לפחות, שדרכו יוכל איש לצאת. תכניתנו היתה ש־הרכבת תעמוד במיסלוביץ בדרך לאושויץ, שם הקרון צריך לעבור למסלול אחר. את הרגע הזה חשבנו לנצל לבריחה, מכיוון שהקרון עומד די גבוה מעל לפסים,

כך שלבורח לא יקרה כלום אם ישכב למטה עד שה־רכבת תעלם. חמישה בחורים הצליחו לחמוק דרך החור הזה אך הגרמנים הרגישו בהם ומיד ירו והרגום. ביניהם היה הדומברובאי נייער. הגרמנים פתחו באש על כל המישלוח והיו פצועים בתוך הקרון.

הגענו לאושויץ־בירקנאו. הגרמנים ציוו להניח את החבילות ולצאת מהקרונות. מיד הגיעו שני קציני ס. ס. וערכו סלקציה. הייתי בקבוצה של זקנים וילדים. מולי ניצבה קבוצת אנשים כשירים לעבודה. הבנתי שבקבוצה זו יותר כדאי להיות, אבל לא יכולתי להצ־טרף אליהם בגלל המשמר של ה־ס. ס. למזלי הגיע קצין ס. ס. ושאל לגילי. וכשאמרתי לו שלחוני לקבוצה השניה, לעבודה.

אחרי כן נודע לי שהקבוצה שעמדתי בה קודם היתה מיועדת להשלח לתאי הגזים.

משם העבירונו לבית המרחץ של מחנה בירקנאו. גילחו את שערנו והחליפו את בגדינו. מאז לא קראו לנו בשמות אלא במספר או בכינוי: „אסיר". אחרי כן העבירו אותנו בקרנטינה. המחנה היה מגודר בגדר חשמלית ועמדות משמר סביב. בתוך הקרנטינה פגשתי הרבה דומברובאים וראיתי את מצבם הגרוע. כל פעם עשו מיסדרים וסלקציות. עברתי שמה חמש סלקציות.

בחרו בטראנספורט של גברים, בערך מעל ל־800 איש, ואני ביניהם, והעבירונו למחנה פינפטייכן. ע־בדתי שם עם עוד אחדים בבנין המחנה. כעבור זמן מה, בשעת מיסדר, ניגש אלינו הראפורט־פירער ובחר בשישה יהודים, וגם אני ביניהם, והודיע לנו שממחר אנחנו יוצאים לעבוד במטבח של ה־ס.ס. קראו לי בשם „בנימין", מכיוון שהיתי הצעיר מכולם.

בזמן שעבדנו שמענו תמיד חדשות ברדיו מחדר האוכל של הס. ס., ופעם זכינו גם לשמוע על ההת־נקשות בחיי היטלר. הבשורה עודדה את כולם.

כשהגרמנים הרגישו שהרוסים מתקרבים, התחילו לתכנן את חיסול מחנה פינפטייכן. ב־20 לינואר 1945 יצאנו ברגל למחנה גרוסרוזן. בדרך נפלו רבים מחולשה ומיריות. העבודה שם היתה בעיקר העברת מתים למשרפות.

כעבור זמן מה העלו אותנו שוב לקרונות פתוחים והעבירו אותנו לנורטהאוזן. כעבור שבועיים הועברנו למחנה הארצונגען, שם עבדנו בבנין בית החרושת וי־2. חליתי והיה לי חום גבוה, לקחו אותי לבית־החולים וחשבתי שאני כבר מאושר, אך מיד נוכחתי שטעיתי: עינו אותי במקלחות חמות וקרות וללא אוכל. בכל זאת החזקתי מעמד שבוע ימים והחזירו אותי לעבודה. בדרך חזרה לעבודה, מרחק של חמישה קילומטרים, הובילו על פלאטפורמה אנשים חלשים מאוד, כמעט מעולפים. אחרים חלשים גם הם היו צריכים לסחוב את הפלאטפורמה הזו בידיהם.

כעבור זמן קצר ניתנה פקודה לא לצאת לעבודה ולהישאר במחנה, מכיוון שהאמריקאים מתקרבים. קי־בלתי עבודה בקאנטינה של ה־ס. ס. בגלל גילי הצעיר, כפי שמסרתי בכוונה. בקאנטינה הסתדרתי פחות או יותר עם אוכל וגם הצלחתי שוב לשמוע חדשות מהנשמע בחזית. כשגילו ששקרתי במסירת גילי, הכ־ניסו אותי לשטראף־בלוק מספר 7 בתור עונש, היה די קשה לעבוד משעה 4 בבוקר עד 12 בלילה, כש־הלכנו לישון.

כעבור זמן מה הגיעה פקודה להעביר את כולם לטראנספורט. העמיסו אותנו על קרונות משא סגורים ונסענו שישה ימים ללא אוכל עד למחנה ברגן־בלזן. כשהגענו למקום, איש מאתנו לא היה מסוגל לרדת מהקרון. סודרנו בתוך בלוקים שנעזבו על ידי הצבא ההונגרי. הצפיפות היתה גדולה, הייתי חלש מאוד ומצאתי לי מקום מנוחה מתחת לשולחן. היינו שם שבועיים ללא לחם, עד שביום 15.4.45 בשעה 3 אחרי הצהרים, נכנסו הטאנקים האנגליים. לא האמנתי שזהו יום השיחרור. בחלק גדול של המחנה שררה מגפת טיפוס ואלפי אנשים מתו ביום השיחרור.

כל שסיפרתי הוא רק טיפה בסבל הגדול שעבר על כל עם ישראל ועלי.

הלואי והיה זה הסבל האחרון.

הדסה גולדרייך

בית יהודי בקצה רחוב נארוטוביצ'ה

ה ב י ת

גרנו ברחוב נרוטוביצה 76, בקצה הרחוב, בדרך המובילה לשטשמישיצה, סלבקוב, אולקוש, וולברום וכו'. הבית היהודי היחידי בסביבה זו. לא הרחק, נמצאו פה ושם, עוד בתים יהודיים בודדים, אשר כמונו הסתגלו כנראה יפה לסביבה ולאוירה ה„אוהדת" כביכול שבין המיעוט היהודי ושכנינו הנוצריים. למע־שה לא הרגשתי כי הנני נמצאת בין זרים, למרות שהמציאות להלכה ולמעשה היתה שונה. בשנוי העיתים ובחלוף השקט החיצוני הוכחה הסביבה כרצחנית ר־עוזרת בפועל לרצוח יהודים.

זוכרת אני איך בני הנוער הפולניים היו תוקפים יהודים על־ידי יידוי אבנים וקריאות גנאי, עת הזדמנו לסביבתנו לרגל עסקיהם, עבודתם או בדרכם לערים הסמוכות. בכל מקרה שכזה נוהגת הייתי להזעיק את אבי המנוח, אשר תמיד היה מפסיק את ההתעללויות בהיותו בעל השפעה ומקובל במקום.

אמנם מעטים היינו יחסית, אך אורח חיינו הטביע את חותמו על הסביבה כולה. למרות שבימי החול האפורים התנהלו החיים כאילו על גל אחד, הרי בבוא השבת או החג הודלקו הנרות בבתים היהודיים והאירו את כל סביבתם, בבשרם לכל התושבים כי יום שבת, יום מנוחה בא. ואמנם היהודים המעטים, בהופעתם החגיגית, עוררו יראת כבוד — כאילו ניתנה רשות הדיבור רק לאלה אשר פיארו בהופעתם וב־התנהגותם את כל הסביבה.

זכור לי „יחסם הטוב" של שכנינו הנוצריים. כיום ברור לי כי היה זה יחס של קינאה ושינאה עצורה, אשר צררו בו את הטראגדיה של בני עמנו שעתידה היתה לבוא עלינו.

בכדי להמחיש את דברי אזכיר אפיזודה מתוך דו־שיח „חגיגי" אשר התנהל בין אבי המנוח לבין אחד מפועלינו הפולניים (היתה לנו מאפיה בה עבדו שמונה פועלים פולניים). היה זה באחד מימי החג, עת חזרתי עם אבי מבית הכנסת. פגש בנו אחד הפו־עלים, ברכנו לשלום בברכת חג שמח ושאל בנימוס רב: „תגיד לי בבקשה מר זילברשטיין, מתי אנו הפו־לנים נהיה בגלות כמוכם ונחגוג חגים כפולים (יהו־דיים ונוצריים) ואתם תעבדו אצלנו?" הייתי אז כבת עשר, ועד כמה שלא הייתי מסוגלת להבין את העוקץ והרעל שבדברי ידידות אלה, כנראה שבכל זאת ק־לטתי שאין אלה דברי נועם סתם, כי אחרת לא היו נחרטים בזכרוני. רק עתה מבינה אני כמה ארס היה ספוג בדברים.

בשבת אחרי הצהרים, עת הורינו הלכו לנוח מ־טירדות השבוע, אנו הנוער מלאנו את רחובותיה של העיר בדרכנו לתנועות הנוער השונות. אמנם לא פעם הותקפנו על ידי בני נוער פולניים, אך תמיד ידענו להגן יפה על עצמנו וכבודנו.

כאמור, גרנו בקצה הרחוב נארוטוביצה, בקרבת סטשיץ, הבית היהודי האחרון. שם גם היתה המאפיה שלנו. חיינו שם בהרגשת בטחון, הן מבחינה חברתית והן מבחינה כלכלית. כיום אינני מסוגלת להבין איך יכולנו לחיות בין נוצרים בהרגשת בטחון כזו. ואמנם שנת 1939 העמידה אותנו על טעותנו. נוכחנו כי הרגשת בטחוננו בנויה היתה על יסודות רעועים אשר עם פרוץ המלחמה ועם כניסתם של הנאצים התמוטטו כליל.

החיים השלווים הופרעו וכל אלה אשר בסביבתם חיינו דורות, והופיעו לא רק כשכנים טובים, אלא אף כידידים, הפכו בין רגע את עורם ונהפכו לחיות טרף. שיתפו פעולה עם המרצחים הגרמניים בחיסול החיים היהודיים במקום.

פלישת הנאצים לדומברובה

בשנת 1939, בהיותי כבת שתים־עשרה, השתלטו הגרמנים על פולין. מרגע כניסתם התחילו לטפל ביהודים. ידענו כי גורלנו תחת שלטונם יהיה קשה, אך איש כנראה לא ציפה ולא היה מסוגל לתאר לעצמו, עד היכן עשויים הדברים להגיע.

תחילת „הטיפול" בהחרמת מקלטי רדיו, רהיטים, כלי־מיטה ובית. חשבנו אז כי מעשים אלה הם קפריזה של השליטים החדשים, וכי הרכוש המוחרם יהווה כעין כופר עד יעבור זעם. אך הזעם הלך וגבר ועמו גבר תאבונם של השליטים. מידי פעם בפעם התבשרנו על החרמות חדשות: פרוות, כסף וזהב. ובינתיים

התחילו להיעלם יהודים בודדים. יציאה לרחוב התחילה להיות מסוכנת, אך גם בישיבה בבית לא היתה כל ערובה לבטחונו של היהודי. פחד, רעב, סבל רוחני ופיזי התחילו לפקוד את האוכלוסיה היהודית. למקומות ושירותים ציבוריים כגון קולנוע וחשמלית נאסרה כניסת יהודים, למרות שממילא הפסיקו להשתמש בהם עקב הסיכון הרב הכרוך בכך. בשלטי האיסור נאמר: „הכניסה ליהודים ולכלבים אסורה", אך במציאות נקבע האיסור המוחלט רק לגבי יהודים, לכלבים היתה סכנה מועטת...

האקציות, עבודות הכפיה ללא מזון בתנאי השפלה שלא יתוארו, דילדלו את האוכלוסיה היהודית. נסיונות להינצל בעזרת הידידים הפולניים נכשלו, ורק במקרים מעטים ובודדים עלה הדבר.

בשנת 1942, התחילו פעולות מתוכננות לקראת „הפתרון הסופי". נדמה לי כי רק אז ידענו מה צפוי לנו, אך בינתיים הצליחו הגרמנים להביאנו למצב של כהות חושים וחוסר אונים.

ביום קיץ אחד ב־1942, רוכזו כל היהודים במרכז העיר ושם חולקו לארבע קבוצות כדלקמן:

קבוצה מס' 1: המועמדים להשאר בחיים. היו אלה בעלי מיקצועות ובעלי כושר עבודה, שהגרמנים היו זקוקים לשירותיהם בדומברובה.

קבוצה מס' 2: לבירור נוסף. היו אלה בני משפחותיהם של אנשי הקבוצה מס' 1 (נשיהם, ילדיהם והוריהם).

קבוצה מס' 3: המועמדים לחיסול. ילדים, זקנים, חולים ונכים.

קבוצה מס' 4: המועמדים להעברה למחנות ריכוז ולעבודת כפיה מחוץ לדומברובה.

בו ביום חולקו בני קבוצה 2 בין הקבוצות 3 ו־4. התברר כי עצם ריכוזה של הקבוצה היה תפקיד הטעיה, למען לנטוע זמנית בלב הקרבנות — בעיקר אלה המיועדים לעבודה בשירותיהם של הגרמנים — כי אמנם בני משפחותיהם ישארו אתם במקום או יועברו למקום מבטחים. וכל זה למען להבטיח סדר ומשמעת בזמן הסלקציה. בתום הסלקציה נעלמה קבוצה 2.

הורי, אחי ואני צורפנו לקבוצה מס' 1. שתי אחיותי צורפו לקבוצה מס' 2. הן הועברו אחר כך לאחת הקבוצות 3 או 4 ומאז נעלמו עקבותיהן.

אני נשלחתי לעבודה במפעלי תפירה.

בשנת 1943, הוצאו יתר יהודי דומברובה, ובתוכם הורי ואחי הקטן. ימים אחדים אחר כך נלקחתי גם אני עם אחרוני יושבי דומברובה.

קול יהודי בדומברובה נדם לנצח.

במחנה ריכוז

בשנת 1943 הובאתי עם עוד כ־200 בנות, בנות גילי, מדומברובה, סוסנוביץ והסביבה למחנה עבודה געלענאו. במחנה זה עבדנו במפעלי טקסטיל שתים־עשרה שעות ביום ללא מזון ולבוש מספיק תחת נגישות ופקוח גרמני. חליתי מאוד וסבלי היה רב: כחולה היה דיני להיות מוצאת לחיסול אך הודות לידידותי וחברתי אשר הגינו עלי, ובעת הצורך הסתירו אותי ודאגו לשלומי, נשארתי בחיים. הבנות היו נהדרות. אחדות, אחווה ועזרה הדדית היו חלק בלתי נפרד מהוויי חיינו. למרות הסבל, הרעב והמצבים הקשים בהם נמצאנו — לא הפקירה אשה את רעותה. בתקופה ההיא דובר כי לא נשארו עוד יהודים בפולניה.

בשנת 1944 הועברנו למחנה ריכוז לאנגנבילו, שם מצאנו עוד כ־1000 בנות. לשמחתנו לא היה גבול. בינתיים נודע לנו כי קיים גם מחנה גברים בקרבת המקום. שוב התחילו תקוות להחזיקנו, אולי נשאר עוד מישהו מהיקרים ביותר, אולי?...

נסינו להתאושש שוב ושוב. את מקום היאוש תפסה התקווה. ואמנם, ב־8.5.1945 שוחררנו על ידי צבא ברית־המועצות.

יעדי כמובן היה בכיוון הבית בו גדלתי, בו טעמתי טעם של אושר. לא יכולתי ולא רציתי לתאר לעצמי שלא נותר איש מבני משפחתי הגדולה (הורים, שתי אחיות, אח, דודים, דודות, בני דודים, סבים וסבתות).

כאשר הגעתי אל שכנינו ולביתנו לשעבר בדומברובה, קיבלוני בתמהון רב, ולכל אחד מהם היתה שאלה זהה (בנוסחאות שונות): „עודך חיה? נשארת בחיים?". הייתי גם מוכנה לשאלה — „למה נשארת בחיים?". לא ביטאו זאת בעל־פה אך ביטאו זאת בעיניהם ומבטיהם.

השאלות, נימתן וצורתן, הדהימו אותי. כי לתומי חשבתי שיהיו שמחים לשמוע שנשארתי בחיים — אך נוכחתי לדעת כי שוב טעיתי בהערכת ידידותם, כפי שכנראה טעו הורי ויתר בני עמי.

כמובן שלא מצאתי אף אחד ממשפחתי בחיים. „ההפתעה שנשארתי בחיים" הבשילה בי את ההחלטה כי אשאר בחיים — אך לא כאן.

בצער התרחקתי מביתי, בית הולדתי, והרהורים

נוגים עולים בזכרוני: כמה עמל השקיע אבי ז״ל בבניית הבית, כמה עמל השקיע כדי ליצור יחסי שכנות כנים בינינו לבין הנוצרים; כמה עמל השקיעו אבות היהודים הראשונים לבנות עיר זו למען צאצאיהם, ולא ידעו שבונים על יסודות רעועים, שביום מר ונמהר צאצאיהם יושמדו ועצמותיהם של אבות העיר לא ימצאו מנוחה. כך בעירי דומברובה, וכך בכל הערים והעיירות בפולין. בעצב התרחקתי מביתי, בית הולדתי. לא הפניתי אליו יותר, כי לא רציתי לראותו עוד.

בחזרי הגעתי לסוסנוביץ. שם פגשתי קבוצת נוער שהתארגן במסגרת קיבוץ השומר הצעיר, לקראת עלייתם ארצה. הצטרפתי אליהם. עצם הרעיון נתן בי כוח להתגבר על מחלתי, מכאובי ופצעי שהתקופה האכזרית גרמה אותה. התחלתי את צעדי בבניית חיים חדשים, טובים יותר ומכובדים יותר. ואמנם, יחידה מכל משפחתי הקמתי משפחה חדשה.

בשנת 1949, נולד בישראל בני בכורי, הנושא את שם אבי הנרצח משה, ובעת כתיבת שורות אלו הוא משרת בצה״ל. כמה השתנו פני הדברים!!!

יהיו דברי אלה מצבת זכרון לאלה שלא זכו לראות במפלתם של המרצחים ותקומת ישראל. יהיו דברי נר תמיד להורי היקרים זיסל ומשה זילברשטיין, לאחיותי אדזיה ופול׳יה, לאחי הניק ולסבתותי ולסבי, לדודי ולדודותי ולכל משפחותינו, קרובינו, ידידינו, מכרינו ושכנינו, אשר כבודם נרמס ואשר נרצחו באכזריות על לא עוול בכפם.

יהי זיכרם ברוך.

משה יודקביץ׳

נר נשמה לזכר משפחתי הקדושה

נר נשמה לזכר משפחתי הקדושה
אקונן על אלה שהלכו לאבדון —
אל אהובי: אבא ואמא
לבבי מתכוץ ממכאוב מיגון,
ועיני יבשות מדמעה.
על אחי, אחיותי ועל ילדיהם
הגדולים, הקטנים, אספדה —
לא נשאר מהם עצם מעצמותיהם
הוי, כל המשפחה נשמדה.
אבי, זכר צדיק לברכה, בטהרה
אראה אותך בבית המדרש
יושב תמים, שקוע בדף גמרא,
כי מה־לך העולם הנרעש?
באזני מצלצל עוד קולך הנעים
שהנית קהל העדה
כל ימות השנה — ובימים־נוראים
לנשמתם הבאת צדה ...
ביום הזכרון האחרון את לבב
העדה שברת, כך אומרים,
כי חשת „מי בחרב ומי ברעב״
הנם מתקיימים ומתגשמים.
אתך יחד הלכה גם היא, אמי, חנה,
גם לה היו ילדים שבעה...
כלום הלכתם כולכם, כולכם לאבדון, הה?!
ואני מיותם נשארתי, לבדי
זכר למשפחה „עולה״ —
יד פלאית הוליכתני לארץ־הצבי,
אך המכה בלב גדולה.
על זה עלי לומר, בלב חמרמר, אבא,
יתגדל ויתקדש שמה רבא...

(תרגם מיידיש: בן־דב צחונובסקי)

רבקה בייטנער

פון קריג צו קריג

די ערשטע זאַך וואָס דער ערשטער וועלט־קריג האָט געברענגט פאַר דער באַפעלקערונג איז געווען הונגער און קראַנקייט־עפּידעמיעס. די יידן אין שטאָט דאַמבראָוואַ האָבן זיך אָרגאַניזירט מיט די איניציאַטיוו פון מיין פאָטער ז״ל, בכדי צו העלפן די נויטבאַדערפטיקע. אין קאָמיטעט זענען געווען אַחוץ מיין פאָטער ר׳ חיים טוביה בייטנער ז״ל אויך: ר׳ אהרן לעמקאָוויטש ז״ל, ר׳ חנוך גרשון שפּילבערג ז״ל, ר׳ הערצל ליבערמאַן ז״ל, גליקסמאַן ז״ל אאַ״אוו.

דער אויסברוך פון דעם ערשטן וועלט־קריג האָט די שטאָט שווער געטראָפן אויפן געביט פון מעדיצינישער הילף און עלעמענטאַרע היגיענע־שוץ־מיטלען, דעריבער זענען אין שטאָט באַלד אויסגעבראָכן קראַנקייטן און עפּידעמיעס אויף טיפוס. מיין פאָטער, צוזאַמען מיט אהרן לעמקאָוויטש, יעקב שלום פישל, יצחק אָקס און אַנדערע האָבן געשאַפן אַ קרייז וואָס האָט זיך גערופן „ביקור־חולים״. געשיקט צו די קראַנקע אַ דאָקטער, אויסגעבאָרגט פאַרשידענע מעדיצינישע מכשירים און געשיקט מענטשן וואָס האָבן איבערגענעכטיקט ביים קראַנקן, און אים געגעבן די ערשטע הילף. איך געדענק ווי מיין פאָטער, אין אַ ווינטער נאַכט (די גאַסן זענען נישט געווען באַלויכטן) מיט אַ לאַמטערן אין האַנט באַזוכט די קראַנקע, נישט קוקנדיק אויף זיין מידקייט פון שטיין אין געשעפט און געזאָרגט אַז די פּרנסה זאָל חלילה וחס נישט געשעדיקט ווערן.

די שטאָט דאַמבראָווע־גורניצע, אַן אַרבעטענדע, דער רוב פון דער קריסטלעכער באַפעלקערונג האָט געאַרבעט אין די קוילן־גרובן, יידן האָבן צוליב שבת אַרבעט נישט געווען באַשעפטיקט אין דער שווער־אינדוסטרי, דעריבער זענען זיי פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אָרעמען מיטל־קלאַס, וואָס האָט געזאָרגט צוצושטעלן לעבנס־מיטלען און קליידונג פאַר די אַרבעטענדע.

מיר האָבן געפירט אַ מאַנופאַקטור געשעפט, מיין פאָטער פלעגט פאָרן קיין לאָדזש אָדער זאַוויערטשע דאָרט איינקויפן סחורה פאַרן געשעפט. פאָרנדיק קיין זאַוויערטשע איינקויפן סחורה, קומענדיק צומאָרגנס אַהיים, האָט ער נישט געקאָנט אויפשטיין, שטאַרק געפיבערט און אין 1920 געשטאָרבן אויף טיפוס, איבערלאָזנדיק אַ שטוב מיט קליינע קינדער. איך אַלס עלטסטע, (דעמאָלט 12 יאָר), האָב איך מיט מיין מוטער געפירט דאָס געשעפט ביז אין יאָר 1939.

*

די פוילישע רעאַקציע און איר העצע קעגן יידן האָט געברענגט צו דעם, אַז יידן זענען אין די לעצטע יאָרן פאַרן אויסברוך פון צווייטן וועלט־קריג געוואָרן הפקר. מיין 13 יעריקער ברודער אהרן איז שפּעטער געשטאָכן געוואָרן מיט אַ מעסער אין גאַס דורך אַ פּוילישן אַנטיסעמיט. דאָס איז געווען דער ערשטער שלום־עליכם וואָס דער פוילישער אַנטיסעמיטיזם האָט געגעבן אַ יידיש קינד, אפשר דערפאַר ווייל ער איז געווען איינער פון די בעסטע שילער אין דער פּוילישער שול.

יאָר 1939. די געזעלשאַפטלעכע און פּאָליטישע אַטמאָספערע אין פוילן איז געווען זייער אָנגעשטרענגט. דער מינכען־פּאַקט און דאָס פאַראַטן טשעכן האָט אָנגעזאָגט דאָס פוילישע יידנטום, אַז זיין גורל וואַקלט זיך צווישן לעבן און טויט. באַלד זענען די שטעט: וואַרשע, לאָדזש, לעמבערג געוואָרן שטאַרק באַמבאַרדירט, דורך דייטשע עראָפּלאַנען.

מיין ברודער אהרן איז געוואָרן מאָביליזירט. זיין דינסט־פּלאַץ איז געווען לובליניעץ. דאָרטן האָבן געווינט אַ סך פאָלקס־דייטשן, וועלכע האָבן מיטן ערשטן שאָס פאַראַטן פוילן.

די דייטשן האָבן אַלע פוילישע געפאַנגענע סאָלדאַטן קאָנצענטרירט אין אַ קעמפּ אונטערן נאָמען „סטאַלאַג 4״, די יידישע סאָלדאַטן האָט מען אָפּגעטיילט פון דעם קעמפּ און איבערגעפירט נעבן די לובלינער וועלדער און דאָרטן אַלע אויסגעשאָסן. צווישן די אויסגעשאָסענע איז אויך געפאַלן יאַסקעלע טאָקאַזש זון (אַזשעד) און צענדליקער אַנדערע פון דאַמבראָווע. די דייטשן פלעגן זיך באַנוצן מיט אַ מערדערישן טריק, זיי פלעגן צעלאָזן דעם טראַנספּאָרט און דאַן נאָכשיסן אויף זיי.

מיין ברודער איז געשפּרונגען פון צוג ווען ער

האָט זיך דערנענטערט צו די לובלינער וועלדער. ערב פּורים 1940, אַ פאַרלאָזטער, אָפּגעריסן, אויסגעהונגערט, געוואַנדערט אויף וועגן אומבאַקאַנטע אין קאַלטע ווינטער־נעכט, אַרויסגעריסן זיך פון די רוצחישע הענט און אַהיים געקומען אַ שאָטן פון אַ מענטש.

אין אָנהייב האָט זיך דאָס לעבן געפירט נאָרמאַל, הגם עסן צו דער זאַט האָט מען שוין נישט, הונגער פלעגט שוין זיין אַ בן־בית אין פיל יידישע פאַמיליעס, ברויט איז געוואָרן געטיילט אויף קופּאָנען, און אָפט פלעגט מען אַהיים קומען אָן ברויט.

אין געשעפט איז געוואָרן אַוועקגעשטעלט אַ קאָמיסאַר, אַ דייטש, ער האָט אויספאַרקויפט די גאַנצע סחורה פון געשעפט, און מיר האָבן ביי אים געאַרבעט, קיין געהאַלט האָבן מיר פון אים נישט באַקומען, אייניציקווייז איז דאָס געשעפט געוואָרן ליקווידירט און מיר זענען געבליבן בחוסר־כל, אָנגעוויזן אויף דעם זעלבן גורל פון אַלע דאָמבראָוווער יידן.

דערווייל האָבן די נאַצי־מערדער געמאָרדעט און די צאָל פון די דאָמבראָוווער יידן האָט זיך פאַרקלענערט פון טאָג צו טאָג, און דער מאָרגן איז געוואָרן מער טונקעלער און טרויעריקער.

די יידן וואָס האָבן געאַרבעט אין די דייטשע וואַרשטאַטן און שאָפּן און באַקומען זאָנדער־קאַרטן, האָבן זיך באַלד איבערצייגט, אַז דאָס איז אַ גרויסע אילוזיע.

מיין ברודער האָט געאַרבעט אין אַ שטיינהאַקעריי אויף די וואַרפּיעס און געהאַט אַ זאָנדער־קאַרטע, באַלד האָט ער זיך דערוווּסט אַז מען גייט ליקווידירן יידן פון דער שטיינהאַקעריי, ער איז אין דעם זעלבן טאָג צו דער אַרבעט נישט געגאַנגען, און שפּעטער מיט דער גאַנצער משפחה געאַרבעט אין אַ שאַפּ. טוביה, דער צווייטער ברודער, איז שוין געווען צוויי מאָל אין דאַלאַק (אַן איבערגאַנגס לאַגער).

אין אויגוסט 1942 איז געוואָרן געמאָלדן אַז יעדער ייד, יונג און אַלט, פרוי און קינד, מיט זאָנדערקאַרטן און אָן — מוז זיך צושטעלן אויף רעגיסטראַציע אויף אַ פּונקט נעבן דער קהילה. גלויבנדיק אַז עס איז בלויז אַ רעגיסטראַציע און מורא האָבנדיק וועגן סאַנקציעס, האָבן זיך אַלע צוגעשטעלט, נישט געוועזן ווער ס'זאָל וואָרנען אַז דאָס איז זייער לעצטער וועג.

אין דעם הייסן טאָג זענען געשטאַנען די דאָמבראָווער יידן אַרומגערינגלט מיט באַוואָפנטע און ווילדע הינט, דאַביי האָבן די דייטשן באַשטימט אַלטע מענטשן און קינדער — קיין אוישוויץ; מענטשן מיט זאָנדער־קאַרטן דערווייל אַ היים געשיקט און יונגע אַרבעטס־פעאיקע — צו די אַרבעטס־לאַגערן.

ראובן ליכטציער ז״ל האָט זיך נישט צוגעשטעלט. ער האָט געזאָגט אַז ווער עס דאַרף מיך, זאָל צו מיר קומען, ער איז געשטאָרבן ביי זיך אין דער היים.

נאָך דער סעלעקציע אין אויגוסט איז די געטאָ געוואָרן געשלאָסן און צו דער אַרבעט זענען מיר געגאַנגען אין באַגלייטונג פון פּאָליציי. מיר זענען געגאַנגען דורך די גאַסן וואָס זענען געווען יידן־ריין. מיר האָבן געאַרבעט 12 שעה אין טאָג. און די שווערע באַדינגונגען האָבן זיך אָפּגערופן אויפן געזונט.

בעת דער סעלעקציע האָבן די דייטשן געוואַרט אַז גאַנצע פאַמיליעס זאָלן גיין אין פייער.

דאָס פאַרמאַכטע געטאָ האָט אָנגעהאַלטן ביז 1943. מיין פאַמיליע איז אַרויס די לעצטע פון דאָמבראָווע קיין שראַדולע און סאָסנאָוויצע. נאָך אַ פּאָר טעג איז שראַדולע יידן ריין געוואָרן, דאָרט האָט זיך הערצל ליבערמאַן מיט זיין יונגע טאָכטער באַהאַלטן. די דייטשן האָבן ענטדעקט אַלע בונקערס און זיי אויסגעזידלט.

טאָג איין און טאָג אויס האָבן מיר געלעבט אין פחד צו ווערן אויסגעזידלט. מיר האָבן באַשלאָסן זיך אויסצובאַהאַלטן.

אין אַ בוידעם, וואָס איז געוואָרן פאַרבויט אַז ס'זאָל נישט וואַרפן קיין פאַרדאַכט, מיט אַ געהיימער איינגאַנגס־טיר זענען מיר צוויי שוועסטער, מרים־דבורה, און איך, און נאָך 10 אַנדערע יידן געווען באַהאַלטן. די גרויסע ענגשאַפט אָן יעדער באַוועגונג האָט אונדזערע ביינער צעבראָכן. די דיסציפּלין איז געווען זייער שטרענג, דאָס קאַרגע עסן איז געטיילט געוואָרן דורך אַ פאַראַנטוואָרטלעכן. פּלוצלינג האָט מיין שוועסטער אָנגעהויבן נערוועז צו שליקערצן און מיר זענען געוואָרן געצוווּנגען צו פאַרלאָזן דעם בונקער. מיר זענען אַרויס, און אַריין אין אַ צימער און אַדורכגעשלאָפן די נאַכט. אויף צעמאָרגנס ווען מיר האָבן זיך געוואָלט אַרומוואַשן, האָט אונדז אַ דייטש געפונען, מיר האָבן אים באַצאָלט, ער זאָל שווייגן און אונדז אַרויספירן אויף אַ וועג, ווו זיך ווייטער אויסבאַהאַלטן, אָבער דער דייטש האָט אונדז פאַראַטן און פאַרפירט אין אַ זאַמלפּונקט צו שיקן אין די לאַ־

גערס. מיין שוועסטער מרים דבורה זענען די כוחות נישט בייגעשטאַנען, געוואָרן געכאַפּט דורך די נאַציס און אַוועקגעשיקט געוואָרן קיין אוישוויץ. מער האָב איך זי שוין נישט געזען.

דורך דער פאַרמיטלונג פון אַ יידישם פּאָליציסט האָב איך זיך אַרויסגעדרייט פון דער געגנט, מיין שוועסטער רייזל, אַ בלאָנדע, האָט זיך די גאַנצע צייט אויסבאַהאַלטן ביי אַ קריסטין, שפּעטער געוואָרן געמסר׳ט, גענומען אין דער געשטאַפּאָ, געפּאָרשט און געפּייניקט געוואָרן. ס׳איז איר ווייטער געלונגען אָנצווענדן אַלע מיטלען זיך צו ראַטעווען, מיט דער הילף פון אַ דייטש, וועלכער האָט געהערט צו די חסידי אומות העולם, איז זי געוואָרן אַוועקגעשיקט אין אַ שאָפּ, וווּ מען סאָרטירט די זאַכן פון די דעמאָרדעטע. זי האָט געאַרבעט אין די לאַגערן, וואָס זענען געוואָרן ליקווידירט. שפּעטער האָט זי אויסגעאַרבעט פּאַפּירן זיך פריי צו באַוועגן. זי האָט זיך געטראָפן מיטן ברודער אין קאַמינקו. מיט איר הילף בין איך אויך געקומען קיין קאַמינקו.

איך און מיין שוועסטער רייזל זענען מיר ווייטער געוואָרן געכאַפּט דורך די געסטאַפּאָ און אַוועקגעשיקט אין דעם איבערגאַנגס־לאַגער אַנענבערג. פון דאָרטן איז מיין ברודער אַהרן געשיקט געוואָרן קיין גרויסמיסלעוויץ, מער האָב איך אים שוין נישט געזען.

איך און מיין שוועסטער רייזל זענען געוואָרן ווייטער געשיקט קיין פּייסקרעטשאם, דאָרטן געהונגערט, און באַקומען געשוואָלענע פיס פון קעלט. פּאָר נעמען אַ פּאָר קאַרטאָפל פון קיך בין איך געוואָרן אָן רחמנות געשלאָגן, שפּעטער פאַרמשפּט אויף 11 טעג הונגער־תפיסה אין אַ נאַסע קאַמער. מיינע פיס זענען אָפּגעשוואָלן געוואָרן און מיינע אויגן פאַרנעפּלט פון דער פינסטערניש.

פון פּייסקרעטשאם בין איך איבערגעפירט געוואָרן קיין בלעראַמע — קאָנצענטראַציאַנס־לאַגער נעבן שטעטל אוישוויץ. דאָ האָט מען אויסגעזויגן דאָס לעצטע ביסל כוח וואָס עס איז נאָך פאַרבליבן ביים מענטש, נאָך וואַלגערן זיך אין לאַגערס, דאָ האָט מען אויפגעהאָנגען דריי יידן אין צענטער פון לאַגער: איינער פאַר נעמען אַ שנורוואדלע, דער צווייטער פאַר באַהאַלטן אַ שטיקל ברויט און דער דריטער פאַר בעטן, מען זאָל באַפרייען די צוויי יידן. זיי זענען געהאָנגען אַ פּאָר טעג.

טאָג איין און טאָג אויס האָבן די אַמעריקאַנער באָמבאַרדירט די דייטשע שטעט. נאָך שווערע באָמבאַרדירונג און אַ שווערן ווינטער בין איך געוואָרן געשיקט שעפּן וואַסער פון אַ ברונעם, מיינע הענט זענען געווען פאַרפרוירן, האָב איך געבעטן אַ פּאָר שמאַטעס אַרומצובינדן די הענט, האָט דער באַקליידונגס־קאַפּאָ, אַ דייטש, מיך דערפאַר מערדערלעך געשלאָגן.

ווען עס זענען אָנגעקומען קלאַנגען אַז די רוסן דערנענטערן זיך, האָבן די דייטשן געמאַכט אַנשטרענגונגען, אונדז איבערצופירן אין טיף דייטשלאַנד, אָבער מאַרשירנדיק האָבן זיי זיך דערוווּסט, אַז דער וועג איז פאַרמאַכט און שוין באַזעצט דורך די רוסן, זיי האָבן אונדז צוריקגעיאָגט, אויפן וועג זענען געפאַלן פיל מענטשן.

אין לאַגער האָט שוין געהערשט אַ שטימונג פון האָפענונג, די דייטשן ווילנדיק פאַרטושן די שפּורן פון זייער פאַרברעכן, האָבן געוואָרפן ברען־באָמבעס צו פאַרברענען דעם לאַגער מיט די מענטשן. מיר זענען אַריין אין די קעלערס. מיטן קלאַנג פון דערנענטערונג פון די רוסן זענען מיר אַרויס זיי מקבל פּנים צו זיין, דאָ זענען געפאַלן קרבנות בעת דער קעגנזייטיקער שיסעריי. דעמאָלט זענען אויך געפאַלן די צוויי ברידער ווײַנשטיין. דער דייטשער ווידערשטאַנד איז געווען אַ פאַרלוירענער. ווייסע פענער האָבן זיך באַוויזן אויף די דייטשע הייזער ווי אַ סימן פון קאַפּיטולאַציע.

דעם ערשטן פעברואַר 1945 בין איך אָנגעקומען קיין דאָמבראָווע אָן יידן. דאָמבראָווע יודן־ריין, יידישע הייזער באַזעצט דורך קריסטן. ווילנדיק זען מיין היים, בין איך געוואָרן אַרויסגעטריבן דורך אַ קריסטין. די גאַסן פאַריתמעט. מער האָב איך אין דער שטאָט נישט געקאָנט בלייבן.

איך בין געקומען אין ישראל אין יאָר 1950.

(באַאַרבעט דורך : יהודה לאָנדנער)

שמעון ראָזענבלום

דער אנהויב פון אומקום

די דאָמבראָווער יידן אין דער צייט פון דער היטלער־אָקופּאַציע 1.9.39—1.10.40

דעם 1.9.39 האָט די דייטשע אַרמיי אַטאַקירט פוילן. אַ שוידער האָט אַרומגענומען די וועלט — און ספּעציעל דאָס פוילישע יידנטום.

באַלד אין די ערשטע שעהן פון קריג זענען אַלע וועגן געווען איבערגעפּולט מיט טויזנטער פּליטים, וועלכע האָבן געוואָלט ווי אַמשנעלסטן אַנטלויפן פון דער היטלער־אַרמיי. אָבער ליידער — נישט באַוויזן.

אָקופּירנדיק פוילן האָבן די דייטשן מיט זייער באַרבאַריזם — באָמבאַרדירט, געבערענט, געשאָסן און געמאָרדעט הילפסלאָזע מענטשן, ספּעציעל די יידן.

טויזנטער מענטשן האָבן זיך געוואַלגערט אויף די וועגן — הונגעריקע, דערשראָקענע, נישט וויסנדיק וואָס דער מאָרגן וועט ברענגען. יעדער האָט גע־שטרעבט אַהיים, דאָרט ווו ער האָט איבערגעלאָזט זיינע הילפלאָזע נאָענטסטע.

ביים צוריקקער האָט זיך גלייך געלאָזט פילן די ליידן פון די יידן. אונדזערע גוטע פריינט, די פּאָליאַקן, האָבן זיך געלאָזט הערן, אַז אין אויסברוך פון דעם קריג זענען שולדיק די יידן. באַלד האָבן זיך אָנגעג־הויבן פאַרשידענע פּראָוואָקאַציעס און אין רעזול־טאַט דערפון זענען פיל יידן געפאַלן, נישט באַקומענדיק פון קיינעם קיין שוץ. אהיימקומענדיק האָבן אונדז די עלטערן באַגריסט מיט אויסגעוויינטע געזיכטער. זיי האָבן אונדז געוואָלט טרייסטן, אָבער נישט געהאָט מיט וואָס.

דער זומער איז געווען צו ענדע, יעדן פרימאָרגן האָט געשיינט די זון, אָבער ליידער נישט פאַר יידן. די הייזער אין דאָמבראָווע זענען נישט צעשטערט געוואָרן, אָבער ס'זענען פאָרגעקומען גרויסע ענדע־רונגען אין יידישן לעבן. אַלע פראָנטאָווע הייזער, וועלכע זענען געווען באַוווינט דורך יידן, האָבן „געפּוסטעוועט"; די פראָנטאָווע געשעפטן זענען געווען געשלאָסן. מען האָט אַפילו די „בערלס" און „מאירס" נישט געזען אַרומלויפן אין די גאַסן.

אויף די פּאַרקאַנעס פון די הייזער האָט מען גע־קאַנט זען פּלאַקאַטן פון די דייטשן, מיט גזירות קעגן יידן, צווישן אַנדערע, אַז:

1. יעדער ייד איז פאַרפּליכטעט צו טראָגן אַ „שאַנד־באַנד";
2. פון 7 אָוונט איז פאַרבאָטן די יידן צו פאַרלאָזן זייערע שטובן;
3. ס'איז פאַרבאָטן צו גרופּירן זיך פון יידן;
4. דעם ייד איז פאַרבאָטן צו גיין אויף דעם טראָטואַר;
5. יידן איז פאַרבאָטן צו האַנדלען;
6. יידן דאַרפן באַגריסן יעדן באַגעגנטן דייטש;
7. יידן איז פאַרבאָטן צו פאָרן מיט דער באַן, טראַמוויי, אויטאָ און מיט אַ פערד.

פאַר זייערע באַקוועמלעכקייטן האָבן די דייטשן באַשטימט אַ יודן־ראַט, וועלכער האָט געהאַט די אויפ־גאַבע צו פאַרלייכטערן אין די אויסראָטונגס־אַקציעס קעגן די יידן. צו אונדזער ווייטיק, האָבן זיך צו דער שמוציקער אַרבעט אויך געמאָלדן אָנגעזעענע איינוווי־נער פון דער דאָמבראָווער יידישער באַפעלקערונג. מיטן אָנקומען פון האַרבסט, וואָס איז באַגלייט פון ווינטן און רעגן, איז דעמאָלט אויך פול געווען מיטן געוויין פון יידישע הערצער, עס האָט זיך אַפילו נישט געלאָזט מערקן אונדזערע פריידיקע יום־טובים.

דער ווינטער איז אָנגעקומען מיט דער פולער האַרבקייט. אין די נישט באַהייצטע שטובן, געוועלטיקט יאוש און קעלט. הונגעריקע און אומעטיקע גייט מען שלאָפן, כדי ווי אַמשנעלסטן צו פאַרגעסן אין די שוידערלעכע וועלט. די נאַכט איז אָבער אַן אייביקייט, און דער פרימאָרגן ברענגט מיט זיך נייע שרעק. יעדן אין דער פרי לויפן די מענטשן כאַפּן די 400 גראַם ברויט און אָפט ווען צום פענצטערל דערגענ־טערט זיך אַ ייד, באַקומט ער אָנשטאָט ברויט, אַן ענטפער, אַז פאַר יידן און היינט איז נישט פאַראַן קיין ברויט. 6 אַזייגער פרי האָבן שוין מאַרשירט „קאָלאָנעס" פון יידן, יונג און אַלט, מיט לאָפּאַטעס אויף די אַקסלען, באַרוועסע און הונגעריקע, אין רעגן און שניי, מאַרשירן צו דער אַרבעט, אונטער דער אויפזיכט פון איין פאָלקס־דייטש, וועלכער צווינגט זיי אָפט צו זינגען היטלער־לידער. און אונדזערע אַלטע

שכנים, די פּאַליאַקן, פרייען זיך אויפן גורל פון די „זשידעס״.

דער פרילינג דערנענטערט זיך. די טעג ווערן גרעסער, די בוימער פאַרשלייערן זיך מיט נייע גרינע בלעטער, אויף די פעלדער שפּראָצט גרין גראָז, איבער־געפּלאָכטן מיט פאַרשידענע פאַרבן פון בלומען. די ציכטיקע פרילינגס־לופט וועקט צום לעבן. אָבער אין די צעבראָכענע הערצער פון די יידן וואַקסט די בענקשאַפט צו באַפרייונג.

כדי דאָס לעבן זאָל נישט זיין „מאָנאָטאָנע״ האָבן די דייטשן פון צייט צו צייט געשאָסן עטלעכע יידן, מיט דעם אויסרייד, אַז זיי האָבן נישט אָפּגעהיטן די געזעצן. זיי האָבן אויך אַרויפגעלייגט אויף די יידישע איינוווינער פאַרשידענע קאָנטראָבוציעס פון גאָלד און געלט, כדי נאָך מער צו פאַרביטערן דאָס לעבן.

פאַר די געקומענע דייטשן אין דאָמבראָווע, דאַרף מען צושטעלן מעבל, וועש, געשיר און אַלעס גוטעס — פאַרשטענדלעך אַז מיט דער מיטהילף פון דעם יודן־ראַט און די יידישע פּאָליציי. זיי האָבן געטאָן אַלעס, אַז די נייע הערשער זאָלן צופרידן זיין.

אין אַזאַ געדריקטער לאַגע האָבן מיר איבערגע־לעבט דעם פּסח, שבועות און אויך דעם גאַנצן זומער, וואָס איז געווען באַגלייט מיט פיל צרות און שרעק. דער מצב האָט געברענגט, אַז מען האָט פאַרלוירן די האָפענונג פון אַ בעסערן מאָרגן.

דער שווערער זומער פון 1940 איז צו ענדע און עס דערנענטערן זיך ווידער יום־טובים. דעם ראש־השנה — זוכט מען געהיים צו דאַווענען. מיט פאַרביטערטע הערצער בעטן די הונגעריקע אויף אַ בעסערן מאָרגן; יום כיפּור — און ווידער קומט מען זיך צוזאַמען אין געהיים, בעטן פון טיפן האַרצן ס׳זאָל שוין אַ סוף נעמען צו די ליידן. אָבער ווי ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, זענען אין די צייטן די הימלען געווען געשלאָסן, און דאָס געבעט פון די אומשולדיקע יידן איז נישט אָנגענומען געוואָרן.

אין שטעטל האָט זיך פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז נאָך סוכות וועט מען נעמען יידן אויף אַרבעט קיין דייטשלאַנד, און פאַרשטענדלעך, אַז די ערשטע וועט מען נעמען די, וואָס זענען נישט געוווּנטשן פאַר דעם יודן־ראַט. אויף סוכות האָט מען געאַרבעט.

שמחת תורה — אין יודען־ראַט מערקט זיך אַן אינטענסיווע אַרבעט, אַלעס אַרבעט שווער, מען שיקט „צעטעלעך״ צו די, וואָס דאַרפן זיך צושטעלן צו דער אַרבעט. ווער ס׳האָט געלט, אָדער פּראָטעקציע, קויפט זיך אויס.

אין יעדער שטוב קלאַפּן די הערצער פון עלטערן און זייערע קינדער. אין דער טיר הערט זיך אַ ברוטאַל קלאַפּעריי פון יידישע פּאָליציי, וועלכע פאָדערט זיך צוצושטעלן צו דער אויסזידלונג, מיט דראָונג, אַז ווער ס׳וועט זיך נישט צושטעלן, וועט מען נעמען, ווען מ׳וועט טרעפן אין שטוב.

אין דער זעלבער נאַכט האָט דער יודן־ראַט און אויך די יידישע פּאָליציי, געהאַט פיל אַרבעט, צו־מאָרגנס פרי זענען פון דער באַן־סטאַציע אין דאָמב־ראָווע אַרויסגעפאָרן 200 יידן קיין דייטשלאַנד אויף אַרבעט.

דעם יודן־ראַט און דער פּאָליציי קומט אַן אויסצייר־כענונג... אָבער אין די 200 שטובן פון וועלכע די קינדער זענען אַוועקגעפאָרן, וויינען צעבראָכענע, פאַרביטערטע עלטערן, ווייל ביים געזעגענען האָבן זיי שוין געוווּסט, אַז דאָס איז דאָס לעצטע מאָל, וואָס זיי זעען זיך.

ס׳האָט זיך נאָכאַמאָל געוואָלט אַרומנעמען, אויס־קושן די פאַרווייינטע געזיכטער פון די ליבסטע און נאָענטסטע.

ווי ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, איז דער גורל פון די איבערגעבליבענע אין דאָמבראָווע געווען פיל ערגער. זיי האָבן נאָך באַוויזן מיטצומאַכן — איבערזידלונגען, אויסזידלונגען, געטאָס, קאָנטרעבוציעס, סעלעקציעס און נאָך פיל גיהנומס — כמעט אַלע, זענען אויף אַ באַרבאַרישן אופן פאַרניכטעט געוואָרן.

רעגינאַ ליס (ציגלער)

איבערלעבונגען אין קאָנצענטראַציע־לאַגערן בעתן חורבן

מיין פֿאָטער איז געשטאָרבן יונג, איבערלאָזענדיק קליינע 8 יתומים. אַ העלפֿט פֿון מיין משפּחה איז געפֿאַלן קרבנות אין דעם קריג, 3 שוועסטער און איין ברידער זענען אומגעקומען אין די דייטשע קאָנצענטראַציע־לאַגערן.

צוויי ברידער און צוויי שוועסטער האָבן זיך געטראָפֿן קורץ נאָך דעם קריג און אַלע זענען עולה געווען קיין ישׂראל.

דער עלטערער ברודער לייב איז געשטאָרבן אין יאָר 1960, זייענדיק אינגאַנצן 2 יאָר אין לאַנד צוזאַמען מיט אונדז. דער צווייטער ברידער איז געשטאָרבן אין יאָר 1967. פֿון אַלע 8 קינדער בין איך געבליבן מיט מיין שוועסטער סאַלאַ.

אין דאָמבראָווע האָבן מיר געוווינט און געאַרבעט אויפֿן פֿאַבריקס־פּלאַץ פֿון די ברידער קליין (מיינע פֿעטער) וועלכע זענען אומגעקומען.

מיטן אויסברוך פֿון דעם קריג האָבן די דייטשן קאָנפֿיסקירט די פֿאַבריק און אַלע יידן האָט מען אַרויסגעוואָרפֿן פֿון דער אַרבעט און אויך פֿון די וווינונגען. מיר האָבן שוין אין די ערשטע טעג געפֿילט די טראַגעדיע וואָס דערוואַרט אונדז.

דאָמבראָווע גורניטשאַ, די שטאָט פֿון קוילן־קאַפּאַלניעס און אייזן־גיסעריי הוטאַ־באַנקאָוואַ, האָט באַשעפֿטיקט טויזענטער אַרבעטער — דערביי איין איינציקן ייד אַן אינזשינער.

מיטן אויסברוך פֿון קריג האָט זיך געפֿילט אַז דאָס יידנטום שטאַרבט אָפּ.

אין אַ הייסן זומער טאָג 1940 האָט מען זיך געדאַרפֿט צושטעלן, אָן אויסנאַם, צו דער היטלער־באַנדע קאָמיסיע, וועלכע האָט גלייך דעצידירט וועגן לעבן אָדער טויט פֿון די יידן אין שטאָט.

מיר זענען געווען שטאַרק בעוואַכט און געהיטן דורך די דייטשן. דער ברידער פֿון מיין מאַמען, דירעקטאָר קליין, איז געקומען צו לויפֿן אונדז געוואָרנט, אַז מיין מאַמע זאָל זיך נישט צושטעלן. מיר האָבן אים געפֿאָלגט און האָבן זי פֿאַרשטעקט, און אַזוי האָבן מיר זי צייטווייליק אָפּגעראַטעוועט.

דער אויסזידלונגס־פּלאַץ האָט זיך מיר שטאַרק איינגעקריצט אין מיין זכרון און מיין גאַנצן לעבן. אַלץ האָט זיך אין אונדז נוקם געווען: די זון האָט געבראָטן אַ גאַנצן טאָג, קיין ביסל שאָטן איז נישט געווען. אויך נישט אַ ביסל עסן און וואַסער ,אַזוי האָט מען געוואַרט אויפֿן אורטייל. פֿרויען און קינדער זענען אַוועקגעפֿאַלן, איך האָב אַבסערווירט דעם שוואַרצן שרעקליכן טאָג ווי מענטשן פֿאַלן, און די דייטשן היטן מיטן אויסגעשטרעקטן געווער, מען זאָל נישט אַנטלויפֿן, עס הויבט זיך אָן די סעלעקציע. די דייטשן האָבן אויסגעשטעלט דריי רייען. אַ טייל זענען געווען צייטווייליק גליקלעך, מען האָט זיי באַפֿרייט און באַקומען אַ זאָנדער־קאַרטע אויף אַרבעט. די פֿרויען, קינדער און עלטערע מענטשן האָבן זיי געשיקט אויף אויסזידלונג. איך הער נאָך יעצט דאָס געוויין פֿון די קינדערלעך, וועלכע האָבן געבעטן שטיקעלעך ברויט. דאָס איז געווען דער ערשטער טראַנספּאָרט פֿון 25 טויזנט זאַגלעמביער יידן, וואָס זענען פֿאַרשיקט געוואָרן צום טויט.

מיר האָבן זיך צוריקגעקערט אין שטוב מיט פֿיל ווייטיק אין האַרצן .אין שטאָט איז געווען יום כּיפּור. דאָס איז געווען די ערשטע נעץ, מיט וועלכע מען האָט געפֿאַנגען עלטערע מענטשן. די געבליבענע אַ קליינע צאָל יידישע איינוווינער, האָבן זיך צוריקגעקערט צו די פּוסטע ווענט אָן פֿרויען, עלטערן און קינדער. און אַזוי זענען אַוועקגעגאַנגען אומשולדיקע קרבנות מיט דער אַלגעמיינער אויסזידלונג פֿון יידן אין דאָמבראָווע גור׳ און אומגעגנט.

מיין מאַמע האָט זיך אָפּגעראַטעוועט, אָבער זי איז שפּעטער אין יאָר 1943, פֿון פּיין, זאָרגן, צרות, הונגער און שלעכטע ידיעות געשטאָרבן. 2 מיינע שוועסטער און 2 ברידער זענען געווען אין לאַגער, מיין ברודער הערש־בער האָט מען געכאַפּט אין שטאָט. ווען מ׳האָט די יידן אַוועקגעפֿירט אין די קהילה. ער האָט זיך מיט אַ שטריק אַראָפּגעלאָזט פֿונעם פֿענצטער און איז אַוועקגעלאָפֿן צו זיין פֿרוי.ביידע זענען שפּעטער אַוועקגעשיקט געוואָרן.

אין אייניקל איז באַגאַנגען זעלבסטמאָרד אין לאַגער מאַרקשטאַט. צו ערשט האָט ער זיך אַריינ־געוואָרפן אין אוביקאַציע־גרוב. ווען מען האָט אים אַפּגעראַטעוועט, האָט ער זיך אויפגעהאַנגען.

פּרטים פון לאַגערלעבן

אין ספּיטקיוויצע איז געווען אַ מענער־לאַגער מיט 350 פּערזאָן פון פראַנקרייך, האָלאַנד און בעלגיען. 13 מיידלעך זענען אַהין געשיקט געוואָרן אַלס לאַגער־פּערסאָנאַל. אַלע 13 מיידלעך האָבן זיך צוריקגעקערט אַהיים, און איך בין געווען צווישן זיי.

אין דערמאָנטן ספּיטקיוויצער לאַגער האָט אַ קאַ־צעטניק באַקומען אַ משוגעת. אין דעם צושטאַנד האָט ער געמוזט גיין צו דער אַרבעט. זיינע חברים האָבן אים איבערגעלאָזט מיט אַ קליינעם ברודער, ווייל ער איז נישט געווען פעאיק צו דער אַרבעט. דער אומגליקלעכער איז אַרויסגעגאַנגען און האָט פאַרבלאָנ־דזשעט. קומענדיק צוריק פון דער אַרבעט האָט מען אַלע געציילט. פאַרשטייט זיך אַז איינער האָט געפעלט. אַלס שטראָף זענען מיר אַלע געשטאַנען פון 5־4 שעה אויף אַ פראָסט פון 35 גראַד ביז 12 ביינאַכט, אָן אַ ביסל עסן נישט ביי דער אַרבעט און נישט — נאָך דער אַרבעט.

די פּאָליציי האָט דעם נישט נאָרמאַלן געפונען און אים באַלד אויפגעהאַנגען, כדי מען זאָל זעען און



קבר אחים יהודי   אַ ברידער־קבר

הערן. דער געהאַנגענער האָט אויסגערופן „דאָס איז מיין שענסטער טאָג אין מיין לעבן".

פיל פון די מענער האָט מען צעשלאָגן פאַר דער קלענסטער שולד. גענוג איז געווען אַז אַ ס. ס. מאַן האָט געמאָלדן, אַז ווער ס'האָט געזויכערט אַ פּאַפּיראָס, האָט דער באַשולדיקטער באַקומען 50 שמיץ מיט אַ נאַגייקע. דאָס קרעכצן האָט מען געהערט דורך דער וואַנט.

אין פאַרלויף פון 3 חדשים זענען אין דעם לאַגער געשטאָרבן 100 מאַן (פון 350) און 110 קראַנקע האָט מען אַוועקגעשיקט.

מיך, האָבענדיק 41 גראַד היץ, האָט דער דאָקטאָר געראָטן גיין אין קיך ווי איך האָב געאַרבעט, ווייל מען קען נאָך מיך אויך פאַררעכענען צווישן די קראַנקע און אַוועקשיקן קיין אוישוויץ. ווען מיר האָבן זיך געפּרעגעט וווהין שיקט מען די מענטשן, האָבן די באַרבאַרן געענטפערט: אין דערהאָלונגס־לאַגער, וואָס הייסט אוישוויץ. אויפן פּלאַץ פון די אַוועקגעשיקטע האָט מען געברענגט פרישע קרבנות.

אין דעם זעלבן ספּיטקעוויצער־לאַגער האָט זיך איין לאַגערפירערין פאַרגליסט מאַכן פריילעך אויף אונדזער חשבון, און פאַרווילן אירע מענער קאַמעראַדן. די סצענע איז פאָרגעקומען אין עס־זאַל. די דייטשקע האָט אַרויסגעשטעלט אַ ליסטע פון 15 מיידלעך, וועלכע האָבן געזאָלט באַקומען צו 25 שמיץ פאַר פוילן זיך ביים אויספירן די אַרבעט. 100 מיידלעך וועלכע מען האָט קאָנצענטרירט פון דער גאַנצער געגנט, האָבן אויסגעבראָכן אַ געוויין, איך דאַקעגן האָב נישט גע־וואָלט זיי פאַרשאַפן דעם פאַרגעניגן. דערפאַר האָט מען מיר דערלייגט נאָך 10 שמיץ מיט דעם קאַנטשיק. איך האָב נישט געוויינט אַזוי פיל פון ווייטאָג, ווי פאַר פאַרדראָס. שפּעטער האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז דער מייסטער האָט דערקלערט אַז איך פאַרשפּעטיק זיך צו דער אַרבעט וואָס איז געווען אַ פּיקציע. די פאַבריק האָט קיין שום ליסטע נישט געפירט. די דייטשן האָבן פּשוט אָנגעקוואָלן ווען זיי האָבן אונדז געקענט שמייסן.

פון ספּיטקעוויצער לאַגער האָט מען באַוויזן צו שאַפן אַ קאָנטאַקט דורך אַ פּוילישן אַרבעטער, וועלכער האָט געאַרבעט אין לאַגער און איז יעדע וואָך געפאָרן אַ היים. און אַזוי האָב איך געפירט בריוו־איסטויש נישט, בלויז פאַר זיך. אַזוי האָב איך אויסגעפירט אַ וויכטיקע אויפגאַבע ביים פאַרבונדן זיך פון 2 בעל־גישע יידן מיט זייערע נאָענטע אין אויסלאַנד. איינער איז געווען אַ סטודענט פון מעדיצין (אין לאַגער האָט



על יד הקרמטוריום באושביץ

ביים קרעמאַטאָריום אין אוישוויץ נאָכן קריג

ער געאַרבעט אַלס דאָקטאָר). ער האָט באַקומען אַן ענטפער פון זיין פאָטער אין בעלגיע, פאַר איין קעכער האָב איך געשאַפן אַ פאַרבינדונג מיט זיין פרוי.

מיין שוועסטער, וועלכע איז געווען אין דער היים, האָט זיך פאַרבינדן אין בעלגיען מיט אַ פּאָלאַק, און די בריוו זענען אויך געקומען לויטן אַדרעס פון דערמאָנטן פּאָליאַק, וועלכער האָט די בריוו געבערענגט פאַרבאַהאַלטן אין זיינע שיך.

ווען איך האָב די צוויי מענטשן געבערענגט די בריוו האָבן זיי זיך צעוויינט פאַר פרייד ווי צוויי קליינע קינדער.

די יידן־עלטסטע, וועלכע זענען געוואָר געוואָרן אַז איך העלף פאַרשידענע מענטשן, האָבן מיך געוואָרנט אַז עס דראָט מיר אוישוויץ, און מיט מיין לעבן, אויב מען וועט מיך כאַפּן.

אין לאַגער האָב איך איבערגעלעבט שרעקלעכע סצענעס. איינמאָל האָט מען נאָכגעיאָגט אַ מוזולמענער ד. ה. אַ האַלב טויטער מאַן, בלויז הויט און ביינער. דער מענטש איז געווען באַהאַנגען מיט אַ שוואַרצע קאָלדרע, און זיינע צוויי באָרוועסע פיס האָבן אויס־געזען ווי 2 ווייסע שטעקנעס, וועלכע ער האָט קוים באַוועגט. מען האָט אים געטריבן אין וואַש־רום. דאָרט האָט מען אים געשפריצט אין ווינטער מיט אַ גרויסן שטראָם פון שלויך גלייך אינעם האַרץ. דער אָרימער אומגליקלעכער מענטש האָט געשריגן, אַז ער וויל נאָך לעבן, אָבער ליידער האָט ער אויסגעהויכט זיין ביסל לעבן ביי דער גרוילעכער סצענע. עס איז שווער צו באַשרייבן, אַלע גרוילעכע סצענעס וואָס זענען פאָרגעקומען אין די אַרבעטס־לאַגערן, און ווער קען נאָך באַשרייבן די סצענעס אין די טויט־לאַגערס.

אין לאַנצעשוט לאַגער איז איינע פון די פאַר־שפּאַרטע אַראָפּ פון זינען, מען האָט זי גלייך אַוועק־געשיקט קיין אוישוויץ, איינע אַ חברטע מיינע האָט געזאָגט אַ דייטש, אַז מיר מוזן אויסהאַלטן, ווייל עס איז שוין נישט ווייט דער סוף פון קריג. צומאָרגנס האָט מען זי אַוועקגעשיקט קיין אוישוויץ. אין דעם זעלבן לאַגער לאַנצעשוט האָב איך אָפּגעראַטעוועט דאָס לעבן פון מיין פרוינדין — אסתרקע. ביינאַכט האָט זי שטאַרק פאַרחלשט, קיינער האָט נישט געוואָגט צו וועקן די לאַגער־פירערין, כדי צו רופן הילף. איך האָב אויפגעוועקט די דייטשקע, וועלכע האָט שרייענדיק דאָך דערלויבט רופן אונדזער סאַניטאַרין, וועלכע האָט מיט אַמאָניאַק באַוויזן אויפצומינטערן מיין חברטע נאָך דעם ווי אַנדערע מיטלען האָבן נישט געהאָלפן.

איין חברטע האָט זיך געוואָלט פאַרשרייבן אין פעטערשוואַלדאַר־לאַגער אין דער ליסטע פון אַלע שוואַ־

כע וואָס האָבן זיך נישט געקענט האַלטן אין דער צייט פון דער געפּלאַנטער עוואַקואַציע דורך די דייטשן, איך האָב איר פאַרוועדט, צוזאָגנדיק איר הילף ווען זי וועט דאַרפן.

אַלע וואָס האָבן זיך פאַרשריבן אין דער ליסטע פון שוואַכע אין לאַגער פּעטערשוואַלדאַו האָט מען גלייך פאַרשיקט אין אוישוויץ, וואָס האָט געהייסן אַ זיכערער טויט.

די דייטשן, ווילנדיק אין דער צייט פון מלחמה אונדז אונטערשיידן פון דער גאַנצער באַפעלקערונג, און האָבן אויף יידן אַן אויפ:יכט ,האָבן אַרויסגעגעבן אַ באַפעל אַז אַלע יידן מוזן טראָגן אַ געלע לאַטע מיט אַ מגן־דוד.

אַן „אויספלוג” אין אוישוויץ

נאָך דעם קריג האָב איך מיין ערשטן אויספלוג געמאַכט אין אוישוויץ. די אויגן האָבן נישט געקענט צוזען, און דער מוח האָט נישט געקענט באַגרייפן צו וואָס פאַר אַ טראַגעדיעס עס האָבן דערפירט די דייטשע היטלעריסטישע בעסטיעס.

שוידערלעך איז געווען ווען מען האָט אַראָפּגעפירט דעם געוועזענעם קאָמענדאַנט פון אוישוויץ־לאַגער און אים געוויזן צו וואָס זענען געווען פעִיק זיינע היטלער־בעסטיעס. בלויז דאָס וואָרט „אוישוויץ” איז גורם אַ גרויל אין גאַנצן קערפּער פון יעדן מענטש.

ווי מען האָט אונדז דערקלערט, איז די ערשטע געביידע געווען באַשטימט אַלס „פריילעך הייזל”, שפּעטער האָבן מיר באַזוכט די אַנדערע בנינים, אין וועלכע מענטשן האָבן געלעבט אין גרוילעכע באַדינגונגען פון ליידן און פּיין.

צום אונטערשיידן געהערט דער 11 בלאָק, וועלכער רופט שרייענדיקע נקמה, דער בלאָק איז געבויט געוואָרן אויף יידישע פאַרניכטעטע און פאַרברענטע קערפּער, וועלכע מען האָט מאַסנווייז אַרייינגעוואָרפן אין אַ גרויסן גרוב. דאָרט האָט מען אונדז אָנגעוויזן אַ טיש, אַ קליינע סאַניטאַרע שאַנק און אַ בענקל, אויף וועלכן די באַרבאַרן אין ווייסע דאָקטער־פאַרטעכער האָבן איינגעשפּריצט טויט־שפּריצן גלייך אין האַרץ אַריין.

אין דעם 11טן בלאָק זענען געווען קעלערן אין דער גרויס פון אַ שטייענדיקן מענטש, פאַר דעם קלענסטן פאַרזינדיקן, פלעגט מען אַריינוואַרפן מענטשן אויף אַ טאָג אָדער מער. אָן אַ ביסל עסן און ביי אַ טעמפּעראַטור פון אונטער זעראָ. בעת דעם באַזוך האָבן מיר געזען פון דעם בנין אַ וואַנט, וואָס האָט געטריפט מיט יידיש בלוט. גערופן האָט מען זי, די יידישע וואַנט וואָס וויינט מיט בלוט.

אויפן באַפעל, האָבן די יידן פאַרן דערשיסן, זיך געמוזט אויסדרייען מיטן פּנים צו דער וואַנט. די וואָס האָבן געהאַט מוט, זאָל דאָס אַ:וי הייסן, אָדער בעסער, יידן וואָס זענען אַראָפּ פון זינען, זענען בעסער געלאָפן צום שטעכלדיקן עלעקטריזירטן דראָט און אַזוי געפונען זייער טויט.

לויט דער ריי האָבן מיר באַזוכט דעם פרויען־לאַגער בירקענאַו, דאָרט האָבן געליטן און געפאַלן הונדערטער טויזנטער פרויען, און אפשר אויך — מיליאָנען. די דייטשע באַרבאַרן האָבן אַלע מאָל אויסגעטראַכט נייע סאַדיסטישע פּלענער, כדי וואָס שנעלער און וואָס מער יידן צו פאַרניכטן.

צווישן אַנדערע האָט מען פון די יידן גענומען בלוט פון דעם ביסל וואָס עס איז נאָך ביי זיי געבליבן. ווען די יידן זענען געפאַלן האָבן די סאַדיסטן מיט עמער זיי באַגאָסן, פאַר דעם דערמאָנטן בלאָק. טייכן בלוט האָבן זיך געגאָסן אין דעם אייביק פאַרשאָלטענעם לאַגער.

מיר האָבן אויך באַזוכט דעם פּלאַץ, ווו עס איז געשטאַנען דער קרעמאַטאָריום, די פאַבריק פון טויט, ווו מען האָט געברענט און געבראָטן 6 מיליאָן יידן פון אייראָפּע.

אין די פאַרמאַסקירטע באָד־צימערס מיט קראַנען צום וואַשן זיך, איז קיינמאָל קיין וואַסער נישט געווען, נאָר פאַרניכטונגס־גאַז. דאָרט אַהין האָט מען געטריבן אונדזערע טייערע און זיי פאַרגאַזעוועט מיט ציאַניד־ציקלאָן און אַנדערע שרעקלעכע גאַזן.

מען האָט זיך אָפּגעשטעלט ביי פאַרשידענע זאַכן, וואָס עס זענען געבליבן נאָך די אומשולדיקע קינדער, ספּעציעל האָבן זיך געוואָרפן אין די אויגן די קליינע קינדערשע שיכלעך.

כבוד זייער אָנדענק!

(פון פויליש : אברהם בייטנער)

אן עכא פון אפגרונט

(בריוו פון דערמאָרדעטע מוטערס)

אין יאָר 1945 האָט דער יידישער קאָמיטעט פון דער שארית הפליטה אין דאָמבראָווע פון קריסט טורקין באַקומען אַ בריוו אַז ביי אים האָט זיך אָפּגע־ראַטעוועט אַ יידיש מיידל. ער האָט איבערגעגעבן אַ בריוו פון דער מוטער פון דעם מיידל.

יוסף פיווניטשע, וועלכער האָט זיך דעמאָלט גע־פונען אין קאָמיטעט, האָט דעם בריוו קאָפּירט אָן ענדערונגען.

*

„מיינע ליבע. מיט אַ צעבראָכן האַרץ זעץ איך זיך אַוועק שרייבן צו אייך אַ פּאָר ווערטער. אפשר איז דאָס שוין דאָס לעצטע שרייבן צו אייך.

מיינע טייערע, איך ווייס נישט אויב איר וועט דעם בריוו דערהאַלטן אַמאָל, און אויב איר וועט אים יאָ דערהאַלטן וועט איר כאָטש וויסן ווי אייערע נאָענטע זענען אַהינגעקומען. מיין טייערע אַנדזשע, איך וועל אַנהייבן פון אונדזער גאָטזעליקער מוטער. אונדזער גאָטזעליקע מוטער איז געשטאָרבן, גאָט זיי דאַנק, מיט אַ נאַטירלעכן טויט אין יאָר 1942, לויטן יידישן דאַטום זעקס טעג אין חודש תמוז. דו זאָלסט וויסן צו האַלטן יאָרצייט פון אונדזער ליבער מוטער. אונדזער פאָטער איז אומגעקומען אין דריי מאָנאַטן שפּעטער דורך די מערדערס הענט. פון דער גאַנצער פאַמיליע איז, ליי־דער שוין קיינער נישטאָ. פון זשוריק איז מער קיין צייכן נישטאָ. איצט זענען מיר אין אַ פריש געפאַר,

אַנדזשע, זיי שטאַרק, האַלט זיך מיט אַלע כוחות עס איז קיין רעדע נישט, מיר זאָלן דאָס איבערלעבן. און געדענק נאָר איינס, נקמה זאָלסטו נעמען, אויב וועסט קענען. מיר האָבן קיין עצה. מער ראַטעווען קען מען זיך שוין נישט, ווייל עס איז נישטאָ ווי צו לויפן. מיר זענען געבינדן פון אַלע זייטן. איך וועל אייך מער נישט שרייבן, ווייל איך וויל אייך נישט פאַרשאַפן קיין שמערץ. פון ליבן וואַוטשע, די ליבע מוטער און העלע מיטן מאַן און קינד זענען גאָט זיי דאַנק, ביז איצט דאָ. מיינע טייערע אויב מיר וועלן נאָך דאָ זיין וועלן מיר ווייטער שרייבן און מער.

זייט געזונט

אייער שוועסטער נאַטקע

דאָמבראָווע, דעם 23.7.1943

ליבע מיינע שוועסטער און שוואָגער, אויב איר וועט אַמאָל דעם בריף ערהאַלטן שרייבע איך אייך, פון איטשען ווייס איך ניט ווי ער איז, ער וואר אין איין לאַגער, איך הער פון אים איבערהויפּט נישט. שיינדעלען האָט מיר געלינגען איבערצולאָזן ביי דעם הערן טורקין. מיט דעם הערן טורקין האָב איך זיך באַקאַנט ערשט מיט אַ פּאָר מאָנאַט צוריק. אַלזאָ איך זאָג אייך ער מיט זיין פרוי איז זער אַנשטענדיק. זאָ וואָס פיינעס גיבט איבערהויפּט נישט. זיי נעמען שיינ־דעלען אונטער זייער אָפּיקע. אַלזאָ אַנדזשע און וואָוו־טשע איר זאָלט וויסן, ווען איר וועט באַקומען אַ ידיעה פון הערן טורקין, זאָלט איר זיך אָפּיקעווען מיט מיין קינד. איהר זאָלט זיין צו זי גוטע עלטערן. מיינע טייערע איך שרייב דעם בריוו שוין די לעצטע טעג. איך בלייב מיט וועלוולען און מיט נאַכעלען. מיר וואַרטן יעדע מינוט אויפן טויט און מיר ווייסן וואָס פאַר אַ טויט עס וואַרט אויף אונדז. ליבע מיינע, איך בין שוין 3 יאָר אָן איטשען. איך האָב מיך דערנערט מיט מיינע קינדער פון מיין אַרבעט, איך האָב גע־אַרבעט אין אַ שאָפּ 10 שעה אין טאָג. איך בין אַהיים געקומען האָב איך געאַרבעט פריוואַט און האָב מיך ערנערט און אָפּגעלעבט 4 יאָר און די ענדע אונדזער ענדע איז ביטער און טרויריק. נאָר גאָט זיי דאַנק איך האָב באַקאַנט דעם הערן טורקין ער איז אַ מלאך, איך האָב איבערהויפּט קיין ווערטער פאַר איהם און פאַר זיין פרוי, אַלזאָ פון די גאַנצע פאַמיליע וועט איר מער ניט האָבן ווי מיין קינד שיינדעלע. איך פאַרהאָף אַז זי וועט בלייבן. איך בין זיכער, אַז דער הערן טורקין מיט זיין פרוי וועט אָפּהיטן מיין קינד. מיינע ליבע איך בין נישט אומשטאַנד דעם הערן צו ערלעדיקן פאַר אַזאַ זאַך איך באַגעב דאָס אייך מיינע ליבע. איר זאָלט אים קיין עוולה נישט טאָן. אנדזשע די זאָלסט דעם הערן טורקין פאַרשטיין גלויבן און גוט באַפרידיקן ווייל מיין קינד וועט דיר בלייבן. איך ווייס איך בין זיכער, ווייל איך זע שוין דעם מלאך המוות פאַר די אויגן. איך גלויב נישט, אַז עס קען געשעהן אַזעלכע נסים, אַז מיר זאָלן נאָך בלייבן. ניין און ניין זאָ וואָס קען נישט פּאַסירן. נאָר מיינע ליבע דאָס זאָלט איר וויסן אַז איך מיט וועלוועלען מיט

נאָכלעצן זענען געפאַלן די לעצטע אַ קרבן. אַהרן מיט שיינדעלען און קינד זענען אויך נאָך דאָ. משהלעס פרוי מיט אין קינד איז אויך נאָך דאָ.

מיינע טייערע, איך שרייב דעם בריוו מיט בלוט אַנשטאָט טינט. איך בין פאַרחישט, דאָס איינע איז מיר נאָר לייכטער אויפֿן האַרץ, איך זע, אַז מיין שיינדעלע ווערט געראַטעוועט און איך לאָז זי איבער אין גוטע הענט, ביי פיינע מענטשן. מיינע ליבע מער העלפן קען איך מיר נישט. אַנדזשע און ליבער וואָוטשע, איהר זאָלט זיין געזונטע עלטערן פאַר אייערע קינדער און פאַר מיין שיינדעלען. איך פיל דעם מאָמענט ענקערע הערצער, ווען איר וועט דעם בריוו ערהאַלטן. נאָר איר זאָלט זגאַדזשען מיטן לאַס, עס איז נישט אונדזער שולד, מיר פאַלן אומשולדיק. עס איז פאַרפאַלן. עס קען אַנדערש נישט זיין.

מיינע ליבע איהר זאָלט אויך צוזויסן געבן אונדזערע אָנקעלס אין נעוו־יאָרק וועגן דעם אַלעמען. זייט געגריסט און געקישט. איך וואָלט געהאַט אייך זייער פיל צו שרייבן. עס וואָלט פאַפיר אויסגעפעלט נאָר ליידער בין איך נישט אומשטאַנד, איך דריי מיך אַרום ווי אַ דעריפענע. מיינע ליבע, עס איז זייער שלעכט ווען מען שטאַרבט מיט דעם ריכטיקן שכל און מען זעהט דעם מלאך המות פאַר די אויגן. איך גריסע און קישע אייך מיינע טייערע ווי אויך אייערע קינדערלעך, אייער שוועסטער ביז יעצט נישט פאַרגעסענע שוועסטער טייבעלע. מיינע ליבע עס טהוט מיר וויי, עס צערייסט מיר מיין האַרץ אַז איך מוז צו אייך אַזאַ בריוו שרייבן”.

(פאַרעפנטלעכט דורך יוסף פיוניטשני)

ישראל ראָזען

אין אוישוויצער גיהנום

ביז צו דער אויסזידלונג איז מער ווייניקער געווען רויק. שפעטער, אין הערבסט 1941, האָט מען אָנגעהויבן נעמען אויף צוואַנגסאַרבעט. די יוגנט האָט מען געשיקט אין אַרבעטסלאַגערן. דעם 2 מאַי 1942 האָט זיך אָנגעהויבן די אויסזידלונגס־אַקציע. דער יודענראַט האָט געשיקט אויפפאָדערונגען צו די, וועלכע האָבן באַלאַסטעט דעם אינטערשטיצונגס־אַמט. דעמאָלט זענען אויסגעזידלט געוואָרן 650 יידן. ווען די דייטשן זענען אַריין קיין דאָמבראָווע, זענען דאָרט געווען 4 טויזנט יידן. פאַר פאַרשידענע עבירות: ווי שלעכטע פאַרטונקעלונג, פאַר קויפן ברויט פריי־וואַט, האָט די געסטאַפּאָ אַרעסטירט און די מענטשן געהאַלטן אין יתומים־הויז אין בענדין. די דאָרט קאָנצענטרירטע פון גאַנץ זאַגלעמביע זענען טראַנספּאָרטירט געוואָרן אין אַן אומבאַקאַנטע ריכטונג.

די דריטע אַקציע איז פאָרגעקומען דעם 12 אויגוסט 1942. פון דעם גאַנצען דאָמבראָווער זאַגלעמביע זענען אין איין טאָג און אין דערזעלבער שעה צוזאַמענגענומען געוואָרן 60 טויזנט יידן. 7 אַזייגער אין דער פרי האָט מען צוזאַמענגעטריבן די יידן אין פאַרשידענע פּונקטן אין די שטעט פון זאַגלעמביער געביט. דאָס זעלבע איז אויך פאָרגעקומען אין דאָמבראָווע גורניטשאַ. ס׳איז געקומען דער לייטער פון דער זאָנדערקאָמאַנדע קוטשינסקי און אָנגעהויבן סעגרעגירן די פאַרזאַמלטע. ס׳זענען געווען 3 פּונקטן: אויפֿן ערשטן פּונקט זענען געגאַנגען די אַרבעטספּעאיקע, אויפֿן צווייטן־פּונקט — צו רעקלאַמאַציע און אויפֿן דריטן פּונקט האָט מען גענומען אויסצוזידלן. די מענטשן פון צווייטן פּונקט האָט מען פאַראייניקט מיט די פאַראַלטענע פון דריטן פּונקט. זיי זענען געוואָרן אַוועקגעפירט. אַ געוויסע צייט — ביז 1943 — איז געווען רואיק. דעם 6, יוני 1943 האָט זיך די אַקציע ווידער אָנגעהויבן, און ס׳זענען אויסגעזידלט געוואָרן 6 טויזנט יידן פון בענדין און 2 טויזנט — פון סאָסנאָוויעץ. אין דאָמבראָווע־גורניטשאַ איז אין דעם טאָג קיין אַקציע נישט פאָרגעקומען. דעם 22, יוני 1943 איז ווידער פאָרגעקומען אַן אַקציע אין בענדין און סאָסנאָוויעץ. בעת דער דאָזיקער אַקציע האָט מען די אַלטע לייט און קינדער אויסבאַהאַלטן אין בונקערס. צוליב דער סיבה האָבן די דייטשן גענומען 8 טויזנט געזונטע מענטשן, וועלכע זענען איבערגעלאָזט געוואָרן ביי אַרבעט.

אין דער צווישנצייט האָט די פירמע „בויטרופּ” אַוועקגעשיקט מיך און אַנדערע אַרבעטער קיין אויש־

וויץ. אַזוי ווי מיר האָבן נישט געהאַט ווו צו נעכטיקן, זענען מיר געגאַנגען צו דער שוץ־פּאָליציי צו נעכטיקן אין אַרעסט. ווען מיר זענען געגאַנגען אין וואַשרוים זיך צו וואַשן, האָבן דאָרט געהאַנגען צעריסענע טלי־תים אָנשטאָט האַנט־טיכער. אין אוישוויץ האָב איך מיך געטראָפן מיט ציווילע, וועלכע האָבן געאַרבעט מיט העפטלינגע (אַרעסטאַנטן). זיי האָבן אונדז דער־ציילט אַז אין דעם לאַגער זענען נאָר אַ קליינע צאָל יונגע מענטשן, אָבער אַלטע אָדער קינדער -- בכלל נישט.

פון אַלע דריי געטאָס: דאָמבראָווע־גורניטשאַ, בענ־דין און סאָסנאָוויץ איז געמאַכט געוואָרן איין געטאָ אין סראָדולע (אַ קוואַרטל אין סאָסנאָוויץ) דאָרט האָבן זיך געפינען 5 טויזנט יידן — אויך פון די שטעטלעך אין זאַגלעמביע.

נאָכן קאָנצענטרירן דאָרט אַלע איז דעם 1, אויגוסט 1943, 4 אַזייגער אין דער פרי, אָנגעקומען די געס־טאַפּאָ, און מיר האָבן זיך אָריענטירט אַז מיר זענען אַרומגערינגלט דורך דער פּאָליציי און ס ס. לייט. ס׳איז קיינעם נישט געלינגען צו אַנטלויפן. די אויס־זידלונגס אַקציע האָט זיך אָנגעהויבן. מ׳האָט צוזאַ־מענגענומען טראַנספּאָרטן פון די גאַסן און וווינונגען. פון 2 ביז 2 טויזנט פונף הונדערט זענען געשיקט געוואָרן צו דער באַן, און פאַרלאָדנט געוואָרן אין וואַגאָנען פון בהמות. ס זענען געגאַנגען צוגן נאָך צוגן. די אַקציע האָט געדויערט 8 טעג. ס׳זענען גע־וואָרן אַוועקגעשיקט 4 טויזנט יידן. אַ קליינע צאָל האָט זיך אויסבאַהאַלטן און אַ טייל איז געבליבן אין דער ליקווידאַציע קאָמיסיע. דער יודן־ראַט און די יידישע פּאָליציי אין זאַגלעמביער־דאָמבראָווער געביט האָט זיך נישט גוט אויפגעפירט, נאָכקומענדיק די באַפעלן פון די דייטשן און דער געסטאַפּאָ. מערין איז געווען לייטער פון אַלע יודנטראַטן אין אויבערשלע־זיען. די צענטראַלע האָט זיך געפונען אין סאָסנאָוויץ. ביי דער לעצטער אויסזידלונג זענען אויך מיטגענומען געוואָרן דער יודנראַט און די יידישע פּאָליציי. בעתן אַוועקשיקן דעם ערשטן טראַנספּאָרט איז דעמאָלט געווען דער קאָמיסאַר פון דער געסטאַפּאָ פיעקורט, ביי וועלכן איך האָב געאַרבעט. אַזוי ווי ער איז געווען צופרידן פון מיין אַרבעט, האָט ער מיר פאַרזיכערט, אַז ס׳וועט מיר גאָרנישט געשען און וועט מיך אויס־געפינען אין לאַגער, איך בין אַוועק צוזאַמען מיטן טראַנספּאָרט.

קיין אוישוויץ זענען מיר אָנגעקומען דעם 1, אויגוסט 1943. ביים אויסשטייגן פון די וואַגאָנען האָט מען צו אונדז געשריגן: „לייגט אַוועק די פּעקלעך, איר וועט זיי מער נישט ברויכן״. ס׳זענען צוגעקומען די אַזוי גערופענע „קאַנאַדע־קאָמאַנדע״, וואָס איז באַשטאַנען פון קרימינעלע פאַרברעכער. זיי האָבן געהאָלפן אויסלאָדענען די וואַגאָנען, דאַביי האָבן זיי זויגלינגע אַוועקגעריסן פון די מאַמעס, און זיי מאַסנ־ווייז אַריינגעוואָרפן אין די צוגעגרייטע זעק, וואָס מען האָט אויך אויפגעלאָדן אויף די צוגעגרייטע אויר־טאָס. אויף דער ראַמפּע ,נעבן לאַגער, האָט זיך אָנגע־הויבן די סעגרעגאַציע: אויף לינקס, און רעכטס! די פרויען זענען געוואָרן אָפּגעטיילט פון די מענער. שפּעטער האָט מען סעגרעגירט צווישן די מענער און פרויען און אָפּגעטיילט די אַרבעטספּעאיקע, אין על־טער צווישן 20־30 יאָר. די אַרבעטספּעאיקע זענען אין אויטאָס אַוועקגעפירט געוואָרן פון לאַגער, די אַנדערע צווישן זיי אויך איך — האָט מען אַוועקגעפירט אין דער עפּעקטן־קאַמער, ווו מען האָט אונדז אויסגעטאָן און אַלץ צוגענומען: זאַכן, צירונג, געלט און אַפילו דאָס ברויט, און נאָכדעם זענען מיר געגאַנגען אין באָד און דעזינפעקציע, מען האָט אונדז אָפּגעשוירן, טע־טואירט און אַריינגעצויגן אין די פּאָליטישע אָפּטיילונג־קאַרטאָטעק. נאָך דער באָד האָט מען באַקומען אַ פּאָר הויזן און אַ כאַלאַט; די הויכע — אַ קליינעם, און די קליינע — אַ גרויסן, כדי די מענטשן זאָלן אויסזען לעכערליך. באַרפוס און אַן היטלעך האָט מען אונדז געטריבן אויפן פעלד „א״ דאָס איז געווען די קאַראַנטין.

מיר זענען אָנגעקומען אויפן בלאָק. דער בלאָק־עלצטער, אַ ייד, האָט אונדז באַקענט געמאַכט מיט דעם רעגולאַמין, וואָס איז אוממעגלעך געווען אויס־צוהאַלטן: אַריינגייענדיק אין בלאָק האָבן זיך די 5־6 הונדערט יידן פאַרהאַלטן אויסערגעוויינליך רואיק און שטיל מען איז געלעגן אויפן גאָלן צעמענט באָדן און אויף ברעטער. פאַר אַ שפּיי טאָן — 25 קלעפּ; פאַר נישט דערהערן דעם אויסגערופענעם נומער — 25 קלעפּ און קריך־איבונגען („זשאַבקע״) אַ 5 מינוט „זשאַבקע־איבונג האָט גורם געווען אַ דערשעפּונג אויף אייניקע טעג. ס׳זענען נאָך געווען אַנדערע איבונגען,

וואָס מען האָט געמוזט אויספירן אין דער בלאָטע. נאָך 2 טעג האָט מען באַקומען די פּאָרציע ברויט; אַנשטאַט 300 גראַם, וואָס ס'האָט אונדז געהערט, האָט מען געגעבן 150 גר. מאַרגאַרין און מאַרמעלאַד האָט מען נישט באַקומען, ווייל די בלאָק־עלצטע און די קאַפּאָס האָבן עס געגנבעט. 4 פאַרטאָג האָט מען פון אַפּעל־פּלאַץ געהערט דעם גאָנג־סיגנאַל און אין משך פון 5 מינוט האָט מען געמוזט זיין אויסגעשטעלט אין דער ריי.

ס'איז געקומען דער ס. ס. מאַן פערשעל און יעדן ווער ס'איז שלעכט געשטאַנען אָדער אַרויס פון דער ריי דערשאָסן. שטייענדיק אויפן אַפּעל 4־5 שעה באַרפוס אויף דער בלאָטע, האָבן זיך מענטשן פאַרקילט און געוואָרן דערשעפּט. פיל האָבן באַקומען קאַלעטשעטע פיס און קעפּ און סתם ווונדן, וואָס האָבן צוליב פעלן פון מעדיצינישע הילף, בכלל נישט געהיילט.

אומאָפּהענגיק פון וועטער, האָט מען געמוזט אַרומגיין אָדער ליגן אויפן אַפּעל־פּלאַץ. וואַסער איז דאָרט נישט געווען. דער רוב האָט פון דער היץ באַקומען געשוואָלענע קעפּ. מאַנכע האָבן אָפּגעריסן שמאַטעס געטינקט און שמוציקן וואַסער פון לייב און געלייגט אויף די קעפּ.

אויפן דריטן טאָג האָט מען אונדז אָנגעהויבן יאָגן אויף דער ראַמפּע צו טראָגן שטיינער. ווער ס'איז אַרויס פון דער ריי, האָט מען אויף אים אָנגערייצט אַ הונט.

נאָך 3 וואָכן אַרבעט איז אין דער קוואַראַנטין געקומען צו אונדז דער לאַגער־דאָקטאָר פישער און דער לאַגער־פירער שוואַרצהוטע. ס'איז געוואָרן אַ טומל, אַז אַלע בלאָקן זענען גערופן געוואָרן צום אַפּעל. ס'האָט זיך אויפסניי אָנגעהויבן אַ סעגרעגאַציע. מען האָט פאַרשריבן פון די אַרבעטס־פעאיקע, און די איבעריקע דערווייל איבערגעלאָזט.

פון 9000 מאַן איז אַוועקגעגאַנגען צו דער אַרבעט אַ טראַנספּאָרט פון 700 מאַן.

נאָך צוויי טעג איז ווידער געקומען דער לאַגער־דאָקטאָר פישער און ווידער אַדורכגעפירט אַ סעלעקציע, ס'זענען אויסגעקליבן געוואָרן 3000 מאַן, וועלכע זענען, ווי מיר זענען שפּעטער געוואָר געוואָרן, געפירט געוואָרן צו פאַרגאַזן. אויף דער קוואַראַנטין זענען מיר געוואָר געוואָרן וועגן די גאַז־קאַמערן און די קרעמאַטאָריומס.

מיר האָבן אויך געזען בייטאָג און ביינאַכט דעם שטאַרקן רויך פון די קוימענס און געפילט דעם ריח פון די ברענענדיקע ביינער און האָר.

נאָך דער פערטער וואָך קוואַראַנטין איז מען געגאַנגען צו דער אַנטלויזונג. אַדורכגייענדיק צווישן אַ מענער־לאַגער און פרויען־לאַגער האָט מען געזען דורך די שטעכל דראָט, בערך 10 טויזנט פרויען שטיין אויפן אַפּעל־פּלאַץ קאָמפּלעט נאַקעט. דער הויפּט־דאָקטאָר, און דער לאַגער־פירער פירן אַדורך אַ סעלעקציע; און אין אָוונט האָט מען געזען ווי מען פירט בערך 4 טויזנט פרויען אין די העמדער, די געשרייען זענען געווען שרעקלעך.

זייענדיק אַ לאַנגע צייט אין דער קוואַראַנטין האָב איך אָנגעהויבן אַרויסצוגיין אויפן צווייטן פעלד און — אויף אַרבעט. גייענדיק יעדן טאָג אַדורך דעם קרעמאַטאָריום און באַגעגנדיק מיט באַקאַנטע, האָב איך מיך דערוווּסט וועגן אומגלויבליכע זאַכן: ס'עקזיסטירט אַ זאָנדערקאָמאַנדע, וועלכע באַשטייט נאָר פון יידן, און נאָר זיי זענען באַשעפטיקט ביים קרעמאַטאָריום צו פאַרגאַזן און פאַרברענען

די זאָנדער־קאָמאַנדע איז געווען אין גאַנצן איזאָלירט פון אַנדערע קאָמאַנדעס און ספּעציעל געהיטן דורך די ס. ס. לייט. יעדע זאָנדער־קאָמאַנדע איז נאָך 3־4 וואָכן געוואָרן פאַרגאַזט און פאַרברענט און אויף זייער אָרט זענען געקומען אַנדערע. כדי די מענטשן זאָלן זיך פאַרהאַלטן רואיק ביים אַריינגיין אין די גאַז־קאַמערן, זענען אין די פאָרצימערן געווען איינגעאָרדנט באָד־איינריכטונגען (טושן). דאָרט האָט מען געהייסן אויסטון. די באָד־אַנשטאַלטן זענען געווען באַזונדער פאַר מענער, און באַזונדער פאַר פרויען. פון דאָרט האָבן געפירט טרעפּן אַראָפּ צו טונקעלע קעלערן — דאָס זענען געווען די גאַז־קאַמערן. אין די קאַמערן האָבן זיך שוין געטראָפן די מענער און די פרויען צוזאַמען. ווען די קאַמערן זענען שוין געווען פול, האָט מען דורך אַ קליינע עפענונג פון דאַך אַריינגעשיט אַ פולווער — דאָס איז געווען דער גאַז. נאָך צען מינוט האָבן די דערוואַקסענע שוין נישט געלעבט, דאַקעגן ביי די קינדער האָט דער פּראָצעס געדויערט אַ ביסל לענגער.

די פּרטים האָב איך זיך דערוווּסט פון איינעם פון דער זאָנדער־קאָמאַנדע, וועלכע האָבן זיך, טראָץ דער איזאָלאַציע, מיט אונדז געטראָפן.

פון צייט צו צייט זענען פאָרגעקומען סעלעקציעס אויפן „שטאַמלאַגער" (פון ווו מען האָט געפירט אויף אַרבעט). קראַנקע און מענטשן מיט פיבער האָט מען געשיקט אין קראַנקענבוי (שפּיטאָל) צו היילן. אָבער אין דער צווישן צייט, האָט מען זיי מיטגענומען צו אַ סעלעקציע אין די גרופּע וואָס איז געגאַנגען אין גאַז־קאַמער. כדי צו נאַרן די מענטשן וואָס גייען אין גאַז־קאַמער האָט דער דאָקטאָר פישער געהייסן געבן מאַנטלען, זיי זאָלן זיך נישט פאַרקילן...


דעם טריק האָט שוין יעדער פאַרשטאַנען. איך בין אַ סך מאָל געווען עדות בעת ס׳האָבן זיך געזעגנט טאַטעס מיט זין. דאָקטאָר ליבערמאַן, דירעקטאָר פון סאָסנאָווצער שפּיטאָל, האָט זיך געזעגנט מיט זיין פאָטער. אויך מיאַדאָווניק פון דאָמבראָווע גורניטשאַ האָט זיך געזעגנט מיט זיינע צוויי זין. נאָך 3־4 חדשים האָב איך שוין געמוזט זוכן עפּעס אַ באַקאַנטן פון אונדזער שטאָט דאָמבראָווע־גורניטשאַ.

מיר פּערזענלעך איז געלונגען צו ראַטעווען זיך, ווייל ס׳איז געקומען דער געסטאַפּאָ־קאָמיסאַר פּעקערט און פאַראָרדנט אָנצוהייבן בוי־אַרבעטן אין לאַגער, צו וועלכער איך בין געוואָרן באַשעפטיקט.

אין אוישוויץ בין איך געווען אַ יאָר צייט מיט דריי חדשים. ד. ה. פון 1, אוגוסט 1943 ביז 9, נאָוועמבער 1944. ס׳זענען דעמאָלט אָנגעקומען קיין אוישוויץ גרויסע טראַנספּאָרטן יידן פון אונגאַרן. פון זיי זענען אויסגעקליבן 35% אַרבעטספעאיקע, און די איבעריקע זענען געוואָרן פאַרגאַזט. אַזוי ווי ס׳איז נישט באַוויזן געוואָרן אַלע צו פאַרברענען אין די אויוונס, האָט מען זיי פאַרברענט אויף דריי שויטערהויפנס אין וואַלד. דאָס פייער האָט מען נאָך געזען אויף אַ מרחק פון 60 קילאָמעטער פון וואַלד. דאַביי האָט דער הויפּט־שטורמפירער די קליינע קינדער געכאַפּט ביי די האָר און מיטן רעוואָלווער דערשאָסן.

אין דער צייט בין איך געווען אין ציגיינער־לאַגער וואָס איז צום נאָענסטן געווען צום קרעמאַטאָריום, און אַליין געזען ווי מען האָט געברענט די אונגאַרישע יידן אינטערן פרייען הימל.

אין נאָוועמבער 1944 בין איך פון אוישוויץ אַרויסגעשיקט געוואָרן קיין גינטערגרובי. דאָס איז געווען אַ לאַגער אין לענדזשען, נאָענט פון אוישוויץ. דאָס איז געווען אַן אַרבעטס־לאַגער, ווו מיר האָבן באַקומען בעסער עסן און וועש. מען האָט געשמועסט, אַז דאָס פאַרגאַזן איז אָפּגעשטעלט געוואָרן. אין דעם לאַגער בין איך געווען ביז דעם 18, יאַנואַר 1945. מען האָט אָנגעהויבן עוואַקואירן קיין דייטשלאַנד, נאָענט פון דער טשעכישער גרענעץ. מען האָט געיאָגט אָן עסן און אָן אָפּרו ביי אַ פראָסט פון 25 גראַד. יעדן טאָג איז מען געלאָפן 40־45 קילאָמעטער. די



אין קרעמאַטאָריום אין אוישוויץ

במשרפה של אושביץ

ישראל רוזן היה עד בשריפת כמה יהודי דומברובה גור.

וועלכע האָבן נישט באַוויזן נאָכצויאָגן דעם טראַנס־פּאָרט, זענען דערשאָסן געוואָרן. ביים אַרויסגיין אין עוואַקואַציע־מאַרש זענען מיר געווען 1200 מאַן, און ביים אָנקומען קיין לאַנדעסהוט זענען נאָר געבליבן 650 מאַן. אַזוי ווי ס׳איז נישט געווען קיין אָרט צו נעכטיקן, האָט מען אונדז אַריינגעשטופּט אין אַ גרובן.



„זונדר־קומנדו" לשריפת בני אדם
די „זאָנדער־קאָמאַנדאָ" שלעפּן די קרבנות
צום פאַרברענען

זייענדיק דאָרט אַ שעה צייט איז געוואָרן זייער דעמ־פּיג. מיר האָבן זיך געוואָלט פון דאָרט אַרויסבאַקומען, אָבער מען האָט אונדז דערפאַר געשלאָגן מיט שטע־קענעס. די ס. ס. לייט האָבן געדראָט שיסן יעדן וואָס וועט זיך דערנענטערן צום אַרויסגאַנג. צוליב דער גרויסער געפאַר פון אומקום, האָבן מיר זיך אַדורגעריסן די קייט פון די ס. ס. מענער, די שטאַרקערע האָבן, טרעטנדיק איבער טויטע, זיך דערשלאָגן צו אַביסל לופט.

ס׳זענען דעמאָלט אומגעקומען 69 פּערזאָן, און איבער 300 זענען געווען פאַרחלשט. מיר האָבן געוואָלט ראַטעווען די אומגליקלעכע, צווישן אונדז זענען אויך געווען דאָקטוירים. פון די לעבנגעבליבענע זענען אין די קומענדיקע טעג געשטאָרבן 150 פּערזאָן.

דערנאָך האָט מען ווייטער געטריבן. ביז דעם 8 מאַי 1945, ביז מען איז אָנגעקומען אין די סודעטן אין שטעטל ראַספינאַן. דאָ זענען אָנגעקומען קוים 100 פּערזאָן און אויך 120 פון גונטערגרובע, ווייל דער רוב איז אויפן וועג דערשאָסן געוואָרן.

צווישן די טויטע האָט זיך געפונען ד״ר קאָוואַטש פון סלאָוואַקיי. ער איז געווען דאָקטאָר אין אוישוויץ און פיל געראַטעוועט פון די סעלעקציעס. ער איז אין שטיינערגרוב צעטרעטן געוואָרן.

דעם 9 מאַי, 4.30 אין דער פרי, זענען מיר געוועקט געוואָרן און אַן ס. ס. מאַן האָט גערופן, זיך צו גרייטן צום מאַרש. מיר זענען אַרויס, זייענדיק זיכער, אַז מען וועט ווייטער טרייבן. מען האָט אָבער באַמערקט אַז צווישן די ס. ס. לייט איז אַ צעטומלונג. די מענטשן פון דער זייט האָבן זיך אָנגעהויבן דערווייטערן. דאָך איז די ס. ס. לייט געלונגען 10 פּערזאָן צו דערשיסן. דער רעשט איז אַנטלאָפן און אַזוי בין איך געוואָרן געראַטעוועט.

(באַקומען פון „יד־ושם", ירושלים)

משה שטילמאַן

גערעטעוועטע פון חורבן דערציילן

אין יאָר 1939, זייענדיק אַ יונגל פון 15 יאָר האָב איך שוין געפילט דעם שטאַרקן אַנטיסעמיטיזם. אַ חודש פאַרן אויסברוך פון צווייטן וועלט־קריג האָט מען צוגעגרייט מקלטים. אויך מיר האָבן אויסגעראָמט אַ קעלער, בכדי זיך צו האָבן וווּ צו באַהאַלטן. מיר האָבן דעמאָלס געוווינט ביי שטאַרכיינען אין הויז אויף דער סאָביעסקיעגאַ גאַס 15 אַ טייל פון דעם הויז איז געוואָרן פאַרקויפט צו דעם גוי יוזעף פלור־כעוויטש. ער איז געווען אַ באַקאַנטער ענדעקעשער אָנפירער פון די פוילישע סוחרים־פאַראיין, ער האָט דאָס טאַקע אָרגאַניזירט די „בויקאָטן" אויף יידן און גערופן די קריסטן נישט צו קויפן ביי יידן.

אפשר וואָלט קיינעם נישט איינגעפאַלן, אַז די שנאה צו די יידן און די גאַנצע פּראָפּאַגאַנדע וועט אַזוי ווייט דערגרייכן, אַז מ׳וועט נעמען נקמה אין אַ קליין הילפלאָז יינגל. ווי כ׳האָב דערמאָנט האָבן מיר אויס־געריינִיקט אַ קעלער און מ׳האָט אים געבּרויכט אויף אויסקאַלכן, אַלע יינגלעך פון דעם הויז האָבן געמאַכט די גאַנצע אַרבעט. ווען עס איז געקומען מיין רייע צו קאַלכן איז פּלוצים געקומען צו לויפן אין קעלער אַריין די 13־יעריקע טאָכטער פון דעם בעל־הבית פון הויז, בכדי זיך צוצוקיקן ווי מיר אַרבעטן און אויך אָפּשפּעטן אַ ביסל אונדז. די ברייטע באַרשט, וואָס כ׳האָב געהאַלטן אין האַנט און געקאַלכט, האָט אַ ביסל באַשפּריצט מיט קאַלך דאָס מיידל. זי איז שנעל אַ היים געלאָפן זיך פאַרקלאָגן. איר טאַטע, דער סאַדיסט, איז קאַלט־בלוטיק אַראָפּ אין קעלער מיט אַ בייטש, און פאַרמאַכט הינטער זיך די טיר, כ׳זאָל נישט קענען אַנטלויפן, און אָנגעהויבן מיך מערדערלעך שלאָגן מיט דער בייטש. מיינע קולות פון ווייטיק זענען געווען שרעקליכע, אָבער אים האָט דאָס גאָר־נישט געאַרט. צו מיין גליק האָט ווער די טיר געעפנט און מיר איז געלונגען צו אַנטלויפן. איך בין ווי אַ צע־מישטער געלאָפן צו דער פּאָליציי זיך באַקלאָגן. זיי האָבן געזען אַזאַ צעשלאָגן יונג־קינד מיט אַזעלכע שרעקליכע סמנים אויפן קערפּער, האָט איין אָפיציר זיך אָוועקגעזעצט ביי דער שרייב־מאַשין שרייבן אַ ראַפּאָרט, מיך געפרעגט מיין נאָמען, אַדרעס א. אַ. וו.

און דאַן פרעגט ער מיך: „און ווי הייסט דער מאַן, וועלכער האָט דיך אַזוי געשלאָגן?". ווען איך האָב געזאָגט יוזעף פאַלוכאָוויטש, איז דער אָפיציר געבליבן ווי געליימט, און מיר געהייסן אַ היים גיין, זאָגנדיק, אַז ער וועט שוין דעם בעל־הבית אונדזערן צו זיך רופן.

אַזוי אַהיימקומענדיק האָט מיך דערזען מיין שוועס־טער לאָלאַ, זי איז דעמאָלס אַלט געווען 19 יאָר. קו־קענדיק אויף מיין אויסזען נאָך די קלעפּ, איז זי שנעל אַריינגעלאָפן צום בעל־הבית זיך באַקלאָגן. דערויף ער האָט אַרויסגענומען אַ רעוואָלווער און געזאָגט: „שווייג! — ווען נישט וועל איך דיך שיסן ווי אַ הונט!"

אין אַ צייט אַרום האָט מען אונדז געשיקט אין געטאָ ווי אויך אין די לאַגערן. דער בעל־הבית איז געוואָרן אַ „פאָלקסדויטש". נאָכן קריג האָב איך זיך דערוווּסט אַז ער האָט זיך גיט געלעבט ביז צו זיין סוף.

מען האָט מיך געשיקט קיין גלייוויץ 2 אין לאַגער אַריין, דאָס איז געווען אין יאָר 1943. ס׳זענען דאָרט געווען מענטשן פון זאַגלעמביער געגנט, ביי דער פּראָדוקציע פון סאַדזעס און אין אַנדערע פאַבריקן. מען האָט פון דעם אויסגעאַרבעט סינטעטישע גומע. אין יאָר 1945 האָט מען אונדזער לאַגער עוואַקויִרט. קודם כל האָט מען 2 טעג מאַרשירט דורך אומבאַקאַנטע וועגן, דערנאָך האָט מען אונדז אַריינגעפּאַקט אין אָפענע וואַגאָנען. מיר זענען געווען איניינינק זייער צוזאַמענגעדריקט, כדי צו מאַכן פּלאַץ פאַר דעם קאַפּאָ דעם פריזיער, שניידער, שוסטער און לאַגער־דינסט.

צווישן אונדז איז געווען דער שווער־קראַנקער חבר העניעק מאַנהיימער פון בענדין. כדי מ׳זאָל אים נישט צעדריקן, האָבן מיר אַלע חברים געשאַפן אַ צוים אַרום אים. (ער איז געלעגן אויפן באָדן). די פּריווילעגירטע חברה האָט דעם גאַנצן עולם אַראָפּ געשטיפּט מיט כח. מיר האָבן די גאַנצע מאַסע גע־שטופּט צוריק, אַזוי אַז אַלע פון דערמיט האָבן זיך געוויגט די גאַנצע צייט. מיר האָבן נישט באַקומען

קיין עסן, טרינקען און אויך נישט געקענט שלאָפן. מענטשן זענען ממש משוגע געוואָרן פון מידקייט, איינער האָט דעם אַנדערן געשטיקט. דער פריזיער האָט פון גרויס אויפרעגונג אַדורכגעשניטן אַ צווייטן דעם האַלדז. די טויטע האָט מען אַרויסגעוואָרפן פון די וואַגאָנען.

איך האָב דעמאָלט באַשלאָסן צו אָרגאַניזירן אַ גרופּע פון 10 בחורים צו אויסצוקלערן אַ פּלאַן ווי אַזוי צו אַנטלויפן, די וואַגאָנען זענען געווען אָפענע און מען האָט געקענט אַרויסשפּרינגען. אַבסערווירנדיק דעם וועג ווען דער צוג האָט געוועקסלט, און פון ביידע זייטן באַן־ליניע איז געווען דער באָדן העכער און באַדעקט מיט טיפן שניי, האָב איך באַשלאָסן



קבר אחים אַברידער־קבר

אַרויסשפּרינגען דער ערשטער. דער צוג איז געפלויגן שנעל, אַזוי אַז צוליב דער צייט, האָט דערנאָך איינער דעם צווייטן נישט געטראָפן אין פעלד.

געוווינט צו זיצן אונטער דראָטן און שלעפן זיך פון איין לאַגער צום אַנדערן הונגעריק און דורשטיק, און דאָ פּלוצים — די גאַנצע וועלט פריי! איך האָב געקענט טרינקן דעם שניי, וויפיל איך וויל! אָבער די גליקלעכע פרייהייט פרייד האָט אַ פּאָר מינוט נאָר געדויערט. איך האָב געמוזט שנעל טראַכטן וואָס טוט מען ווייטער. איך האָב זיך געוואָלט באַהאַלטן אין אַ וואַלד דערנעבן, אָבער מורא געהאַט צו טרעפן דייטשן, דאָס איז געווען אין די סודעטן (סלאָוואַקיע) איך האָב באַשלאָסן צו גיין אין שטאָט אַריין. די באַן־ליניע איז געווען באַזעצט און באַלאַגערט מיט סלאָוואַקישע „פאָלקס־דויטשן”. פּלוצים האָט אַ הונט גענומען אויף מיר בילן, איך האָב פאַרשנעלערט די טריט און געהערט אַז מען שרייט צו מיר. איך האָב אָבער נישט געלייגט קיין אַכט, ווייל כ׳האָב שוין סיי ווי נישט געהאַט וואָס צו פאַרלירן. ס׳איז געווען אָונט און איך בין שנעל געגאַנגען ווייטער ביז עס איז שטיל געוואָרן. איך בין אַריבער דעם „שלאַבאַן” און געזען אין שטאָט אַ קליין הייזל, אין וועלכן ס׳איז נאָך געווען ליכט, איך בין צוגעגאַנגען צו דער טיר און אָנגעקלאַפּט און געהערט ווי מען פרעגט אויף דייטש, ווער ס איז און האָב געענטפערט אַז אַ וואַנדערער בעט וואַסער. איך האָב געוואַרט. דערווייל האָט זיך געעפנט אַ טיר פון אַן אַנדערער זייט און אַ יונגער שייגעץ איז פאַר מיר שטיין געבליבן מיט אַ ביקס. ער האָט אויסגעשאָסן אין דער לופט. דערנאָך האָט זיך געעפנט די טיר. און ס׳זענען פאַר מיר דערשינען אַן עלטערער מאַן, אַ פרוי און אַ יונג מיידל, און דער מיט דער ביקס. דער עלטערער מאַן האָט צוגענומען די ביקס, און מיך אונטערזיכט, צו איך האָב נישט קיין געווער. דאָס מיידל האָט מיט רחמנות מיך אַבסערווירט, זי האָט מיר געברענגט אַ שנאַפּס אין אַ שטיקל קיכן, איך בין געווען גליקלעך! דערוואַרמט זיך מיט דעם בראָנפן און אַ הונגעריקער געכאַפּט עסן דעם קוכן. מען פרעגט מיך אויב כ׳בין אַ ייד. איך זאָג אַז „ניין”. זיי גלויבן מיר נישט און זאָגן אַז כ׳בין פון יידן־טראַנספּאָרט אַנטלאָפן. און אַז צוליב יידן איז דער קריג. דאָך הייסן זיי מיך שנעל ווייטער גיין. און אַז זיין זון מוז דעריבער זיין אין סטאַלינגראַדער פראָנט און דער אַלטער איז מיט דער ביקס מיר נאָכגעגאַנגען. ער האָט דערקלערט אַז ער מוז מיך ברענגען צום קאָמענדאַנט.

גייענדיק אַזוי מיט אים האָב איך געקוקט אויף דעם אַלטן מענטש, וועלכער האָט קוים וואָס די ביקס אין זיינע הענט געקענט דערהאַלטן, איך האָב אים די ביקס אַרויסגעריסן פון די הענט און געזאָגט „זעסט איך וואָלט דיך געקענט יעצט דערשיסן און גיין ווייטער, אָבער איך וועל דאָס נישט טאָן, ווייל כ׳בין נישט קיין מערדער, פאַרוואָס ווילסטו מיך איבערגעבן אין די הענט פון דער פּאָליציי? איך האָב גערעדט צו זיין געוויסן: „שטעל דיך פאָר ווען דיין זון אַנטלויפט פון סטאַלינגראַד, בכדי אַהיים צו קומען צו זיינע קרובים און משפחה און ער טרעפט אויף אַזאַ מענטש ווי דו, וועלכער וויל אים איבערגעבן אין

די הענט פון דער פאַליציי. דאַן האָב איך אים צוריקגעגעבן די ביקס, ער האָט זיך גענומען פאַר־ענטפערן, אָבער לײדער ווי כ׳האָב באַמערקט זענען מיר שוין געווען 50 מעטער פאַר דער פאַליציי סטאַציע. ווען מ׳האָט מיך אַרײנגעפירט אינווייניק, האָב איך זיך געטראָפן מיט אַלע בחורים, וועלכע זענען נאָך מיר פון צוג אַרויסגעשפּרונגען. אונדזער פרייד איז געווען גרויס. די נאַכט דאָרט איז געווען אַ שרעקליכע! זיי האָבן געדראָט אונדז אויסצושיסן; און די געשרייען און געוואַלדן האָבן אינדז צעבראָכן, די דייטשן האָבן געשריגן, אַז קיינער פון אונדז וועט נישט בלייבן לעבן, ערשט אַרום 11 אַ זייגער אין דערנאַכט ווען די קאָמענדאַנטן זענען זיך צעגאַנגען; אַ היים אין ס׳איז געבליבן איינער פון זיי אונדז צו היטן, איז געוואָרן אַ ביסל שטילער און אַלע זענען מיר איינגעשלאָפן פון גרויס מידקייט. נאָך 3 שעה האָט מען אונדז אויפגעוועקט, ווייל עס איז געקומען אַ באַפעל מ׳זאָל אונדז צוקאָפּטירן צו דעם טראַנס־פּאָרט קיין אוישוויץ, וועלכער וועט אין אַ שעה אַרום אָנקימען אין די באַן־סטאַציע. מיט דעם טראַנספּאָרט האָט מען אונדז פאַרפירט קיין מאטהאוזן ווי ס׳האָבן זיך אָנגעהויבן די ריכטיקע צרות און ליידן. וואָס איז שוין אַלע באַקאַנט.

איך בין פריי געוואָרן דורך די אַמעריקאַנער אין דער שטאָט גוסן. פון מיין גאַנצער משפחה בין איך איינער אַליין געבליבן לעבן.

יעצט געפין איך מיך אין פראַנקפורט מיט מיין פרוי און טאָכטער און פון צייט צו צייט באַזוך איך מיינע קרובים און שטעטישע אין ישראל.



חרדת יהודי העיר עם פלוש הנאצים לתוכה
דער פחד פאַרן מאָרגן אין אָנפאַנג פון דער נאַצי־אָקופּאַציע אין דאָמבראָווע

דומברובה היהודית אחר השואה

יידיש דאמבראווע נאכן חורבן

סטאַניסלאַוו וויגאָדזקי

אין דאָמבראָווע נאָכן קריג

נאָכן קריג האָב איך באַזוכט דאָמבראָווע אייניקע מאָל אָן שום פאַרבינדונג מיט אַ ספּעציעלן באַזוך ביי ווֶעמעןֹ, איך האָב פּשוט געוואָלט כאַפּן אַ בליק איבער די שטאָט וואָס איך געדענק נאָך פון די קינדעריאָרן. איך האָב דאָ געהאַט אַ גאַנצע פאַמיליע, וועלכע איך פלעג באַזוכן. דאָ בין איך אויך געווען אַ קורצע צייט אַ לערער. אין האָב געהאַט פריינט און חברים אין דער שטאָט, און אויפן וועג קיין דאָמבראָווע, אין קאַשעלעוו־קסאַווער. איך האָב זיי נישט געזוכט, זיי לעבן נישט. און אויב יאָ, מן־הסתם זייער ווייט. דאָ זענען געווען מיינע באַקאַנטע און נאָענטע, וועלכע זענען אומגעקומען אין אוישוויץ, אָדער אין נאָמען פון דער גערעכטיקייט, וואָס האָט געדאַרפט דינען די שווער אַרבעטנדיקע מענטשן. פּאָליציאַנטן האָבן די פאַרמשפּטע געמישפּט, זיי האָבן די אורטיילן ערגעץ ווו פאַרעפנטלעכט אָן שום דערקלערונגען, אָן שופטים און אָן אַפּעלאַציעס. אָט די מענטשן זענען שוין נישט געווען, אייניקע זענען דערמאָרדעט געוואָרן אין 1937 און אַנדערע אין 1939, און נאָך אַנדערע אין דער צייט פון דער אָקופּאַציע נאָך דעם 1945־טן יאָר.

עס זענען שוין נישט געווען אין דאָמבראָווע נאָכן קריג די קליינע יידישע געווֶעלבעלעך, די קראַמען, די האַנטווערקער וואַרשטאַטן, ווו יונגע און אַלטע זענען געזעסן אין געהאָרעוועט טאָג און נאַכט, בכדי אַרויסצוגעבן אַ שטיקל אַרבעט. עס זענען פאַרשוווּנדן געוואָרן די בעקערס, היטלמאַכערס, שניידערס, שוסטערס סטאָלערס, בלאַכאַרזשעס; ס׳זענען פאַרשוווּנדן געוואָרן די דאָקטוירים, אַדוואָקאַטן, דענטיסטן, לערערס און זייערע שילערס. די רבנים זענען פאַרשוווּנדן און אויך זייערע אָנהענגער, ס׳זענען פאַרשוווּנדן די פאַרדאַגהטע מאַמעס, און אויך די זיכערע ביי זיך — די בעלי־עגלות און טרעגערס.

איך האָב אַריינגעקוקט אין די הויפן פון די נידריקע הייזקעס. איך האָב שנעל אויסגעמיטן הייזער, וועלכע האָבן געהאַט עפּעס אַ שייכות מיט מיינע דעראינערונגען און אין ערגעץ איז קיינער נישט דאָ, קיינער נישט...

עס האָט זיך אויך געענדערט דאָס אויסזען פון דער שטאָט, זי האָט זיך צעוואַקסן מער אין דער ריכטונג פון רעדען, ס׳זענען אויסגעוואַקסן הויכע הייזער, די פּלעצער האָבן זיך פאַרברייטערט, די פעלדלעך נאָך קאַשעלעוו און קסאַווער עקזיסטירן נישט מער, אויף זייער אָרט: בעטאָן און אַספאַלט.



עירית דומברובה־גור
דער דאָמבראָווער שטאָט־ראַט נאָכן קריג

עס איז נישטאָ מער קיין וואַלד אויף די זשעלאַנעס, און דאָס קליינע טייכל פשעמשע מיטן ברעג האָט זיך, נעבעך, יעצט פאַרוואַנדלט אין אַ קליין רינשטאַקל.

די גורניטשע שול, וועלכע האָט אַמאָל אויסגעזען זייער גרויס און הויך, איז יעצט איינגעשרומפּן און קליין געוואָרן. די שיינע געביידע „רעסורסאַ" איז יעצט אַ קליין הייזל. נישט ווייט פון דעם מאַרקפּלאַץ, נישט ווייט פון דער באַן־סטאַציע, האָט מען אויסגעבויט אַ גרויסן קולטור־פּאַלאַץ, וועלכער זעט יעצט אויס פרעמד און מיאוס מיט זיין ספּעציעלע און קאָמישע אַרכיטעקטור.

דאָמבראָווע איז קיינמאָל נישט געווען קיין ספּעציעל שיינע שטאָט, אָבער יעצט נאָכן קריג, ווען איך האָב זי געזען, האָט זי געמאַכט דעם איינדרוק פון

אַ ריינע, איינגעאָרדנטע און אויסברוקירטע שטאָט. איך מיין, אַז דאָס איז אַ דאַנק דעם איינפלוס פון אַלעקסאַנדער זאַוואַדזקי — אַ קוילן־גרעבער פון קסאַוועו, וועלכער איז געווען דער שלאַנסקי־דאָמב־ראָווער וואַיעוואַדע. ער איז שפּעטער געווען דער פאָרזיצער פון דעם מלוכה־ראָט. זיין ספּעציעלער איינפלוס האָט משפּיע געווען איינפירן אַ סדר אין שטאָט.

איך בין נישט געווען אויפן יידישן בית־הקברות, ווייל אַלע מיינע נאָענטע זענען אומגעקומען אין אוישוויץ, דעריבער קאָן איך גאָרנישט זאָגן ווי דאָרט זעט אויס, אָבער איך גלויב אַז די דייטשן האָבן זייערס אָפּגעטאָן, און שפּעטער האָבן נאָך אַנדערע צוגעלייגט זייערע הענט צום דערגענצן די פאַרניכ־טונג.

נאָך מיין קומען אין ישראל האָבן מיך דאָרטיקע לאַנדסלייט געפרעגט וועגן פאַרשידענע איינצלהייטן, אָבער איך האָב גאָרנישט געקאָנט ענטפערן, זיי האָבן געבעטן, געפּרוּווט מיר דערמאָנען פּערזענלעכ־קייטן און נעמען, אָבער לײדער האָב איך גאָרנישט געדענקט. זיי קאָנען מיר, מן הסתם, גאָרנישט מוחל זיין דאָס נישט געדענקען, אָבער דאָס איז נישט געווען פּרעמדקייט, דאָס איז געווען דאָס צוקאָפּטירן די שטאָט צו דעם שטח פון טויט און ליידן, ווי אַלע אַנדערע שטעט, דערפאַר און פלעצער, וווּ יידן זענען געווען און געלעבט, און זענען מער נישטאָ.

לאה זאַקס

דאָמבראָווע אָן יידן


עס דערנענטערט זיך אַ יאָר צייט זינט איך האָב פאַרלאָזט פוילן און בין אָנגעקומען אין מיין זוניקן לאַנד, דערוואָרגן דורך בלוטיקע קאַמפן פון מיינע ברודער און שוועסטער; אין לאַנד וואָס האָט אָנטציקט מיינע פול מיט טרערן אויגן און דערמידעט האַרץ.

איך האָב געוואָלט שרייען פון פרייד זעענדיק וואָס עס איז אַרום מיר, אָבער פון גרויס איבעראַשונג האָט עפּעס געשטיקט אין מיין האַלדז, און נאָר טרערן זענען געפלאָסן פון מיינע אויגן — טרערן פון טיפן גליק! דאָס איז דאָך מיין לאַנד, דאָס פאָטערלאַנד, פון מיינע אבות אבותינו, און אויך פון דעם נייעם דור. דאָמבראָווע, איך וויל וועגן דיר שרייבן! דאָס קליינע שטעטל, אין וועלכן פאַר דעם וועלטקריג האָט געקלאַפּט אַ האַרץ, ס׳האָט געלעבט א נשמה, אָבער היינט?... אוי, ביטערער גורל! נישט איצט איז די צייט פון דערמאָנען — קיינער קאָן אנדז די דערינערונגען סיי ווי נישט פאַרמעקן...

דאָמבראָווע אָן יידן — דריי גורלדיקע ווערטער. אַ, דאָמבראָווע, ווי טייער ביסטו מיר געווען ביז דעם יאָר 1939! איך הער נאָך דעם רויש פון די דאָמבראָווער סאָסנאָווע און בוקיווע בוימער אויף די „זשיטאָנעס", — דאָס געזאַנג פון לעבן; ליב זענען מיר געווען דיינע גרויסע און קליינע הייזער, דיינע רוישיקע גאַסן און שטילע אונטער־געסלעך; געהערט די מוטער־שפּראַך פון דורכגייענדע איינוווינער, און איך האָב דיך פאַרשטאַנען! ווי נאָענט דו ביזט מיר געווען מיין אַלט פרעמדע, אָבער נאָענטע דאָמבראָווע. איך האָב געזוכט דעראינערונגען מיט יאָרן צוריק. איך האָב נאָכן חורבן געזוכט באַקאַנטע פּנימער, איך האָב געזוכט אָרימע, רייכע, אַלטע, יוגנט, קינדער, געזוכט „אונדזערע", אָבער — און אפשר וועל איך געפינען אין שול — האָט אַ בליץ געטאָן אַ געדאַנק אין מיין מידן מוח; אפשר וועל איך דאָרט כאָטש אַ טייל געפונען, לויבנדיקע דעם אַלמעכטיקן, אַז ער האָט זיי געשענקט דאָס לעבן. אָבער די שול איז פאַרמאַכט...

און אפשר וועל איך הערן פון זייערע קברים, עפּעס אַ שאָרך פון די טריטע, וועלכע זענען אַוועק פון גאָס אליין געראָפן, און נישט געפיניקט אין די קרעמאַטאָריעס, אויף די קברים, ווו סהאָבן געוואַקסן בלומען און ליכט געברענט אין די יאָרצייט־טעג און מ׳האָט קדיש געזאָגט פאַר זייערע נשמות... און אפשר?

אונטער די שטאָט, נעבן די הראַנימסקי גאַס, איז



די אַמאָליקע שאָפּן־גאַס אָן יידן — רח׳ שופן בלי יהודים

געווען דאָס בית־הקברות, און היינט נאָר זכרונות דערפון; די מצבות צעהאַקט און אויף דעם גראָז פאַשען זיך קאָזעס, פון שכנישע, הייזער, טרעטנדיק אויף קברים. איך בין אַנטלאָפן פון דאָרט מיט אַ גרויס געוויין און ווייטיק אין האַרץ.

דאָמבראָווע אָן יידן! שיין ביסטו איצט דאָמבראָווע אין דיינע נייע קליידער, שיין זענען דיינע שולן, אָבער מיינע אויגן זוכן די אַלטע הייזער, אין וועלכע ס׳איז געווען גליק!...

עס איז געווען אין דאָמבראָווע אַ ייד מיטן נאָמען „בערעק", אַן אָרימער אַפּגעריסענער, געוואַנדערט פון גאַס צו גאַס, זיין היים איז געווען נאָר די גאַס אַן אומגליקלעכעד פאַרטאַמטער, אָבער אַ גליקלעכער.

איר געדענקט אים זיכער. ווען איר וועט דערמאָנען אונדזערע קדושים, דערמאָנט אויך דעם אומגליקלעכן „בערעק".

(פון פויליש: רבקה ברקאי)

לידער וועגן קאַצעט

פעלאַ שעפּס הי״ד

ט ר אַ כ ט נ ד י ק...

1. אין דערנידערונג פון קעלט ,הונגער,
שקלאַפן אַרבעט —

אָפּגערינען אין געשריי
זיינען יאָרן דריי.
2. צייטנווייז...
אין שטילע פינצטערע נעכט — קאַלט
עס ציט צום טייערן געשטאַלט.
זכרונות ? ווער ?...
עס פאַלט אַ טרער.
3. קאָשמאַרן, חלומות
כ׳זינק אין די תהומות
ליפּן לעפצן

ווייען קרעכצן,
און אָט אַ ווולקאַן־געשריי!
מאַמע! מאַמע! מאַ... געטריי!

אָקטאָבער 1944

✶

1. און פאַרוואָס דערמאָן איך דיך אָפּט אַזוי היינט,
פאַרוואָס?
היינט פאַרטרייב איך אַלע קאָשמאַרן
און בלייב נאָר מיט דיר אַליין.
2. און פאַרוואָס דערשיינסטו אָפּגעלאָזן אַזוי פאַר מיר?
און פאַרוואָס דערשיינסטו ווי אַ גייסט,
וואָס פאַרשווינדעט גלייך אָן טרייסט?
3. אין אַ האַרבסטיקע פאַרכמאַרעטע נאַכט
געזעגנט מיר האָבן זיך פאַרטראַכט
און פאַרגעס נישט אונדזער ביידנס בריק:
דעם קאָפּ הויך — מיר קערן זיך צוריק!
4. פון דאַן שוין טויזנטער פון בוימער בלעטער
אַראָפּגעפאַלן —
און וויפל בלומען האָבן אין דער צייט געבליט,
און וויפל מאָל האָט די זון געשיינט:
ווו זוכן דיך, מיין פריינט?
5. וועלקט אונדזער לעבן, יוגנט
אין קנעכטשאַפט — אויך די טוגנט —
אַלץ אַרום קלאָגט,
אין מיין האַרץ נאָגט...
6. איבער מיין פּריטשע
די הילצערנע ברעטלעך מיין חופּה...
אין מיין אינער.
בלאָזט אַ ווינטל קאַלט.
און פאַרוואָס, ווינטל, בלאָזטו שוין אין מיר
אַזוי שטאַרק?
— דו ווייסט:
איך וויל טרוימען, בענקען, פילן, ליבן־האַסן,
מקנא זיין —
און גאָרנישט פאַרגעסן!

✶

אַוועק פון מיר, בייזע גייסטער!
אַוועק פון מיר, דו „אָפּגרונט״, דו „גאָרנישט״!
1. איך ליג אויפן גראָז
אין גיהנומדיקן רוים —
שטילקייט איז מיין טרוים.
אַ ווינטל בלאָזט, דער הימל בלוי
די זון טרינקט דעם מאָרגנטוי.
אוי?
נאַרישער אַלטער הימל,
נאַרישע אַלטע זון,
נאַרישער אַלטער ווינט!
2. גאָרנישט פאַר זיי
מענטשלעכער וויי —
אַ מאָרד געשריי:
„שוין אין אַ ריי!״

(יולי 1944)

✶

גלייך

אַ קוועלעכל־שטראָם,
אַ רויש פון אַ ווינטל,
אַ שפּילפויגל טרעלערט
נישט דרייסט אין אַ בלויע דעמערונג.

באַגריסט ער האָט אונדז
מיט אַ וואַרעמע פּאַליע;
דאָס קאַלטע אויפגעוועקטע בלוט
די נשמות אויסגעבענקטע
אָנגערירט:
פרייהייט!
אין חדשים צוויי — אפשר דריי —
פאַרנעמסטו קנעכט דאָס — הערסט:
פרייהייט!
די ליפּן ציטערדיק זיך באַוועגן —
גלאַנציק גלאָזיק די אויגן אויסגעשטרעקטע,
מאַסן: פאַרדאַרט, צעריסן, פאַרשוואַרצטע
געשטאַלטן
פרייען ווי קינדער נאַיווע זיך:
קומט די פרייהייט — ווען?
פאַרוואָס נאָך לאַנג אַזוי?

צי וועלן מיר די פרילינגס־זון דערלעבן?
יאָג און אייל זיך צו!
פאַרגרעסערן זאָלן דיינע טריט זיך —
און שנעל ווי אָדלער פלי
מיט ברייטע לאַנגע פלאַטער פליגלען —
אין די הערצער אויסגעווייטיקט שרייען!
קום באַפריי, אָ פרייהייט!

(דעצעמבער 1944)

*

אַרעסטאַנטן,
היטלעך פון די קעפּ,
שטערנס אין דער הויך —
אויף דער וואַך!
די שעה אויסגעבענקטע אויסגעשלאָגן
האָט —
איינערביים צווייטן, פרייע מענטשן, פרייער
טראָט.
איבער אונדזערע קעפּ,
נאָך נעכטן מיט קינזשאַלן געשלאָגענע,
די פאָן פלאַטערט אין רוים
אויף דעם הויכן שיף־מאַסטבוים.
פון אויבן קוקט די פאָן אַרונטער:
— זענט איר גרייט, זענט איר מונטער?
— מיר זענען גרייט" —
שטורם שטאַרקער ברומען —
מיט דיר אין כח צום ברעג ארץ קומען!

תהלה ליפשיץ

ליום השואה תשכ״ט

אַ׳שרפה איז געווען אין וואַלד
און געטיליגט יונג און אַלט
זיי זענען געפאַלן פאַר מיינע אויגען
די רעשטלעך האָט די זעג צוזעגען
פון נאָהנטע איז נישט געבליבען קיינער
געפלאַקערט צווייגען, וואָרצלען, בוימער,
אַלץ אַרום פאַרברענט אויף קויל
בין איך, אין גאַנצן הויל
אָבגעריסן די רעכטע זייט
מיין ווונד האָט נאָך זיך נישט פאַרהיילט.

זיי שטאַרק מיין קינד דו ביסט דאָס ווערט
שיק דיינע וואָרצלען טיעף אין דער ערד
די צוואה פון פערטיליגטע מיליאָנען
קאָן קיין הויכער צוים נישט צוימען.
אונדזערע זוימען טראָגט דער ווינד
מיר בויען אונדזער היים אַצינד
און ווען קומען וועט די שעה
וועט אַרום וואַלד רוישן דאָ:
דאָ אין זון אין געלען זאַמד
שטייט אויף אונדזער פאַטערלאַנד.

ד״ר י. נאָווער (ניו־יאָרק)

יום־כפור אין קאנצענטראציע־לאגער*

געהיימניספול צונויפגעטוליעט,
ווי אָסקעטן איינזאַמע,
מיט שטערנס טיף צעאַקערט,
אויגן ווילד צעפלאַקערט,
ס׳דוכט — געשפענסטער גרויזאַמע.

זיי רוקן זיך אַלץ נענטער,
איינער, צוויי, אַט שוועבט דער צענטער
און אַלץ מער אָן אַ שיעור.
און האַנט צו האַנט זיי שטרעקן אויס,
די ליפּן לייכט באַוועגן זיך:
קיין וואָרט — קיין ריר.

געהיימניספולע, ווי דמיונות,
פייערן זיי דעם טאָג אין קלויז
יאָר־איין יאָר־אויס,
מיטן בורא האָבן זיי חשבונות.

היינט איז אַנדערש דאָך — ווי תמיד:
היינט ווערט נישט געפייערט — נאָר געטרויערט,
נישט געיום־טוב׳ט — נאָר געיאָמערט
און וואָס הייליק — איז גרויליק!
ס׳פאַלט אַ רעגן, ס׳נעמט שוין טאָגן,
ווילסט גאָט בעטן, ווילסט וואָס זאָגן,
אין אַ תפילה זיך פאַרזינקען,
און אין אויער גרילצט: „טרעב־לינ־קע!״...

ווילסט פאַרטרייבן ברענענדיקע ליידן
הויבסט דיין בליק צום הימל אויף,
נעמסט דו ציטערנדיק רעדן:
„איך בין זינדיק, שענק חטאים,
וואָס געליטן פון רשעים;
שענק עבירות מיינע,
טאַטענ׳ס, מאַמע׳ס קינדער׳ס קליינע...
שענק פאַר אַלץ, וואָס ס׳טראָגט אַריבער
ס׳אויסדערוויילטע פאָלק דיינס — גאָט, דו ליבער.

נאָר פון ווייטנס טייוול־קוימענס ווינקען
און אין אויער גרילצט: „טרעב־לינ־קע!״

איך וויל גלויבן, גרויסער גאָט,
ביזט פול מיט רחמים און גענאָד,
וועסט די זינד אונדז דאָך פאַרגעבן —
נאָר אין אויער קלינגט:
„אַזוי פיל אומשולדיקע לעבענס!״...

דער רעגן אויף די שויבן קלאַפּן הערט נישט אויף,
מיט די תפילה־קלאַנגען גיסט ער זיך צונויף;
ס׳וויינט דער הימל, פעלדער קלאָגן שטום —
ס׳וויינט דער גאַנצער עהרבסט אַרום...
עס שרעקט אין דרויסן, עפּעס יאָמערט,
הערסט אַ שלוכצן פון אַ קינדער־שטים —
דאָס טרייבט דער ווינט דאָס אַש פון די פאַרברענטע
איבער פעלדער דאָרט אין אַשוויענטשים...

טרייבסט פון זיך דאָס נאָגנדיקע מאַרטשן,
קענען דיר וואָס תפילות געבען!
קען דען ווער פון אַש דעם טייערן
אַצינד צוריק אויפלעבן!?״
נאָר פאַרגליווערט בלייבן ווערטער אין דיין קעל,
ס׳נעמט דיר ווערגן מיט אַמאָל...
„אייביק וועסט דו האָבן דיין יום־כפור״ —
הערסט אַ צאַרענדיק צווישן־קול
— היינט איז דיין יום־כפור, און אויך מאָרגן!״ —
הערסט דו פון אַ טויטן שטים אַ קלאַנג.

„נישט געפינען וועסט קיין טרייסט און פריידן,
מיט אונדזן געבונדן איז דיין גורל שוין פון לאַנג.
אונדזער יאָמער מיט דונער־עכאָ
אין נשמה דיינער זיך צושטורמען און דיך קוועלן,
נישט פאַרלאָזן וועט דיך ס׳טראַגישע באַוווסטזיין,
אַז נישט שטענדיק ביזט געוועזן דו עלנד.

עס רופט דאָס אַש פון די מאַרטירער צו נקמה,
טעג פאַרגיין — איינס צום צווייטן גלייך,

* דאָס ליד איז געוואָרן געשריבן און געלייענט אין קאַצעט.

און דיין יום־הדין וועט ציען זיך אַן ענד...
פול פאַרביטערונג ווערט דיין נשמה...
...אין חלום און אין וואָר וועסט רופן דו
די אומגעבראַכטע,
אין טאַרטורן, פיין — און נישט אין קאַמף געפאַלן.
דו וועסט נישט וויסן פון קיין רו און פרידן,
סיי טאָג, סיי נאַכט וועסט זיין דערפילט פון לייד
און קוואַלן.

די שאָטנס פון פאַרגאַזטע און פאַרברענטע
וועלן נאָכגיין דיר דיין גאַנצן לעבנס־וועג,
דיך דערמאָנען, אַז דיין יום־הדין
איז היינט אין מאָרגן און ביז ענדע פון די טעג!"...

איך וואלט גערן געוואלט גלויבן אין מענטש

אַ מוראדיקע אימה,
צו גלויבן אַ חיה, אַ בהמה
און נישט קיין מענטש.
נאָך מיידאַנעק און טרעבלינקע,
ווו לעבעדיקע מתים, ווי שטויבן,
האָבן זיך געוואַלגערט, אויף שטעגן און וועגן,
קען איך שוין מער נישט אינעם מענטש גלויבן.
נאָך די גיפטיקע גאַז־קאַמערן,
וואָס האָבן מענטשלעכע נפשות דערשטיקט,
הערסט?: — לעבעדיקן מענטשלעכן באַשאַף...
ווען צו מיר איז פון ווייט דערגאַנגען,
רויך־קאָשמאַר, פון ברענענדיקע לייבער,
האָב איך אויפגעהערט ,צו זיין אינעם מענטש
אַ גלויבער.

נאָך די מאָרד־לאַגערן: אוישוויץ, דאַכאַו,
ווו מ'האָט זויג־קינדער צעפליקט, ווי צויטן,
און דייטשע אכזרים
האָבן פאַרטראַכט „וויסנשאַפטלעכע" טויטן...
פון מענטשלעכע גופים, געשאַפן לעבעדיקע קברים...
דאָפ האָט מיין גלויבן אינעם מענטש צעשטערט.

וועסט זאָגן: — מענטשלעכער געדאַנק,
האָט באַזיגט די מיסטישע נאַטור
צעשפאָלטן דעם אַטאָם,
פאַראויס געשטויסן די קולטור,
אַז קינסטלערישע שיינקייט איז מעכטיק,
אַז פיל אידעען נייע זענען דערהויבן...

ביטער איז די וואָר,
אַז דאָס איז די טיראַניי פון היינטצייטיקן סדום,
וואָס האָט אין מענטש צעשטויבט מיין גלויבן.

ווער קען דען אויסצאָרענען ,דעם גרויסן צאָרן,
נאָך אַזוי פיל געהייליקטע קרבנות מיליאָנען,
פון לייבלעכע ברידער וואָס זענען געפאַלן,
דורך גאַז און קרעמאַטאָריע טאַרטורן...

ווער...? ווער וועט מיר באַווייזן?
אַז ראַפאַיעלס בילדער,
אָדער די מחשבות פון קאַנטן,
האָבן דעם מענטש געמאַכט מילדער
און פון דזשונגל אַרויסגעצויגן.

ווער...? ווער וועט מיר באַווייזן,
אַז מיט אַזאַ קולטור,
קען מען זיך גרויסן אָדער ערן...
ווער קען פאַרגלייכן מאַמעדיקע פיין,
פון וועלכע מען האָט קינדער —
ברוטאַל פון זייערע אָרעמס געריסן,
און דאָס געוויין אַן טרערן...

עפעס האָט דער קריג אין מיר אויפגעריסן,
וואָס יאָמערט אומאויפהערלעך און פאַרטויבט,
ווי גערן איך האָב זיך צו מענטשן געטוליעט,
און אַזוי שטאַרק אין מענטש געגלויבט.

(פון פויליש: קאַמעניעצקי)

צו גאָט

גאָט!
האָסט באַשאַפֿן דעם בליץ און דאָס פֿייער,
האָסט געבראַכט דעם לעבן צום אויסדרוק
און פֿאַרכשופֿט מיט סודות מיליאָנען,
אַ וועלט מאַשין מיט ברויזנדע כוחות
חיות און מענטשן מיט הערצער און מוחות;
דו מיט דיין וויסן און מאָס —
ענטפֿער אַ מענטש מיט פֿאַרצווייפֿלטן גלויבן
און אין האַרצן מיט בלוטנדע ווונדן:
פֿאַרוואָס ווען דו האָסט פֿאַרן מענטש געפֿילן געשאַפֿן,
האָסט אויך געוואָרפֿן אין לעבן די קוואַלן
צו פֿילן זיי אויך דאַמאָלסט ווען ס'גלוסט זיך
צו לאַכן
ווייל ווי קען דען לאַכן דער יתום אָן מאַמען?
און דער וועמעס טאַטע פֿאַרברענט איז געוואָרן
צו קען זיך דער אין לעבן נאָך פֿרייען?
און פֿאַר די, וואָס קאַנאָנען צעפֿרעסן זייער לייב,
צו איז נאָך פֿאַר זיי דאָ אין קבר אַ פֿרייד?
פֿאַרוואָס מיטן לעבן פֿאַרבינדן אַ טרויער
אַזוי ווייניק שמחה און טרויער אומגעהויער.
האָסט באַשאַפֿן דעם מח און אַ האַרץ ,וואָס זאָל פֿילן
און ווער דורשטיק נאָך גליק, פֿאַרוואָס קען אים
נישט שטילן.

און די פֿראַגע בלייבט אָן אַן עכאָ.
ענטפֿערסט נישט דעם געשריי פֿון מיליאָנען
און זעסט נישט פֿאַרפּייניקטע ליידנדע נשמות,
וואָס אין זייערע לעצטע גסיסה מינוטן
האָבן געבליקט צו דעם הימל,
אויף די ליפּן דיין נאָמען.
ווערט נאָך קומען אַן ענטפֿער פֿון דיר, גרויסער בורא?

איך וואַרט און איך וואַרט.
ביים פֿרימאָרגן און נאַכט,
און דאַן גנבעט אַריין זיך די שרעקלעכע פֿראַגע;
איך וויל זי נישט הערן.
כאַטש טיף אין מיין האַרצן
גריבלט איין זיך דער צווייפֿל
און אין אונטערבאַוווסטזיין איך טראַכט.
אויב עס איז טאַקע, די שטאַרקסטע פֿון אַלע
דיין מאַכט?

ד״ר י. נאָווער

(פֿון פּויליש: קאַמעניעצקי)

DR. J. NOWER

NIEMA PRZEBACZENIA...

Każdy z tych kogo Niemiec zabił
Był naszym bratem, kochał i cierpiał,
Tak samo jak my radował się wiosną,
I pragnął też mieć chwilę radosną.
Śnił o swem szczęściu, o pięknem jutrze,
Z dobrocią patrzał na małe dziatki,
Wyciągał ręce do życia i ludzi,
Lub w rozczuleniu tulił sią do matki.

Każdy z tych kogo Niemiec zabił
Był naszym drogim i kochanym bratem,
Miał swe przeżycia i swe tęsknoty.
Piosenki śpiewał i cieszył się kwiatem
W śmiertelnych chwilach ile cierpień
przeżył

Kto padł od krwawej niemieckiej ręki,
Pomyśl. ach pomyśl, ile się męczył,
Jak straszne były te ostatnie jęki.
Czy my możemy to wszystko zapomnieć
I choć na chwilę odetchnąć w spokoju...
Łzy tych zabitych rosa nam przypomni,
A wiatr ich skargi powtórzy...

Słyszysz jak siwy staruszek jęczy ?
To ojciec Twój, którego Gestapo w
Majdanku męczy...
Słyszysz pisk żałosny małej dzieciny ?
To Twoje dziecię coś pieścił i kochał...
Słyszysz tłumione w podziemiach krzyki
I rozpoczliwe wołania w nocy...
Słyszysz chrzęst kości, czujesz zapach trupi,
Widzisz skurczone w piecach drogie ciała...

Będziesz pamiętał klątwę Israela
Gdzie noga Germana będzie stąpała,
Z goryczą w piersi przypomnisz
Treblinki
Nie w imię zemsty, lecz sprawiedliwości,
Karzącą ręką dosięgniesz morderców
I krzykniesz : Niema przebaczenia,
niema litości...

הניה גוטליב

אחד באַטרעפט דרייצן...

אַזוי איז דאָס וואַסער געלאָפן אַרויף און אַראָפּ.
און אָט שטרעקט אַ כוואַליע — אַ זילבערנעם,
גרייז־גרויען קאָפּ;
עס קרעמפּן די כוואַליעס ריזיקע שרעקלעכע הענט.
און דונערס און בליצן געשרייען: — „דער ים ברענט!
ער ברענט!"
עס שטופּן זיך פּאַליעס און פּאַליעס אַריין קאַרעהאָד —
און שרייען און ברומען: — אחד — בלייבט אחד!...
„יחד באַטרעפט דרייצן; אחד איז גאָר איינס —*
איך וועל אייך איצט קלאָגן אַ ליד מיינס, אַ קליינס.
דאָס ליד איז געקנאָטן פון טרערן און בלוט
און ברענט, ווי אַ פייער אין האַרץ מיט זיין גלוט:
מען האָט דרייצן יידן אין אַ קרייז אין קייטן געשמידט,
און אַ שייטער צעלייגט אין דערמיט.
באַפוילן זיך דרייען אין טאַנץ — קאַרעהאָד —
און שרייען און רופן, און בעטן צו גאָט.
ווייל זייער גאָט איינער, די שבטים דאָך צוועלף;
זיי מוזן זיך דרייען און וויינען: — גאָט העלף!
דער גאָט און די שבטים — דרייצן אין צאָל —
טאָ יידן, פאַרפלוכטע, שרייט הויך אָפן קול.
„...איר ווייסט דאָך שוין אַבראַם, אַ דייטש שרייט
און לאַכט,
זיין איינציקן איזאַק — אַלס קרבן געבראַכט.
נאָר גאָט האָט געדוכט זיך, אַז איזאַק אַליין
איז ווייניק אַלס קרבן, פאַר אים איז צו קליין;
פאַרריכטן מיר איצט דאָ דעם פעלער פון גאָט: —
— איז דרייט אייך, פאַרפלוכטע, אין טאַנצט —
קאַרעהאָד!
— איז קלינגט מיט די קייטן וואָס איר זיינט
געשמידט
און טאַנצט אַרום שייטער, ביים קרבן — אַ ייד!
— איז יעדער פון אייך מוז אַן אַבראַם איצט זיין —
זיין איזאַק פאַרברענען, ווי שפּעטער וועט זיין."
עס דרייען זיך יידן מיט זילבערנע בערד —
עס קלינגען די קייטן, עס דרייט זיך די ערד.
דער שייטער שפּייט פונקען ביזן הימל, ווייט, הויך —
עס דרייט, ווי אַ שלאַנג זיך אַ שוואַרץ־שווערער רויך.
אַ לאַסט־אויטאָ קומט מיט געברום פונעם טראַקט
מיט יידישע קינדער, וואָס צאַפּלען פאַרפּאַקט.
נאָך צאַפּלען זיך קינדער, ווי פישלעך אין נעץ.
האַלב טויטע, דערשטיקטע, צעקלאַפּט — מיט איין זעץ.
דערשטיקט אין געשרייען, אין גרויליכסטן הילך,
און ווייטען, און ווייען פון ברוסט, מאַמעס מילך.
די אויגעלעך האַלב אָפן, און אויגעלעך פאַרמאַכט.
— איז דאָ נאָך אַ גאָט?

*

און יעדער פון דרייצן אַ קינד שלעפּט, באַקומט.
מוז'ס וואַרפן אין שייטער און שרייען: — אחד!
דאָס איז דאָך דער קרבן, וואָס וויל זייער גאָט.
„... — איז יודען, וויינט מוטיג, פאַר גאָט אייער
שטאָלץ
די קינדער אין פייער, זיי לייגט, ווי האָלץ.
— איינס — צוויי — דריי איינס — צוויי — דריי!
און דריי — אין דער קווער.
— יהווה איז דאָרשטיק, און דאַרף האָבן מער...
— איז מוטיג, פאַרפלוכטע, לייגט קינדער, מיט שטאָלץ.
די יידישע קינדער — מזבחשער האָלץ...
— די קינדער, זיי זיינען, נאָר פרוכט, אייער זינד'ס —
— איז איינס — צוויי, און דריי — פיר און...
ווידער אַ... קינד".
עס קלינגען די קייטן, עס טרייסלען זיך בערד.
דאָס פייער שפּייט פונקען; עס דרייט זיך די ערד.
אין געגנט, אַרום, איז גאָר פריילינג געווען,
דריי טעג און דריי נעכט האָט דער שייטער געברענט.
געשמעקט האָט געבראָטענס, מיט בלומען, מיט גראָז,
אַ בושל האָט זעלטן פאַרדרייט מיט זיין נאָז.
די זשאַבעס געקוואַקעט ווו ערגעץ באַם טייך;
זיך צווייגן געשושקעט, אַנטשוויגן גיך גלייך.
און אָט קומט אַן מיטוואָך, עס ברעכט זיך די וואָך,
עס לעבן נאָך דרייצן, זיי דרייען זיך נאָך.
קוים קלינגען די קייטן. באַפוילן: — „זיין שטיל!
זיך דרייען און אויסגיין", אַזוי ווי עס וויל
דער לייטנאַנט, דער עלטסטער, פון דייטשישער וואַך,

---

* אחד — דער רוף פון יידן צו גאָט אין געפאַר
(לויט בוכשטאַבן 1—8—4 — דרייצן).

ווייל דאָס טויטן אַ ייד איז די הייליקסטע זאַך.
ווען ס'האָבן געשוויצטע מער נישט געקענט,
נישט שטיין אויף די פוס, נישט הויבן די הענט
דאָס מויל מער נישט עפענען, די אויגן מער זען —
אין דאַן, ווי צום לעצטן באַפוילן געווען:
„— פאַרדרענגען, אין אַש־הויף, די דרייצן אין צאַל,
אַז ווערן זאָל רויך, אַז שטיל ווערן זאָל.
— איינס — צוויי — דריי, — איינס צוויי — דריי;
אין שייטער אַ שטויס".
אין אַש פאַלן דרייצן; דאָס אַש מישט זיך אויס
מיט ביינער פון קינדער, מיט זקנים באַנאַנד;
עס וויגן זיך בוימער — ס'איז זומער אין לאַנד.
דער פרילינג אַוועק איז, צו פרי, ווי פאַרקלעמט.
ער האָט מיטן זומער זיך טרעפן געשעמט...
נישט פרילינג, נישט זומער — אַ מיש־מאַש אַליין,
וואָס קיינער פאַרשטייט נישט און ווייסט נישט
זיין מיין...
געבליבן אים הייסט עס איצט נאָך דער שייטער „אחד".
אַ בערגל, אַ קבר, ווו ביי אַ וועג —
וואָס גרוילט גרוי, אין אומעט — די נעכט און די טעג.
— אָ, אונדזערע דורות! זויגט שנאה די דייטשן אַריין
אויסגעשטורעמט, זודיק, און וואַכזאַם זיין.
געבליבן פון דרייצן איז איינער אַ ייד,
ער זינגט אייך אין אָוונט דאָס דאָזיקע ליד.
ער שוועבט דאָ מיט בלוט, און מיט טרערן, געוויין.
דאָס וויינט אייער קינד דאָ, און איר אַליין.
— איז, הערט עס אין אָוונט באַנאַכט שוין און שפּעט,
אַזוי, ווי אַ קריאת־שמע, באַם שלאָפן, אין בעט;
אחד — באַטרעפט דרייצן — אחד — איז גאָר איינס.
— געוויינט אייך, אויך צו זינגען מיין ליד, מיין קליינס...

משה איזנברג (קיבוץ ניר דוד)

ביקור בדומברובה – אוקטובר 1945

בשהותי ברוסיה, בזמן מלחמת העולם השניה, הגיעו אלי הדים קלושים אודות יחס הדיכוי של הגרמנים כלפי עמים שונים שארצותיהם נכבשו, ובמיוחד כלפי הרוסים והקומוניסטים שביניהם. בין היתר נשמע לפעמים גם על עינויים ורציחות של האוכלוסיה היהודית. כמובן שהלב היה מתמלא חרדה לשמע כל אלה, אבל בנסותי לתאר לעצמי מה קורה שם, אף פעם לא העליתי על הדעת את גודל החורבן שפקד את אחינו היהודים, בכל מקום שבו נשארו תחת עול הכיבוש הנאצי. תיכף עם תום המלחמה, הקדשתי את כל מאמצי להגיע לפולין ולהיוכח.

מצאתי בפולין המשוחררת שרידים מעטים של יהודים, אשר רובם היו החוזרים מרוסיה שהתקבצו ונדדו ממקום למקום וחיפשו בין ה„אודים", בתקות שוא ברוב המקרים, למצוא מישהו מיקיריהם וקרובי משפחתם. האוכלוסיה הפולנית היתה עוינת, מי בגלוי ומי בצורה מרומזת, וכולם „מתפלאים" על העובדה שעוד נשארו יהודים חיים, ושהיטלר לא גמר עם כולם... אז נתגלה לי כל השבר שפקד אותנו, והסיפורים ששמעתי אודות ההשמדה המחישו לי זאת עד בלי די.

אודה על האמת, שבנסעי לדומברובה, אחרי כמה ימי שהות בפולין, השליתי את עצמי, שאולי בכל זאת ביהודי דומברובה זה לא כל כך פגע. בזכרוני עוד נשארה העיר כבשנת 1938, כשעזבתיה, מלאה יהודים.

בהגיעי נתקפתי הלם, שעודני מרגיש בו בכתבי שורות אלו, למראה תחנת הרכבת „דומברובה־גור" — ריקה כמעט, למרות שלפני רגע עצרה כאן רכבת מורשה. לא מצאתי נוסעים יהודיים שרגיל הייתי לראותם בתחנה ובסביבתה. מיהרתי העירה, שמא בכל זאת, אבל אבוי, אותה מציאות אכזרית: בעירי, כמו בכל מקום בפולין, אין למצוא יהודי, לא ב„אַלט דאָמבראָווע" בסביבות ה„שיל", לא ברחובות אוקשעי, 3 במאי, סוביסקי, עם שורות החנויות היהודיות.

הגעתי למקום שביליתי בו כל כך הרבה ימים ימים, קן השומר הצעיר וקצת הלאה ה„דרור". מיטב צעירי עירנו התרכזו כאן. כל ערב בילינו בסביבה זו, באוירה חינוכית, יהודית וחלוצית. כמה אסיפות, פגישות ופעולות ציוניות נערכו כאן. מכאן יצאנו לטיולי ל"ג בעומד שהיוו שיא לפעילות חלוצית וספורטיבית. והנה אני עומד באותו מקום ממש, (חייל במדים של הצבא האדום), ואין זכר לכל הנוער הנפלא הזה, כאילו אף פעם לא היה קיים. בחיפושי הגעתי ל„געמינע" היהודית, שהיתה כמעט ריקה מאדם. היתה שם רק מזכירה שהעתיקה את שמות יהודי דומברובה, מתוך רשימת הניצולים ממחנות ההשמדה. מצאתי שם את מכתבי, שכתבתיו מהצבא תיכף עם גמר המלחמה, ובו התענינתי בגורל קרובים ומכרים. תשובה לא קיבלתי, ועתה זה כבר לא היה נחוץ...

את הביקור בשכונתי — רדן — דחיתי לסוף. פחדתי לראות את האמת המרה, בפינה הזאת שהיתה פעם יקרה לי, ואשר ברובה היתה מאוכלסת יהודים. גם כאן חזרה אותה התמונה, אך בצבעים הרבה יותר קודרים, מכיון שבכל בית שאליו נכנסתי, ואשר ידעתי את בעליו ודייריו הקודמים, בכל מקום פגשתי פנים זרות. לרוב היו אלה שכנים פולניים מכל מיני סימטאות בשכונה ש„הצליחו" לתפוש לעצמם נתח כלשהו, רווי דם ויסורים. היו שעוד השתמשו בחפצים שונים שנגזלו.

אכן, רק בפולין יכול היה לקרות כזאת. לא במקרה בחרו המרצחים הגרמניים בפולין להקמת מחנות ההשמדה שלהם.

מרים כהן (מבית קאזשיך)

בדומברובה אחרי החורבן

כשאני מנסה אחרי יותר מעשרים ושלוש שנים, לשחזר את ההרגשה שהיתה לי בחזרי לעיר מולדתי דומברובה־גורניצ'ה, אני נתקלת בקשיים אבל — אנסה.

בגמר המלחמה גרתי בעיר בנדין. פשוט מפני שבבנדין התקבצו יהודים רבים. כל פעם רציתי לבוא לדומברובה, אבל פשוט לא היה לי האומץ.

יום אחד נסעתי, אבל רק ל„הוטה". הייתי צריכה להוציא מהעיריה את תעודת הזיהוי שלי, למרבה הפלא ישבו שם אותם הפקידים שמלפני המלחמה. חזרתי לבנדין אבל מאוד רציתי לבוא לרדן, בפרט משום ששמעתי שנשארה כעין „שמורת טבע של יהו־דים" ובה גרים חברינו שמעון רוזנבלום, יחיאל פלויס וחיים קריסטאל.

אחותו של חיים פייגל קוכאן עודדה אותי. נסענו בחשמלית עד מייסקה ומשם הלכנו ברגל. היינו שקו־עות בשיחה, המשכנו לספר אחת לשניה את קורותינו בזמן המלחמה, פתאום ראיתי שהגעתי עד „הטמאה".

אינני זוכרת אם זה היה במאי או ביוני, אני רק זוכרת שזה היה יום יפה ובהיר, זרחה אותה השמש שמלפני המלחמה... היה זה יום חול, אבל מין שקט ברחובות. הרגליים כבדו והילוכי נעשה מתון. כן, הגעתי לבית היהודי הראשון, הבית שהיה עד פרוץ המלחמה ביתי שלי, ביתה של חברתי תהילה לנדנר. קראנו לבית הזה „הארמון". עכשיו הוא ריק. אף אחד, כמדומני, מהמשפחה היפה, המשכילה, לא נשאר. הסתכלתי בחלון שבצד החצר, אולי אראה ראשה הנח־מד החייכני של תהילה, אך לא. עמדתי כמה רגעים בדומיה ועזבתי את המקום.

משני הצדדים של רחוב קרולובי־יאדויגי היו בתים יהודים, חנויות וחצרות שוקקות חיים יהודיים. ילדים יפים שנבאו להם עתיד גדול, ועתה מין שקט כבד היה ברחוב הזה.

בתיהם של גליקסמאן וליברמאן וכל הדירות המ־לאות יהודים; חנותו של מאנלה, שבימים הראשונים של המלחמה נהרג באופן טראגי, וביתו של יונגסטר, איפה כל הדיירים היהודים?

ביתו של האנדעק זשלאבסקי שרצה רק דיירים יהודיים, ואמנם בכל שלושת הבתים שלו גרו מש־חות יהודיות. בחזית גרו יהודים אמידים, בצד גרו אמידים פחות ובבית האחרון על יד ה„הולדה" גרו דיירים שלא תמיד היתה הפרנסה בת בית אצלם.

הבית הזה מלא זכרונות ילדות, כי שם נולדתי. תמיד אני מזכירה את הבית הזה בנוסטלגיה גדולה, ותמיד צצים לפני העניים השכנים, היהודים היקרים והטובים, שלמה ורבקה בילה הלפרין.

מה היה לי עוד לעמוד, להסתכל סביב סביב, וללכת הלאה. והבתים שרק אתמול המו מהמשפחות של גרוספלד ורוזנבלום, הגינה המטופחת בעיר המיכ־רות והפיח. והיהודים הטובים והחרוצים שנאבקו על פרנסת המשפחות מרובות הילדים. הם אינם עוד.

על מרפסת דירתנו ישבה קבוצה של גויים, שמחים ועליזים. לא עליתי. לשם מה לעלות? בעומדי ככה, שמעתי פתאום: תסתכלו! קוז'וכונה עוד חיה! הייתה זאת חברה פולניה מספסל הלימודים. לא עני־תי לה. חשתי מחנק בגרוני, אבל באותו רגע החל־טתי לעזוב בהזדמנות הראשונה את אדמת פולין הארורה.

ואמנם עזבתי בין הראשונים. נדדתי ארבע שנים עד שהגעתי לחופי הארץ.

יוסף יזרעאלי

דומברובה ב־1946

בשלהי 1945 אירגן הקבוץ המאוחד סמינר לשליחים, אשר היה מתפקידם להגיע בדרכים שונות אל ריכוזי היהודים באירופה המשוחררת. הגיעו ארצה ידיעות שבורשה ובלובלין התחילו להתקבץ כמה רבבות יהודים מפולין שניצלו וכן אלה שהגיעו מברית המועצות, ליטה ועוד. ורשה שוחררה בינואר 1945. לפני כן נקבעה לובלין כבירה זמנית. שם התחילו לראשונה להתקבץ שרידי היהודים מפולין שניצלו. היבהבה התקוה שכל הניצולים מגרמניה ומברית המועצות יחזרו. סופר לנו בארץ שראשי המחתרת היהודית בפולין והגופים החלוציים, החלו לארגן מחדש את החלוץ ואת תנועות הנוער כדי לשלחם כקבוצות מאורגנות בדרכים שונות לארץ.

נקראתי להשתתף בסמינר לשליחים בגבעת השלושה בו לקחו חלק כ־100 חברים מועמדים לשליחות לאיטליה, צרפת ולמזרח אירופה. (מקומות ריכוז של ניצולים יהודיים). הסמינר ארך 6 חודשים. בחורף 1946 התפזרו השליחים לארצות שונות ובדרכים שונות למקומות ריכוז יהודיים ולנקודות עליה. המנדט הב־ריטי הצר את דרכנו ולא קל היה לקבל רשות יציאה למטרות אלו. היה צורך להסוות את יציאתנו באמתלות שונות. אני הייתי בין אלה שנועדו לצאת לפולין, שם פעלו כבר שליחים אחדים מהארץ בשיתוף עם שרידי הפעילים מהנוער המקומי. בדרכים לא דרכים דרך צרפת, גרמניה וצ׳כיה, עם שיירות „רפריאנטים" (חוז־רים למולדתם) הגעתי לגבול פולין. כאן אפשר היה לראות את נדידת העמים: אלה חזרו למולדתם ואלה (הגרמנים) הוחזרו למולדתם. היהודים גם כן „חזרו", אך לא היה להם לאן לחזור. בתיהם נהרסו ונתפסו מזמן ע״י הפולנים, וברכבות התפלאו הגויים לראות יהודים רבים. „עוד הם ישנם"! לעגו, ושרו שירים בעגה יהודית. למרות שהאנטישמיות היתה אסורה ע״י השל־טונות, היו ברכבות מקרי פגיעה ביהודים, בעיקר ע״י אנשי הכנופיות, שרידי „האנדקים", שהשתוללו אז בפולין.

הגעתי לפולין בפסח תש״ו — 1946. ורשה היתה הרוסה ברובה. בפרגה השלמה היה ריכוז גדול של ניצולים יהודיים וגם קיבוץ הכשרה של נוער חלוצי. המוסדות היהודיים התרכזו בלודז׳, שם היה מרכז השליחים מהארץ. תנועת החלוץ בפולין הלכה וגדלה לחזור למולדתם, ואז החלה נהירה המונית של יהודים ובני נוער. תנועת החלוץ וכל המפלגות הציוניות הקימו קיבוצי הכשרה בערי הנמל: שצ׳צין, דנציג ועוד, וכן בערים בנידר־שלזיה לאורך הגבול הצ׳כי, דרכם הועב־רו יהודים ללא סידורים פורמליים לצ׳כיה ומשם לחופי צרפת ואיטליה. השלטונות הפולניים והצ׳כיים העלימו עין מכל הפעולות האלה.

לאחר ימי שהות אחדים בלודז׳ ובוורשה נקבע מקומי לפעולה בקיבוצי הכשרה של „דרור" בערי הגבול שבנידר־שלזיה. בדרך לוורוצ׳לב היתה התחנה הראשונה שלי סוסנוביץ. עוד בלודז׳ נודע לי שבדומ־ברובה ובבנדין אין יהודים רבים, והקהילה הגדולה ביותר היא בסוסנוביץ. ואכן ב־1946 היתה סוסנוביץ העיר המאוכלסת ביותר ביהודים שחזרו, מי מרוסיה ומי מגרמניה וממחנות הריכוז במקומות אחרים. הרחו־בות היהודיים על דירותיהם נתפסו לאחר סילוק הגר־מנים. התארגנו ועד קהילה ומוסדות עזרה ויהודים החלו לחפש פרנסה. רבים עוד לבשו בגדי צבא רוסיים אם מתוך הרגל, אם מתוך חוסר בבגדים אחרים. בעלי מלאכה פתחו סדנאות ואחרים עסקו במסחר. קנו בזול בשלזיה התחתונה מידי הגרמנים ומכרו במחירים טובים ב־גלמביה.

הלכתי לועד הקהילה לחפש בכרטסת שמות משפחה. אך הכתובות היו משובשות. בעיר פעל קיבוץ הכשרה „דרור" ובו כ־30 בחורים ובחורות. שם פגשתי בקריב משפחה, אובזינסקי אברהם וחברתו סימה (כעת בקרית ביאליק), ממנו נודע לי שאחי אברהם נמצא בעיר וכן קרובי משפחה ממשפחת בייטנר. לאחר שעה קלה מצאנו את אחי אברהם וכלתו (כעת בפתח־תקוה), ואת רבקה ויהודה ביטנר (כעת בבת־ים) ואת אחיהם טוביה (שהיגר אח״כ לארה״ב). כל אותו לילה ישבנו רכוני ראש ובפי כל אחד ספור שונה על תלאותיו, זוועות הגירוש, ההתעללות והבריחה. הזכרונות היו טריים עדיין והמספרים היו מחדשים את כל סיוטי השואה. אברהם אחי סיפר לי על גורלם המר של הורי ז״ל. אחיותי הצעירות שרהלי ואסתר (בנות 18—16)

נצמדו להורים ולא רצו להפרד מהם. ליד קרונות המשלוחים עשו הגרמנים נסיון להפרידם, וכשלא הצליחו נשלחו יחד אתם לאושויץ. הוא ואחיו שמעון החליטו להגיע עד הגבול הרוסי. בתלאות וסכנות באו ללבוב, שם נמלך שמעון בדעתו והחליט לחזור לזג־למביה, הוא לא נתן הסבר למעשהו. כל ההפצרות לא הואילו, משערים שהוא חשש מהרוסים יותר מאשר מהגרמנים. מאז נעלמו עקבותיו ואין יודעים עליו דבר. אברהם הגיע לברית המועצות יחד עם זרם גדול של פליטים ואנשי הצבא הפולני. הוא התגייס לצבא האדום, נלחם בחזיתות, נפצע ולבסוף שוחרר עם הניצחון. זה שלושה חודשים שחזר משם ובה אל החורבות העשנות, והוא מתרוצץ לבוש ב„שינל" הרוסי ואינו יודע מנוחה. כך נפגשתי בסוסנוביץ עם האח הניצול היחיד ממשפחה שלמה.

סיפורם של רבקה וטוביה, בעלי „מספרים" על הזרוע, היה דומה לסיפוריהם של אלפים כמותם והמילים: אקציה, סלקציה, שוטרים יהודיים, „יודן אלטסטר" ו„קצט" היו שכיחות. הלב התכווץ מחרטה ורגשי אשמה: כיצד לא ידע הישוב היהודי בארץ מה שעבר על יהדות זו, ששתתה את כוס התרעלה עד תומה?

למחרת נתלוה אלי טוביה ושוטטנו בסימטאות העיר. הרובע היהודי נתפס ברובו ע"י פולנים לא מקומיים — „כאן גרו ההורים שלך שעברו מדומברובה לפני החור־בן" — „כאן התגורר הדוד ווז'ניצה" — „פה היתה חנותו של אחיך אהרון־דוד". אהרון־דוד היה הבן הבכור במשפחתנו, בחור מסורתי מאנשי המזרחי. אבא הפיק ממנו נחת כצאצא יחיד שהלך בדרך האבות. כשהתחתן עבר לגור בסוסנוביץ. בנה משפחה, נולדה לו בת וחותנו עזר לו להרויח את מחיתו מחנות לצרכי כתיבה. כשנתפרדה החבילה בבית בדומברובה, והבנים התפזרו זה לכאן וזה לכאן, הציע אהרון להורים לעבור לסוסנוביץ. כשהתחילה האקציה ברובע הזה לא ראו את אהרון, וחשבו שאולי הם הצליחו להסתתר אצל לא־יהודים. אך הסביבה היתה עוינת ליהודים והתקוות קלושות. מי יודע, אולי מסתובבת לה אי שם נערה בשם מדז'ה, כבת 25, בתו של אהרון.

ביום אביבי יפה ובהיר עלינו על החשמלית ונסענו לדומברובה. עזבתי את העיר ב־1932, בסך הכל עברו מאז 13 שנים ואיזה שיממון, ריקנות ודיכאון. ירדנו ברדן והלכנו לפי הבתים: כאן היה גר פלוני ושם אלמוני — הכל תפוס, אך החנויות פתוחות. החנויות נהפכו למגורים. הגענו לביתו של יוסף רוזנבלום, שם גרו הורי. החנות היתה סגורה, נכנסתי בשער והצצתי לחלון של החדר האמצעי. אשה היתה טורחת בפנים. הסתובבתי בחצר, נשים עסוקות בכביסה ובבישול. הצצ־תי לחדר המטבח. שואלים אותי: את מי אדוני מחפש? מה יכולתי לענות? דימיתי בנפשי שהנה תצא שכנה מוכרת משכבר. אולי אשמע את קריאותיה של אם אל בנה ביידיש קונגרסאית. הסתכלו עלי בחשדנות והלכתי משם.

הלכנו שותקים לאורך המדרכה של הרחוב הראשי וכל אחד שקוע בזכרונותיו, והנה שמענו קריאה ביידיש: הי, אתם! היה זה הרשל רוזנבלום. היכרנוהו מיד. נכ־נסנו לבית, זה היה בית הוריו, בית נמוך עם גג משופע, אולי הבית היחידי שלא נתפס ע"י הגויים.



רחוב מיעסקאַ (שופענא) בלי יהודים
די מיעסקי־גאַס אָן יידן

הרשל סיפר לנו שאיננו יחידי כאן והביא אותנו אל בית סמוך. שם, בעלית הגג, מצאנו יהודי כבן 35 ליד מכונת תפירה, כנראה חיט, יהודי לא מקומי, מן הס־ביבה הקרובה שנקלע באקראי ואתו אשה צעירה ששמה כמדומני טובה. ישבנו ודברנו. אני שאלתי והרשל ענה. החיט שתק. הרשל היה בין הראשונים שהזרו. כשפגש בזוג הזה, לגמרי באקראי, הביא אותם לכאן. לשאלתי מי עוד מהיהודים נמצא כאן ברדן ענה שאף אחד, פרט לאחד קלמן הרשקוביץ. נפרדנו מהם והלכנו לכיוון בית החרושת לניר זפת של לייבל סטז'יגובסקי. במשרד פגשנו בקלמן. תחילה דיבר אתנו פולנית, אך

כשיצאנו מהמשרד עבר לדבר ביידיש וספר שהשלטו־נות מסרו לו, כקומוניסט ותיק ופעיל, את הנהלת המפעל, שהגיע להשגים עצומים. שאלנו כמה פועלים עובדים? ענה שארבעים. שאלתי איך אינו חושש לחייו: יהודי בודד בין גויים רבים ועוינים ויחסי עבודה לא קלים. ענה: חס וחלילה, הם אינם עוינים, וחוץ מזה את הגרוע ביותר בחייו כבר עבר ומה יכול עוד להפחידו? ביקשנו לראות את אשתו וילדיו אך הוא היסס וענה מה שענה. כנפרדנו ליוה אותנו והפטיר: לו יכולתי להתחיל בחיים חדשים, „אפילו בפלסטינה". אבל אני איש כבול ואבוד.

חזרנו ברגל עד הוטה בנקובה. חיפשנו שם יהודים. טוביה הכיר את מישהו ברחוב ושאל בפולנית מי מהיהודים נשאר כאן בהוטה. האיש אמר לו שד"ר מיטלמן ועוד מישהו. אכן זה היה הסך הכל: 4 ברדן ו־2 בהוטה. עברתי על פני חנותו של אינגר ממנה בקעו קולות שירה ורעש — מועדון הצופים הפולנים. לרחוב החלו לזרום פועלי המיכרות המפוייחים התנו־עה גברה, הרחובות התמלאו אנשים. אכן, הכל שריר וקיים, הכל זורם עם הזמן. רק היהודים אינם עוד.

גמרתי אומר לבוא עוד פעם, כעבור זמן מה, לעבור עוד פעם ברחובות ולחפש את חלום הנעורים מאז. עוד פעם להציץ לדירת ההורים, לבית הילדות, אך הדבר לא עלה בידי. העבודה בתנופה, זרם הפליטים החוזרים התגבר. דחף פנימי אמר לי, ברח! שלח את האנשים הלאה. וכך עשיתי.

צענטראלע היסטארישע קאמיסיע

ביים צענטראַל קאָמיטעט פון די באַפרייטע יידן אין דער אַמעריקאַנער זאָנע

היסטאָרישער פראַגעבויגן

וועגן חרוב געוואָרענע יידישע ישובים און אומגעקומענע יידישע פערזענלעכקייטן

1. שטאָט?
דאָמבראָווא־גורניטשאַ, קרייז — בענדין, לאַנד — פוילן.
2. וויפל יידן האָבן דאָרט געלעבט ביז דער מלחמה?
6 טויזנט יידן.
3. ווי אַלט איז געווען דער יידישער ישוב? 50—60 יאָר.
4. וואָס זענען דאָרט געווען די הויפּט־מקורות פון פרנסה?
האַנדל, האַנטווערקער.
5. וועלכע און וויפל קהלשע מוסדות, געזעל־שאַפטלעכע קולטור־אַנשטאַלטן, פאַראיינען און אָרגאַניזאַציעס זיינען געווען אין שטאָט און וואָס איז היינט זייער גורל? (ווי שולן, בתי־מדרשים, ישיבות, בית־הקברות; מושב־זקנים, קינדער־היימען, שפּיטאָלן, לינת הצדק; לערן־שולן, ביבליאָטעקן, אָוונט־קורסן, דראַמאַטישע־קרייזן; קאָאָפּעראַטיוון, בענק, גמילת־חסד; פּראָפעסיאָנאַלע און האַנטווערקער־פאַראיינען; פּאָליטישע פּאַרטייען א.א.וו.)?
אַ קהילה, אַ שטאָט־שול, 1 בית־המדרש, עטלעכע חסידים־שטיבלעך, אַלע יידישע אָרגאַניזאַציעס, פּראָפ' פאַראיינען, 2 ישיבות, 1 בית־הקברות, 3 ביבליאָטעקן, אָוונט־קורסן, דראַמ. קרייז, קאָ־אָפּעראַטיוו, 1 באַנק, גמלת־חסד־בנק.
6. וועלכע זעלטנהייטן האָבן זיך געפונען אין קהלשן באַזיץ און אין פּריוואַטע הענט, און וואָס איז היינט זייער גורל? (ווי געביידעס, מצבות, פּנקסים, תשמישי־קודשי — ווי פּרוכתן, עטרות, בשמים־ביקסלעך, ספרים, בילדער א.א.וו.)

*

7. די וויכטיקסטע פּאַסירונגען אין שטאָט פון אָנהויב מלחמה (1.9.1939)
א) ביז דער נאַצי־אָקופּאַציע:
3.6.1939 אַריינמאַרש פון דייטשן מיליטער. יידן ווערן אַרויסגעשטויסן פון זייערע אַרבעט און געשעפטן.
11.9.1939. דאָס 1־טע געזעץ וועגן ווייסע אָפּאַס־קעס.

יידן טאָרן זיך נישט באַווייזן אין די גאַסן, אויסער די אָנגעוויזענע שעהן, ווי אויך אַ באַגרענעצונג זיך צו באַווייזן אין די גאַסן. יידן מוזן צושטעלן צוואַנגס־אַרבעטער.

ב) אונטער דער נאַצי הערשאַפט: (דאַטע פון אַריינמאַרש, די ערשטע פאַראָרדנונגען קעגן יידן; ערובניקעס, קאָנטריבוציעס, קאָנפיסקאַציעס, געטאָ (אָפענע אָדער געשלאָסענער). עינויים, בערד שניידן, אָפּצייכנונגען, צוואַנגס־אַרבעט, דאָס איבערזידלען יידן פון שטאָט אין אַנדערע מקומות אָדער פאַרקערט, פאָגראָמען, עקזעקוציעס, רויבערייען, ווי אַזוי איז געשען די ענט־גילטיקע ליקווידאַציע פון ישוב? — דאַטע.)

אָקטאָבער 1939 רעאָרגאַניזאַציע פון דער יידישער קהילה, טייל מיטגלידער ווערן אַרעסטירט און אויף זייער אָרט קומען פרישע.

די קהילה ווערט גערופן יודנראַט, וועלכער ווערט אָנגעשלאָסן צום יודנראַט אין סאָסנאָוויעץ.

8. באַציאונג און האַנדלונג פון דער נישט־יידישער באַפעלקערונג. אַנטיסעמיטישע שטימונג.

9. האָבן די יידן אין דעם אָרט אָרגאַניזירט אַ ווידער־שטאַנד?

ניין.

10. צאָל לעבנגעבליבענע פון דער שטאָט?

50 מאַן —

א) דורכגעמאַכט קאַצעט?

10 מאַן.

ב) זיך געראַטעוועט דורך אַנדערע אופנים און וועלכע?

40 מאַן דורך עמיגראַציע.

11. אָנגעזעענע פערזענלעכקייטן: (נאָמען, עלטער, באַרוף, טעטיקייטס־געביט. דאַטע און אופן פון אומקום).

ד״ר גליקשטיין (מעדיצינער) און זיין פרוי ד״ר שמידעל (סטאָמאַטאָלאָג). צוגענומען זיי אַלס ערובניקעס אין יאָר 1939 און מער נישט צוריק־געקומען. פאָמ. רעכניץ, אייגנטימער פון קאָפּאַל־ניעס, פאַרנומען זיי אין יאָר 1940. ברידער קליין, אייגנטימער פון אַ גרויסע מעטאַל־פאַבריק. 1 ברו־דער געשיקט קיין מיסלאָוויטשע אין יאָר 1940, דעם צווייטן, וועלכער האָט געפרוווט אַנטלויפן, האָט מען געכאַפּט. אין יאָר 1943 איז ער דער־שאָסן געוואָרן.

יידן גייען צו שוואַרצער אַרבעט. מיט דער אַרבעט פירן אָן פאָלאַקן. די יידן ווערן שטאַרק שיקאַנירט ביי דער אַרבעט. עס ווערן געטריבט יידישע געשעפטן.

סוף 1939 ווערן פאַרהאַלטן 20 מענער אַלס ערוב־ניקעס און אָפּגעשיקט קיין בענדין, אין טורמע.



קדיש על קבר אחים יהודי נרצחי הנאצים

אַ קדיש אויף אַ ברידער־קבר — דערמאָרדעטע דורך די נאַצי מערדער

אַנפאַנג 1940 ווערט אַרויפגעלייגט אַ קאָנטריבוציע פון געלט.

באַלד נאָך דעם אַריינטראָגן די קאָנטריבוציע איז גלייך אַרויפגעלייגט געוואָרן אַ צווייטע פון 5 קג. גאָלד, 30 קג. זילבער און אויך פוטערס. דאָס יידישע לעבן איז הפקר. די געסטאַפּאָ־לייט גייען אַרום אין די וווינונגען מיט הינט און מאָרדן יידן אויף פאַרשידענע אופנים.

מערץ 1940 : יידישע אינדוסטריעלע און אייגנ־טימער פון גרויסע געשעפטן ווערן באַזייטיקט פון זייער אייגנטום.

1940.10.27 ווערט געשאַפן דער אַרבעטס־איינזאַץ אין די אַרבעטס־לאַגערן.

אַנפאַנג 1941 האָט קיין איין ייד זיין אייגן געשעפט געהאַט.

אויגוסט 1941 ווערן אַ סך יידן מאָביליזירט קיין דייטשלאַנד אויף אַרבעט.

יוני 1942 קומט פאָר די ערשטע אַקציע. מען האָט צוזאַמענגעטריבן מענער, פרויען און קינדער און זיי אָפּגעשיקט קיין אוישוויץ.

אויגוסט 1942 קומט פאָר די צווייטע אַקציע אויפן זעלבן אופן.

אין משך פון די צוויי יאָר קומען פאָר פאַרשי־דענע ווערבירונגען אויף צוואַנגס־אַרבעט קיין דייטש־לאַנד.

סוף 1942 אָנהייב 1943 ווערט געשאַפן דער יודנ־געטאָ אויף דער מיעסקאַ גאַס, פון דאָרט ווערן זיי ווייטער איבערגעזידלט אין אַלגעמיינעם געטאָ שרו־דולא, וועלכער איז געווען גלייכצייטיק דער געטאָ פאַר סאָסנאָוויעץ, בענדין און אומגעבונג.

אויגוסט 1943 — עס ווערט געשאַפן אַ צוואַנגס־לאַגער אין בענדין, ווו עס האָבן באַקומען אַרבעט צירקאַ 50 יידן און דעמאָלט ווערט דאָמבראָוואַ גור־ניטשאַ יידנריין.

איבערגעגעבן דורך ב ל אַ ט

הײדענהײם, בײערן, 1948.1.18

מרדכי שענקער

מלחמה איבערלעבונגען

מיטן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, מיטן אַריינמאַרשירן פון דייטשן מיליטער אין פוילן, איז אָנגעפאַלן אַ פּחד אויף די יידן אין שטאָט. פרייטיק דעם 1טן סעפטעמבער האָבן די באַוואָפנטע דייטשע בעסטיעס אַריינמאַרשירט קיין פוילן.

אין ס'רוב יידישע שטובן מאַכט מען פעקלעך און מען שלאָגט זיך מיט דער דעה — יאָ לויפן, נישט לויפן. מאַמעס און יונגע פרויען עצהן זייערע קינדער און מענער, זיי זאָלן אַנטלויפן און זיך ראַטעווען. אַלע פון מיין משפחה: מיינע עלטערן ז"ל, 7 שוועסטערן און צוויי ברודער מיט אייניקלעך און אוראייניקלעך, פאַרזאַמלען זיך ביים טאַטן אין שטוב און וואַרטן אויף זיין וואָרט, וואָס ווייטער צו טאָן. מיין טאַטע האָט געוויינט. דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבן האָב איך געזען מיין טאַטן וויינען און די טרערן האָט ער זיך געווישט מיט אַ טיכל. מיט פאַרקלעמטע הערצער האָבן מיר זיך אַלע פאַרזאַמלט אַרום אים און געשוויגן. עס האָט קיינער קיין מוט נישט געהאַט דעם טאַטן צו פרעגן, אָבער ער האָט אַליין מיט אַן איינגעבראָכן קול געזאָגט: „הערט, קינדער, איך בין שוין אַ ייד אויף דער עלטער, איך האָב שוין דורכגעלעבט מלחמות און איך ווייס וואָס דאָס מיינט — משפחות ווערן צעריסן און פאַרטראָגן אין אַלע עקן וועלט. מענער צעשיידט פון זייערע פרויען, עלטערן פון קינדער און שוועסטער פון ברידער. צוזאַמען מיטן חורבן, עפּידע־מיעס און הרוגים, ברענגען מלחמות צו היימלאָזיקייט און פאַרוואָגלטקייט. די מלחמה, זאָגט מיר דאָס האַרץ וועט זיין שרעקליכער פון אַלע איצטיקע מלחמות. השם יתברך זאָל זיך מרחם זיין. איך וויל אייך אויך זאָגן קינדער, אַז... עס איז אים שווער געווען צו רעדן, די טרערן האָבן אים געשטיקט, און זיין ווייסע באָרד האָט געציטערט, ער האָט זיך אָבער געשטאַרקט און פאַר־געזעצט: „איר זאָלט זיך ווי ווייט מעגלעך האַלטן אַלע צוזאַמען, העלפן איינער דעם אַנדערן, טיילן זיך מיטן לעצטן ביסן, און מיר בלייבן דאָ און מיר גייען נישט פון אונדזער היים, ווו דער שונא וועט אונדז

דעריאָגן, און וואָס עס דאַרף געשען זאָלן מיר אַלע זיין צוזאַמען דאָ אין דער היים, און דער אויבישטער זאָל העלפן, אַז מיר זאָלן ווייטער בלייבן צוזאַמען".

און מיר, די גאַנצע משפחה, זענען געבליבן אין דאַמבראָווע.

פלוצלינג דערהערן מיר אַ געלויף אויף דער גאַס. מיר קוקן אַרויס דורך די פענצטער און דאָס גאַנצע בלוט נעמט אונדז גליווערן. זיי זענען דאָ! ניין, עס איז נישט אמת, דאָס דער טייוול איז נישט אַזוי שרעקלעך ווי מען מאָלט אים! דער טייוול איז טויזנט מאָל שרעקלעכער ווי מיר האָבן זיך אים פאָרגעשטעלט. אָט איז זיין אַריינקום, אַ לאַנגע רייע דייטשן מיט העלמען אויף די קעפ און רעוואָלווערן אין די הענט, טראָגן זיך איבער די גאַסן און שרייען — „יודן! יודן! יודן!"

„רבונו של עולם!" שרייט אויס די מאַמע און ברעכט זיך די הענט, דער טאַטע שטייט ביים פענצטער ווי געליימט און קאָן זיך פון אָרט נישט רירן. שווערע און גרויזאַמע טעג און חדשים האָבן זיך אָנגעהויבן אין דער צייט פון דער קריג, שווערע וואָלקנס ווי פאַר אַ שטורם. אַזוינע שווערע צייטן רוקן זיך אונטער פאַר די יידן אין דאָמבראָווע. דער געראַנגל צום לעבן און פרנסה איז געווען דאָס הויפּט־פּראָבלעם. די גאַנצע לאַסט איז געפאַלן אויף מיין עלצטן ברודער יעקל ז"ל און אויף מיר, ווייל מיין פאָטער מיט דער לאַנגער באָרד האָט נישט געקאָנט אַרויסגיין אין גאַס צוליב דער סכנה.

באַלד אין אָנהויב פון דער דייטשער אָקופּאַציע, אין יאָר 1939, האָבן די דייטשע באַנדיטן פאַרשקלאַפט דאָס פּוילישע יידנטום. יידן האָבן געמוזט אויספירן די שווערסטע און שמוציגסטע אַרבעטן. די אַרבעט וואָס מען האָט געצוווּנגען די יידן צו מאַכן, זענען נישט שטענדיק געווען נויטיק. גאַנץ אָפט איז דער ציל פון אָט די אַרבעטן געווען צו דערדריקן און דערנידעריקן דעם קערפּער און דעם גייסט פון יידנטום. און די דאָמבראָווער יידן זענען נישט געווען קיין אויסנאַם אין דעם ביטערן גורל.

אין דער צווייטער העלפט פון יאָר 1940, איז אַריין, אין קראַפט דאָס געזעץ פון צוואַנגס־אַרבעט, דעמאָלס ענטשטייט די יידישע קולטור־געמיינדע („יודנראַט") און אַן אַרבעטס־אַמט. היות איך בין געווען דער יונגסטער ברודער, האָב איך זיך געמאָלדן צו דער אַרבעט. מען האָט פאַרזיכערט אַז דאָס וועט נאָר נעמען דריי חדשים און מען קומט צוריק אַ היים. דאָס איז געווען אין יאָר 1941 ווי איך האָב זיך געזעגנט מיט מיינע נאָענטסטע און ליבסטע, וועלכע איך האָב זיי שוין קיינמאָל מער נישט געזען.

זייענדיק אין לאַגער האָבן די ליבע עלטערן זיך באַמיט אויף פאַרשידענע וועגן מיר צו העלפן, וויסנדיק ווי מיר הונגערן און אַרבעטן שווער.

דאָס לאַגער־לעבן איז זיך „געפלאָסן" ווי אַ טייך פון פּעך און שוועבל; ווי דער „סמבטיון" וואָס שלײדערט מיט שטיינער און רוט נישט. פאַרטאָג און פאַרנאַכט זענען מיר געשטאַנען שעה'ן לאַנג אויפן פראָסט צו די אַפּעלן, מען האָט אונדז געציילט ווי אײדלשטיינער וואָס קיין איינער טאָר נישט פעלן, געציילט, איבערגעציילט און ווידער געציילט. דער „אויוון" האָט געברענט אָן אויפהער. פון יעדן ווינקל אין אייראָפּע, וווּ דער טייוול האָט זיין פוס געשטעלט, האָט מען געהאַלטן אין איין ברענגען טראַנספּאָרטן יידן. אַן אומאויפהערלעכער שטראָם פון יידן צום קרעמאַטאָריום־בנין, און — אַ שרעקלעכער רויך פון קוימען.

פון צייט צו צייט זענען פאָרגעקומען סעלעקציעס צווישן אונדזערע לאַגערניקעס — ווער צום אויוון, און ווער צו דער אַרבעט. גייענדיק מידע און צעבראָכענע פון דער אַרבעט, האָבן מיר געמוזט זינגען דייטשע לידער, ביים לאַגער טויער האָט מען אונדז געציילט. דער אויוון פלאַקערט. פון אויוון שפּאַרן זיך שוואַרץ־רויטע פלאַמען־צונגען וואָס ווערן שפּעטער דערשטיקט אין געדיכטן רויך וואָס שטיקט אויך אונדזער אָטעם.

זייענדיק אין פאַרשידענע לאַגערס איז מיר אויסגעקומען זייער שווער צו אַרבעטן און נאָך דאַצו גאַנץ גוט צו הונגערן, אָבער איך האָב אויך געהאַט מזל. אין לאַגער „פינף טייכן" האָט מען מיך אַריינגענומען אַרבעטן אין דער קיך. מיין באַגער איז געווען צו העלפן מיינע נאָענטע און באַקאַנטע, מיט וואָס עס לאָזט זיך, הגם דאָס איז נישט געווען אַזוי לייכט און אַפילו מיט איינשטעלן מיין לעבן.

אַלעס וואָס איך האָב איבערגעלעבט אין די מלחמה־יאָרן, האָב איך פאַר ליב גענומען מיטן געדאַנק און האָפנונג אַז די מלחמה וועט זיך ענדיקן, און איך וועל זוכה זיין ווען צו טרעפן פון מיין משפחה. גלייך ווי דער קריג האָט זיך געענדיקט, האָב איך אָנגעהויבן אַרומפאָרן און זוכן איבער אַלע לאַגערן,

אפשר וועל איך האָבן מזל, און עמיצער איז דאָך געבליבן לעבן פון מיין משפחה. דער גורל האָט געוואָלט אַז עס איז בלויז געבליבן לעבן מיין שוואָגער יוסל דוד טעקעל און זיין זון אברהם בער, ווי אויך לייביש לעסורגן, דער זון פון מיין עלצטע שוועסטער טייבעלע, און מיין שוואָגער שלמה נוימאַן, וועלכער איז גלייך נאָך דעם קריג פלוצלינג געשטאָרבן. פון מיין שוואָגער יוסל דוד בין איך געוואָר געוואָרן אַז נאָך מיין אַוועקפאָרן אין לאַגער אַריין איז מיין פאָטער קראַנק געוואָרן און איז געשטאָרבן אין דאָמבראָווע ל״ג בעומר, אין יאָר 1942. אין יאָר 1943 איז געווען די אַלגעמיינע אויסזידלונג, און אַזוי האָבן די רעשט פון מיין פאַמיליע געטיילט דעם גורל מיט די אַנדערע יידן פון דאָמבראָווע.

זייענדיק אין לאַגער „פינף טייכן" איז פלוצלינג געקומען מיט אַ טראַנספּאָרט מיין שוואָגערס זון אַב־רהם בער און מיין שוואָגער יוסל דוד טעקעל, און נאָך אַ שוואָגער — שלמה נוימאַן. מיר האָבן זיך געהאַלטן צוזאַמען ביז צו דער עוואַקואַציע אין לאַגער דאַכאַו, און דאָרט צוזאַמען געוואָרן באַפרייט.

